STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04439

FERTSIK YOR YIVO GEZELSHAFT IN GROYS-MIAMI, 1947-1987

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערציק יאָר ייִוואָ געזעלשאַפט
אין גרויס מיאַמי
1987 — 1947

פּערציק יאָר
„פֿאָרווערטס״
געזעלשאַפֿט
אין גרויס-מיאַמי
1987-1947

אַרויסגעגעבן פֿון דעם מיאַמי ייוואָ־קאָמיטעט
אונטער דער רעדאַקציע
פֿון ל. לאַסאַווין
גרויס־מיאַמי 1986

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן
מיט דער פינאַנציעלער הילף פון
גיטל קאַהן
פּאַרזיצערין ייווא־קאָמיטעט אין מיאַמי

דער אַדרעס וואו מ׳קען באַקומען דעם ייווא־בוך איז:
GITL KAHN
1340 Lincoln Road
Miami Beach, Fl. 33139

שער־בלאַט געצייכנט פון חנן קיעל

Printed in the United States of America

פרעזידיום:

גיטל קאַהן — — — מרדכי גלייבערמאַן

מנשה פעלדשטיין — — — — — — קאַסירער

קלאַראַ ווײַסמאַן — — — — — — פינאַנץ-סעק.

מרים בערנהויט — — — — — — פראַטאָקאָל-סעק.

מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע:

אליעזר אַראַנאָווסקי *	ישראל ווײַסמאַן
יוסף בערנהויט	אידיט ווײַס
מרים גינגאָלד	לעאָן יאַרמוס
שרה גלייבערמאַן	ל. לאַסאָווין
שמעון דײַטש	מאָלי לובעלסקי
אַברהם האַרטשיק	משה פרידמאַן
יצחק וואָלק	שרה פרידמאַן
רבקה וואָלק	מאָלי רובינשטיין
	בלומע שאַפּיראָ
	אָשר שטשוטשינסקי

פּראָפ. אַרטור לערמער — — — ערן-מיטגליד

*) ע״ה.



יעקב בלאַנק

דער מיאַמי ייווא־קאָמיטעט
דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק
און אָנערקענונג צום ליבן חבר

יעקב בלאַנק

פאַר זײַן סטיליסטישער און טעכנישער מיטהילף בײַם
דרוקן דאָס בוך, און פאַרן מקפיד זײַן אויף דער
קאָרעקטור פון בוך

די פאַרוואַלטונג

1986

אַן אַריינפיר־וואָרט

ווען די ערשטע תושבים האָבן פאַרלייגט די יסודות פאַר די צוויי שטעט מיאַמי אין 1896 און מיאַמי־ביטש אין 1915, האָבן זיי זיך זיכער ניט פאָרגעשטעלט, אַז יידן וועלן פאַרנעמען דאָרטן, איבער־הויפּט אין די פערציקער, פופציקער און זעכציקער יאָרן, אַזאַ אָנגעזעענעם און פאַרנעמיקן אָרט אינעם עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן.

זיי, די גרינדערס פון די ישובים און זייערע נאָכפאָלגערס, האָבן בשעתם געטאָן אַלץ מעגלעכעס, אַז אַזוינס זאָל ניט געשען. שוין דאָס ביסל יידן דעמאָלט איז זיי געווען גרויס אין די אויגן. זיי האָבן רשעותדיק פאַראַפראַזירט דעם דעמאָלט פּאָפּולערן סלאָגאַן: "It's Always June In Miami" (ס'איז שטענדיק יוני אין מיאַמי) אויף "It's Always Jew'n In Miami" (עס יידלט זיך שטענדיק אין מיאַמי). ס'איז ניט געווען קיין נאָווינע אָנצוטרעפן אויף די טירן פון האָטעלן, טרינקהייזער, רעסטאָראַנען, אויפשריפטן „דזשענטיילס אָנלי". קורץ און שלעכט! פאַר דעם דעמאָלט ניט־לאַנג אַריבערגעקומענעם יידישן אימיגראַנט האָט אויף ס'ניי אַ ווײ געטאָן מיט דער לופט פון מזרח־אייראָפּע . . .

לאַנגע יאָרן איז דער וואונדערלעכער ווינטער־רעזאָרט, וואָס איז היינט, כידוע, אַ שם־דבר איבער דער גאַנצער וועלט, געווען אַן עיר־ואם־בישראל. ס'איז געווען אפשר די איינציקע שטאָט אין לאַנד, וואו מ'האָט ניט געהערט זונטיק דעם געקלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן. אין יענער צייט, פאַרן צופלוס פון קובאַנער און אַנדערע לאַטינאָס, האָט מען געקאָנט זען אין די פּאַרקן יידן מיט אַ יידישער צייטונג אין האַנט, און אין די אָוונטן האָט זיך אָפט געטראָגן פון באַלקאָנען יידיש געזאַנג . . .

מיט נאָסטאַלגיע דערמאָנט מען זיך ווי אין דער עיר־הבירה האָט דעמאָלט געלעבט אַ גרופּע יידישע שריפטשטעלערס — ווער פּערמאַנענט און ווער ווי ווינטער־פייגל, דהיינו: שלום אַש, י. י. שווארץ, יעקב לעשצינסקי, דר. א. מוקדוני, ראובן אייזלאַנד, דער לעבעדיקער, תלוש, יהודה עלבערג. יעדער פון זיי איז אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן געווען פאַרבונדן מיט דער ייווא־געזעלשאַפט.

צום באַדויערן זײַנען זיי, חוץ דער לעצטער אויף לאַנגע יאָר, שוין אַלע אויפן עולם-האמת . . .

אָבער אפילו נאָך הײַנט פילט מען שטאַרק דעם יידישן דופק שלאָגן אויף אַ סך געביטן וועלן מיר זיך אַצינד ניט אָפּשטעלן אויפן רעליגיעז-טראַדיציאָנעלן סעקטאָר, מיט די פיל-צאָליקע דאַוון-שולן, סינאַגאָגעס און טעמפּלען פון אַלע דריי ריכטונגען, און די ליובאַוויטשער און זונטיק-שולן, וועלכע זײַנען באַהאַפטן מיט זיי. אַ יחיד-במינו איז געווען און איז די „היברו-אַקאַדעמי״, אַ מין מאָדערנע ישיבה, וואו דער וועלטלעכער קורריקולום איז אײַנגעשלאָסן. אָט די אינסטיטוציע פאַרמאָגט הונדערטער תלמידים, מיט אַ לערערשאַפט פון עטלעכע און-פערציק, און באַוואוינט אַ גרויסאַרטיקן בנין מיט אַלע הײַנטיקע קאָמפאָרטן. אומהיימלעך-אינטערעסאַנט איז, הגם באַקאַנט אומעטום, אַז די ראַבאַים און מדריכים, ווי בכלל די כלי-קודש זײַנען דאָס רוב לייענערס פון יידישע צײַטונגען, אָבער זייערע דרשות און לימודים ווערן געהאַלטן און געלערנט, מיטן אויסנאָם אפשר פון די ליובאַ-וויטשער, אין דער לאַנדשפּראַך. יידיש איז — לא יזכר ולא יפקד! . . .

עס זײַנען נאָך פאַראַן אַ היפּש ביסל ליכטיקע, יידיש-פּונקטן אין דער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקײַט. מיר האָבן אין זינען יענע פאָלקס-מענטשן, וועלכע גרופּירן זיך אַרום אַרבעטער רינג, אַרבעטער פאַרבאַנד פּועלי-ציון, בונד, און אין די אַן ערך פערציק יידיש קולטור-קלובן. עס דערשײַנט פּעריאָדיש דאָ-הי אַ ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכער זשורנאַל — „דער אָנהייב״, אַרויסגעגעבן פונעם קאָאָרדיניר-קאָמיטעט פון די קלובן און ווערט רעדאַקטירט פון די חברים, אָשר שטשוטשינסקי, און משה בעקער. עס באַטייליקן זיך רעגולער אין דער שריפט חוץ די ערשט-דערמאָנטע — די באַקאַנטע שרײַבער: פּראָפ. אַרטור לערמער, ש. גלאַזמאַן, ל. לאַסאַווין, שמעון גובערעק, אליעזר אַראָנאָווסקי און אַ צאָל אַנדערע.

אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט אָבער דאָ-הי די געזעלשאַפט, וואָס ווערט גערופן, לשם קורצקײַט — דער „ייווא-קאָמיטעט״, און וועמעס וואָגיק-קאָנסטרוקטיווע אַרבעט איז הײַנט וואויל באַקאַנט איבערן גאַנצן לאַנד. ס'איז געוואָרן פערציק יאָר ווי די געזעלשאַפט עקזיסטירט און צו אָט דער פײַערלעכער געלעגנהײַט ווערט אַרויס-

געגעבן אַט די שריפֿט, לויט אַ רעקאָמענדאַציע פֿון פּראָפֿ. אַ. לערמער; — צו פֿאַראײביקן די װאונדערלעכע מענטשן און זײערע מעשׂים־טובֿים פֿאַרן ייִדישן װיסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ). לײַדער, זײַנען ניט פֿאַרהיט געװאָרן די נייטיקע דאָקומענטן פֿון די אָנהײב־יאָרן, און מען מוז זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן זכּרון פֿון יענע בראשית־טוער, װעלכע זײַנען נאָך, ב״ה, אַקטיװ צװישן אונדז.

גרינדערס פֿון ייִוואָ לעבן דעם האַלב־פֿאַרטיקן ייִוואָ־בנין, װילנע, 1929

די אַלטע הילצערנע הויז אויף װיװולסקי־גאַס 18 אין װילנע, װאָס איז איבערגעבויט געװאָרן פֿאַרן בנין פֿון ייִוואָ־אינסטיטוט. פֿון רעכטס אויף לינקס, די ייִוואָ־טוערס: ב. קלעצקין, י. טשערניכאָװ, ז. רײזען, י. שאַפּירא, ח. זשיטלאָװסקי, י.־נ. שטײנבערג, מ. װײנרײך, ניט־אידענטיפֿיצירט, ז. קלמנאָװיטש, י. זשעלעזניקאָװ, ב. כּהן־װירגילי.

אברהם ליעסין

יידיש

(פראַגמענט)

. . . איך קום צו דיר, קינד מײַנס, פון גלותן שטומע,
פון געטאָס פאַרפאַקטע, פאַרהאַקטע אין קלעם;
איך האָב נאָר די חנען פון תחינות, פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקײַט פון קידוש־השם!

און טראָג איך אין זיך ניט די בליצן, וואָס בלענדן,
דעם פלאַמיקן זונגוואָרט, וואָס וואונדער באַווײַזט,
טאָ האָב איך דעם שימער פון שטערן־לעגענדן,
די ליבע לבנה־באַלײַכטונג פון גײַסט,

פון וואָרמס, פון מײַנץ און פון שפּײַער.
דורך פּראָג און לובלין, ביז אָדעס.
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פײַער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס.

האָט שטענדיק דער בלוטפײַנד געהויערט,
געלויערט פילאויגיק דער טויט —
אָט דאָרט האָב איך, וויסט און פאַרטרויערט,
די עלטערן דײַנע באַגלייט.

איך בין מיט זיי הונדערטער יאָרן
געגאַנגען דורך יעדער געפאַר,
און אײַנגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן
און אײַנגעזאַפּט האָב איך דעם צער.

און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם וואונדער פון ווילן און וויי,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקײַט פאַר זיי! . . .

די

משה האָניקבוים

פעריאָדע

„די שטוב״

יצחק און רבקה וואַלק, ווי ס׳רוב מענטשן, קענען פאַרגעסן וואָס נעכטן איז געשען און פאַרגעדענקען אַפילו קלייניקייטן פון וויטן עבר. אויף זייער מיד געשטאַלט טויכט אומגעריכט אויף אַ שמייכל, ווי די זון וואָלט פּלוצעם אַ שײַן געטאָן פון אונטער אַ וואָלקן אין אַ האַרבסטיקן טאָג, און איר האָט דעם אײַנדרוק, ווי פון די דערציילער גנעמען אָוועקפאַלן צענדליקער יאָרן. זיי זעען פאַר זיך, למשל, משה האַניקבוימס היים, וועלכע חברים רופן פּשוט „די שטוב״, מחמת צו יענער צײַט איז דאָרטן געווען דער „צענטער״ פון אַנשי־שלומינו. עס פלעגן, אגב, „פאַרבלאָנדזשען״ אַהין סתם מענטשן. איינמאָל טרעפן זיי דאָרטן אָן אַ יידן מיט אַ לאַנגער באָרד, רבניש געקליידט מיט אַ שטעקן ביי דער זײַט. פרעגט וואָלק שטילערהייט בײַ משהן: „אייערער אַ קרוב?״ ענטפערט יענער: „אַלע יידן, וועלכע קומען אַהער, זײַנען מײַנע קרובים!״

עס איז געבליבן ביים פאַרפאָלק אײַנגעקריצט אין זיכרון אַן אָוונט פון 1965. בײַ טישן זײַנען געזעסן אַרום עטלעכע און צוואַנציק אַקטיווע טוער בראש מיטן פאַרזיצער משה האַניקבוים, און גיטל יחסן (קאָהן) פּראָטאָקאָל סעק. איינע פון די ענינים, וואָס מ׳האָט באַהאַנדלט איז געווען צו פאַרבעטן דעם שרײַבער און לעקטאָר, י. זילבערבערג צו רעפערירן בײַם ייוואָ פאָרום וועגן דעם ליטעראַטור־קריטיקער, געאָרג בראַנדעס. זילבערבערג האָט אַ צײַט פאַרבראַכט אין דענעמאַרק און האָט זיך געקאָנט פערזענלעך מיטן באַוואוסטן קריטיקער. בעתן שמועס האָט איינער בײַם טיש שטאַרק דערוווידערט קעגן דער טעמע, באַשר בראַנדעס הגם אַ ייד, איז כלומרשט אַ קנאַפער יידן־פרײַנד. דער „אַלצוויסער״ האָט ניט געהאַט פאַר חרפה וואו זיך אַהינצוטאָן, ווען זילבערבערג האָט אין זײַן רעפעראַט, אַגב־אורחהדיק דערמאָנט, אַז דר. הערצל האָט זײַן מאַנוסקריפּט „אַלט־נײַלאַנד״ פריער, צוגעשיקט צום באַרימטן קריטיקער, איידער ער האָט אים געלאָזן אָפּדרוקן . . .

די „שטוב״, וואָס איז באמת געווען אַ פאַרנעמיקע היים, מיט קינסטלעריש־באַפּוצטע ווענט שאַגאַלס בילדער האָבן פראָמינענט פאַרנומען דעם אויבנאָן, אַגב איינע פון האַניקבוימס שוואַכקייטן. מ׳האָט זיי, די רעפּראָדוקציעס אָנגעטראָפן אומעטום: אין די צימערן, אין דורכגאַנגען און

אפילו אין חדרים און קאַמערן פון קלענערער חשיבות. און ווען אַ זוכער האָט זיך אַנגעשטויסן אויף זיי; האָט דער גאַסטגעבער אַפּאָלאָגעטיש און מיט אַ טראָפּעלע סאַרקאַזם באַמערקט: „נו, האָט ער עס אַ שפּאַן געטאָן!" (אויף רוסיש — „זאַשאַגאַל!").

משה האַניקבוים, דער פּאַרזיצער פונעם ייווא פּאַרום האָט שטאַרק מקפּיד געווען, הן אויפן עלעמענט טוער, הן אויפן אויסוואַל פון די לעקטאָרן און זייערע טעמעס עס זײַנען געווען מענטשן אין דער גרופּע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש און באַגײַסטערונג פאַר דער אויפהיטערין פון אונדזערע גײַסטיקע אוצרות. נעמלעך פאַרן „ייווא" שוין אָפּגערעדט פון אַזאַ מאמין ווי יחיאל ליסאַוואָדער, אַ געוועזענער א. ר. לערער, וואָס איז „על־פּי־נס" נתעשר געוואָרן. ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט און אַ אָפן האַרץ פאַר אַלע יידישע הצטרכותן, באַזונדערס טאַקע פאַר דער יידישער קולטור. עס איז פאַראַן אַ יש־אומרים, אַז ליסאַוואָדער האָט איבערגעלאָזן אין זײַן צוואה הונדערט טויזנט דאָלער פאַרן „ייווא", פון וועלכן אַ געוויסער חלק זאָל גיין פאַרן ייווא־קאָמיטעט אין מיאַמי. דער צווייטער נדבן איז געווען דער דער־מאָנטער משה האַניקבוים מיט אַ מתנה פון פופציק טויזנט פאַר דער זעלביקער אינסטיטוציע. אַרטור שעכטער פון גרענד ראַפּידס, מישיגען, וואָס איז געווען אַ ווינטער־אורח אין דער עיר־הבירה, פלעגט צוטראָגן פערציק פּראָצענט פון זײַן חודשלעכן אײַנקונפט פאַרן ייווא. ער האָט געהאַט צוטאָן מיט לאַנד־מסחר און איז געווען באַקאַנט אין זײַנע מקומות פאַר אַ ראַיעלן און אָרנטלעכן מענטשן. די אויבן־דערמאָנטע יצחק און רבקה וואָלק האָבן סובסידירט אוריאל ווײַנרײַכס „קאָלעדזש יידיש" אין אַ העברעישער איבערזעצונג מיט אַ סומע פון פינף טויזנט דאָל. די אויסערגעוויינטלעכע אַרבעט און אויפטועדישקייט פאַרן אינסטיטוט מיצד גיטל יחסן קאַהן וועט נאָך אויסקומען צו דערציילן מער באַריכות אַ ביסל ווײַטער.

דער אָפּרוף ווי אַ קאָלעקטיוו — האָט די היגע ייווא־געזעלשאַפט גע־שטיצט דעם „גרויסן יידישן ווערטער־בוך", דעם יידישן לערער־סעמינאַר, דאָס לייוויק־הויז, אין תל־אביב, און „די צוקונפט", און ווען מען דערמאָנט דעם חשובן חודש־זשורנאַל, טויכט אויף פאַר די אויגן דאָס ליבע געשטאַלט פון מאַלי רובינשטיין. זי און איר מאַן איזידאָר, זײַנען געווען אַקטיווע חברים. (ער, איינער פון די געהילף־פאַרזיצערס. זי, די הויפּטזאָרגערין און שאַפערין פון די פאָנדן פאַר דער „צוקונפט"). טאַקע בײַ זיי אין הויז פלעגן פאָרקומען די פײַערלעכע מסיבות. שוין וואָכן פריער האָט מאַלי אַרומגעפּלאַטערט, ווי אַ

שמעטערלינג, צווישן פרײַנד און באַקאַנטע און ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען וועגן דער אונטערנעמונג, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ נאָענט־משפחהדיקן ענין פון העכסטן באַדאַרף, און זי איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש ווען מ׳האָט געקאָנט אָפּשיקן אַ באַדײַטנדיקע סומען פאַרן זשורנאַל . . .

די „ייוואָ־פאַרומס״ פלעגן פאַרקומען אין די פופציקער יאָרן און אויך שפּעטער, אין די שבת־אוונטן, אין איינעם פון די זאַלן פון דער „כנסת ישראל״ סינאַגאָגע, אויף 1415 יוקליד עוועניו. און דער פאַרזיצער ביי די „פאַרומס״ פלעגט דאָס רוב זײַן דר. א. מוקדוני.

***

דר. מוקדוני האָט פאַרנומען מיט זײַן פרוי דר. קאַפּעל, אַ רחבותדיקע דירה, און ביי זיי פלעגט זיך אָפט טרעפן די יידיש־יידישע אינטעליגענץ. צו זײַן געבוירנטאָג (פּורים) האָט מען דאָרטן געפונען סתם גוטע פרײַנד און באַקאַנטע, מען איז ניט געקומען מיט ליידיקן. זײַן גרויסע וואוינונג איז אָפט געווען צו קליין אויפצונעמען אַזוי פיל אורחים, איז זײַן טיר געווען אָפן „סימבאָליש גערעדט״ אַ גאַנצן טאָג. און יענע, וועלכע האָבן ניט געקענט דערפילן אָט די אָנגענעמע פליכט, האָבן אים צוגעשיקט ווינטשעוואַניעס און מתנות.

דר. מוקדוני האָט בײַ די, ווי בײַ אַנדערע מסיבות אין זײַן הויז, ניט געשפּילט די ראָלע פון אַ מכניס־אורח, פאַרקערט. ער האָט זיך געלאָזט באַדינען פון זײַנע געסט. אויסגעהערט פון זיי קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פון זײַן שרײַבן, פון זײַן אַרטיסטישן געשמאַק; שבחים פאַר די קינסטלער, וועלכע האָבן געמאָלן זײַנע פּאָרטרעטן אויף די ווענט. ער האָט בעת־מעשה באַטראַכט זײַנע לויבזאָגער און לויבזינגער מיט אַ כזית איראָניע, ווי ער וואָלט געצווייפלט אַ ביסעלע אין זייער נאמנות. נאָר אָפּטער האָט זיך געדאַכט, אַז ער נעמט אָן דעם כבוד ווי דעם כיבוד, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, ווי אַ חוב, וואָס עס קומט אים . . .

ער האָט דעמאָלט ליב געהאַט אַ גלאַנץ צו טאָן מיט אַ שפּיציקן אַפאָריזם אויף אַ סאָליד אײַנגעפונדעוועטן און אָנערקענטן קאָלעגע, אָבער זײַנע שאַרפסטע פײַלן זײַנען געווען געצילט אויף ש. ניגער ע״ה, מיט וועמען ער האָט געפירט אָן אמתע באַטאַליע אין דער פּרעסע. ס׳איז ניט געווען קיין ליטעראַרישע דיסקוסיע מיצד אונדזער פרײַנד, וואָרן ווי דען אַנדערש האָט

מען געקאָנט באַצייכענען מוקדוניס לאַנגע מאַמרים מיטן שטענדיקן אויספיר, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ רעפריין, אַז ער, דער חשובער שריפטשטעלער, קען רחמנא־לצלן, ניט שרײַבן, ניט מער און ניט ווייניקער! . . .

מען קען ניט זאָגן, אַז דאָס אָפּגעטאָענע שטיקל אַרבעט, בכתב־און־בעל־פה, האָבן דעם זקן פאַרשאַפט נחת. ער האָט זיך, אין יענע טעג, געפונען אין אַ געדריקטן געמיט־צושטאַנד, און די חרטה האָט אים, קאָנטיק, שטאַרק געמאַטערט. ער האָט אַוודאי געוואוסט פונעם באַקאַנטן ווערטל: „חכמים הזהרו בדבריכם", נאָר אין זאַך איז וויסן און אַ צווייט איז „כובש את יצרו!" . . .

דר. מוקדוני האָט, ווי שוין דערמאָנט, דאָס רוב פּרעזידירט בײַ די „ייוואָ־פאַרומס". ער האָט פאַרן פאַרשטעלן די געסט־לעקטאָרן, זיך אָפּט אָוועקגעלאָזן מיט רייד וועגן זײַטיקע ענינים. ניט זעלטן מיט נביאות וועגן דער צוקונפט פון אונדזער לשון, אַ נביאות, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט יאוש און רעזיגנאַציע און האָט אָנגעווייעט אַן אַבילות אויפן גרויסן עולם, וועלכער איז געקומען הערן אַ דערמוטיקנדיקן און יום־טובדיקן וואָרט. צוהערערס האָבן זיך ניט איינמאָל שאַרף אָפּגערופן אויפן פאַרזיצערס מסקנות, אָבער דר. מוקדוני, ווי דער פּוסק־אחרון אין ליטעראַריש־טעאַטראַלישע און אין אַ צענדליק אַנדערע פראַגן איז קיינעם ניט שולדיק געבליבן קיין תשובה, אַפילו ניט דעם פאַרבעטענעם לעקטאָר.

דר. מוקדוני האָט זיך קוים דערוואָרט אויפן סוף פון רעפעראַט, און איז געוועזן, גאָרניט לויטן אײַנפיר, דער סאַמע ערשטער צו „נעמען אַ וואָרט" און פונעם וואָרט איז געוואָרן אַ קאָ־רעפעראַט, ווי ער וואָלט ניט געקענט דערלאָזן, אַז אין זײַן אָנוועזנהײַט זאָל אַן אַנדערער פאַרנעמען דעם אויבנאָן! ער האָט זיך דעמאָלט באַמיט צו דערווײַזן, אַז דער רעדנער האָט געגרײַזט און האָט בכלל אַ שוואַכע קאָנטשאַפט אינעם געבראַכטן ענין. דער געטראָפענער האָט נאָך דעם געענטפערט, געענטפערט מיט אָפּשײַ, מיט דרך־ארץ און מיט אַן אומפאַרהוילענעם צער אויפן אומטאַקט פון אַ קאָלעגע . . .

גאַנץ אַנדערש, געדענקט זיך, האָט רעאַגירט אויפן חטאים־זוכער דער מאָלער און שריפטשטעלער, שאול ראַסקין. אַליין דעמאָלט אַ בן־שמונים, איז ער ניט נתפעל געוואָרן פון יענעמס עלטער און אַוודאי ניט פון יענעמס מבינות אין דער מאָלערישער קונסט, וואָס זי איז זײַן טעמע געוועזן. ער האָט געגעבן דר. מוקדונין צו פאַרזוכן פון זײַן אייגענעם רעצעפּט, נאָר סערווירט שטיל, מיט עלעגאַנץ און מיט שאַרפזין, ווי ראַסקין האָט געקאָנט!

עס געדענקט זיך ווי בײַ די „עונג־שבתים" אין די פּריײטיק־אָוונטן, וואָס די „חברה" האָט אײַנגעפירט אין איר היים, פּלעגט דר. מוקדוני אַרײַנשפּאַנען, ווי אַ לערער אין קלאָס ווען אַלע געסט זײַנען שוין דאָרטן געווען, און זיך אַראָפּלאָזן מיט חשיבות אויף זײַן שטול בײַם שפּיץ־טיש. בײַ זײַן רעכטער זײַט איז געזעסן דר. קאָפּעל, בײַ דער לינקער — יעקב לעשצינסקי, און בײַ ביידע פליגלען פון לאַנגן שולחן זײַנען די געסט געווען סיטואירט לויטן עלטער ווי, להבדיל, אַמאָל אין סנהדרין, און עפּעס אַ הויך פון יענעם קלימאַט, האָט זיך אויך געשפּירט אין דער לופטן. צווישן די אורחים איז געווען אַ צאָל נאָך אומבאַקאַנטע דיכטער און דערציילער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין קליינע זשורנאַלעכלעך. זיי האָבן אַרויפגעקוקט מיט יראת־הכבוד צום אַנערקענטן קריטיקער און געדולדיק געוואַרט.

דר. מוקדוני האָט איינגעלייגט ממילי־דעלמא דאָס וואָס ס'איז אים אײַנגעפאַלן אויפן מאָמענט. און נאָך דעם גענומען אויסרופן די געסט פּען־מענטשן, זיי זאָלן מהנה־זײַן דעם עולם מיט זייערע שאַפונגען. ער האָט עס געטאָן פּאַמעלעך, ניט געאײַלט, מיט ישוב־הדעת, פירנדיק זײַנע באַגלייטע בליקן פון איינעם אויפן אַנדערן, ווי ער וואָלט זיך מיישב־געווען מיט זיך אַליין — ווען עס קומט, צי ווער ס'איז ראוי, לפי זײַן ליטעראַרישן סטאַזש, גערופן צו ווערן פריער. און ניט בײַ איינעם איז דעמאָלט שיער ניט אײַנגעפאַלן ס'האַרץ, טאָמער וועט ער אים איבערהיפּערן, צי, חלילה, אינגאַנצן פאַרזען און דערמיט שטעלן אין קאָן זײַן גאַנצע שרײַבערישע רעפּוטאַציע...

זײַט דעמאָלט זײַנען אַ סך וואַסערן פאַרפלאָסן הינטער די מיאַמיער בריקן. עס קומען נאָך הײַנט פיל שרײַבער־טוריסטן, אָבער עס פעלט די ווערסאַטיל און פילפאַרביקע פּערזענלעכקײַט פון אַ דר. מוקדוני . . .

***

בערל מאָריסאָן איז אין די פופציקער יאָרן געווען דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פונעם „ייוואָ־פאָרום". ער איז געקומען פון גרענד־רעפּידס, מישיגען, מיטן יחוס־בריוו פון אַ פאַרנעמיקן פאַרלייענער און אַ קענער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז בכלל געווען אַ מענטש פון אַ סך טאַלאַנטן. אַליין דיסציפּלינירט און פּראַקטיש אויסגערעכנט, האָט ער ס'זעלביקע גע־פאָדערט פון זײַנע מיטאַרבעטער. ער האָט, למשל, שטאַרק פאַראיבל געהאַט, וואָס מען דערלאָזט, אַז אַזאַ פיגור ווי דר. מוקדוני זאָל זיך פאַרנעמען מיט

אַזאַ טריוויאַלן ענין ווי פּאַרזיצערשאַפט, וואָס יעדער צווייטער טוער ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן קאָן עס טאָן. עס זיינען אפשר געווען פאַרמישט אַנדערע מאָטיוון אויך: דהיינו — עס פּאַסט ניט פאַר אַ יושב־ראש אַראָפּצוקוקן אויף אַלץ־און־אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, און אפשר האָט אים פאַרדראָסן וואָס א י י ן מענטש שיינט און גלאַנצט אַ גאַנצן אָוונט וואָך־וועכנטלעך. ער, ווי דער דערמאָנטער האַניקבוים איז געווען שטאַרק איבערקלייבעריש ביים אויפנעמען נייע מיטגלידער. ווען אים האָט זיך איינגעגעבן צו פאַראינטערעסירן אַ חבר פון אַ „העכערן קאַליבער“, ווי ער האָט עס גערופן, איז ער יענעם טאָג געווען אין אַ „העכערער“ שטימונג. ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַ נייער לערער איז אָנגעקומען אין דער אַ. ר. שול, האָט ער אָפּגעוואַרט ביז ס׳איז אַריבער דער ערשטער יום־טובדיקער טומל אַרום דעם גאַסט, און אים פאַרבעטן אין זיין אויטאָ אָנצוקוקן די שטאָט. און אומפאַרנדיק מיט אים כמעט אַ גאַנצן טאָג, האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו „אָבסערווירן“ און „שטודירן“ פון אַלע אַספּעקטן: — צי איז ער צו באַרעדעוודיק, אָדער אַ האַרטער שווייגער? וואָרן באַרעדעוודיקייט גייט אָפּט געפּאָרט, לויט דער נטיה, מיט באַרימערישקייט, און שתיקה — מיט פאַרריסנקייט, איז ער געווען זיכער. בקיצור, מאָריסאָן איז געבליבן צופרידן מיטן קאַנדידאַט. אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מכשול אין דער פּערזאָן פון יוסף דונטאָוו, וואָס איז געווען דער אַנפירער פונעם אַרבעטער־רינג אין שטאָט און אַ מיטגליד אין אַקציאָנס־קאָמיטעט פונעם „ייוואָ“. דער לעצטער האָט געטענהט, אַז דער ערשט אָנגעקומענער לערער האָט גענוג אַרבעט און זאָרג איינצושטעלן די שול און מ׳דאַרף אים ניט באַלעסטיקן מיט מער . . . און דער ענין איז געבליבן הענגען ביז — מאָריסאָנס „דיל“ איז דערגאַנגען צו יעקב לעשצינסקי.

לעשצינסקי האָט בשעתו געוואוינט מיט זיין פרוי און טאָכטער אַ ביסל אין זייט פונעם שרייבערישן ווינקל. די עלטערן האָבן גערעדט מיט דער טאָכטער, צו אַלעמענס איבעראַשונג, דייטש. ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז זייער בת־יחידה האָט אַ לענגערע צייט שטודירט אין דייטשלאַנד. לעשצינסקי האָט זיך פאַר די גאָר היימישע ווי פאַרענטפערט, וואָס ער דאַרף טועם־זיין דאָס טומאה־לשון מיט זיין אייגן קינד, באשר זי האָט זיך מיט די יאָרן פון לעבן צווישן גויישע און פאַרגויישטע סטודענטן, אָפּגעוויינט פון רעדן יידיש.

יעקב לעשצינסקי האָט אַ דריי יאָר נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע זיך

באַזעצט אין בערלין, וואו ער איז געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס". ער איז באַקאַנט ווי אַ מיטגרינדער פון דער פּאָראייניקטער סאָצ. אַרבעטער־פּאַרטיי ס. ס. און י. ס. ציונ. סאָצ.־סיימיסטן; און איינער פון די בויער פונעם „ייוואָ" אין ווילנע. ער האָט מחבר געווען אַ צאָל ביכער, צווישן זיי, „בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע — סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק". ער איז אויך געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע.

ווען דער נייַער לערער, ד. ה. דער שרייַבער פון די שורות, האָט פאָרבעטן יעקב לעשצינסקי מיט זייַן משפחה צו זיך אין זייַן ערשט־אָרייַנגעקליבענער וואוינונג, האָט יענער גערן אָנגענומען. די צוויי זייַנען גיך פאָרטאָן געוואָרן אין אַ לאַנגן שמועס וועגן שולן און שייַכותדיקע ענינים און מען איז באַלד אַריבער אויף „יידיש לעבן אין אַמעריקע", וואָס דאָס האָט געזאָלט זייַן די טעמע פון לעשצינסקיס רעפעראַט יענעם שבת. דער עלטערער קאָלעגע האָט זיך ברייט צעשמייכלט: „וועגן דעם ענין וועט איר הערן פון מיר אין אַ פאָר טעג אַרום". פּלוצעם האָט ער אַ פיר געטאָן די רייד אויף מער היימישע רעלסן: „ווי האָט איר זיך עפּעס אייַנגעלעבט אין דער נייַער שטאָט?" דער לערער האָט אומעטיק געענטפערט: „פאַר די וואַנדערנדיקע בני־ישראל איז אומעטום געווען דער זעלביקער מדבר!" אַ חוץ בייַם באַרג סיני! — האָבן ביי לעשצינסקי אַ בליץ געטאָן די אויגן אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען.

„אַוודאי, געוויס!" — האָט דער לערער צוגעגעבן. „אָבער מען דאַרף האָבן אַ משה! — דער באַרג ווי די מדבר זאָלן באַקומען אַ זין און געבן דעם וואַנדערער מנוחת־הנפש . . .

ביידע מענער האָבן אויף עפּעס מרמז־געווען, איינער אויף זייַן דאַליע פון אַ יידישן לערער, וואָס דאַרף אָפּט, צוליב אַ קאַפּריז פון אַ שול־טוער, בייַטן די שטעלע און זיך אַרומשלעפּן איבער שטעט און שטעטלעך. דער אַנדערער, דער גאַסט, איז אויסן געווען אָנצוואוואונקען דעם לערער, אַז די עיר־הבירה, איז ניט געקוקט אויף געוויסע שינויים, נאָך אַלץ אַ קערנדיקער יידישער ישוב, און אַז די „ייוואָ־געזעלשאַפט" האָט דאָ גרויסע מעגלעכ־קייַטן, ממילא געהערט ער, ווי אַ לערער און שרייַבער צו איר ספערע. אמת — האָט לעשצינסקי צוגעגעבן — איר וועט אפשר האָבן שטערונגען מיצד די נייַע באַלעבאַטים. ווי מיינט איר? דער לערער האָט ניט געוואָלט, אַז

זײַן פֿרײַנד זאָל אים חושד־זײַן, אַז ער געהערט צו דער „נעשה־ונשמע־חברה", האָט ער שטיל געענטפֿערט: — איך בין דאָ אַ נײַער מענטש... מ׳דאַרף זיך אַרומקוקן... ווען די פּאַסיקע צײַט וועט קומען, פֿאַרזיכער איך אײַך, וועט ניט זײַן קיין מניעה...

אין 1954 איז אין פֿאַרלאַג „אײנזל", אין ניו יאָרק, דערשינען ראובן אײזלאַנדס בוך „פֿון אונדזער פֿרילינג" ליטעראַרישע זכרונות פֿון פֿאַרטרעטן ייִדישע שריפֿטשטעלער, אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמיטעט בײַ אונדז, אין מיאַמי ביטש. דאָס בוך איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פֿון אײזלאַנדס נאָענטסטן פֿרײַנד, דעם שרײַבער דוד קאַזאַנסקי, און האָט געמאַכט אַ קאָנטיקן רושם אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט. צו דער געלעגנהײַט האָט די היגע ייִװאָ־געזעלשאַפֿט דורכגעפֿירט אַ ליטעראַרישן אָוונט. דער הויפּט רעדנער איז געווען טאַקע דער מחבר אַליין, ס׳איז אויך אויפֿגעטראָטן, י. י. שוואַרץ, אײנער פֿון די וויכטיקע דיכטער פֿון דער גרופּע „יונגע". ער האָט שוין מיט זײַן אויסזען אַליין אַרײַנגעבראַכט דעם עולם, איבער־הויפּט דעם ווײַבערישן, אין אַ געהויבענער שטימונג. אַט ווי אײַזלאַנד מאָלט אים: „ער איז געווען הויך און שלאַנק, מיט אַ געטאָקט פּנים און לויכטנדיקע אויגן און מיט אַ פּרעכטיקן קאָפּ פֿעד־שוואַרצע קרויזן..."

שוואַרץ איז ניט געווען קיין צו אָפֿטער גאַסט בײַ די „ייִװאָ־פֿאָרומס". ער האָט געוואוינט אַ אַכצן מײַל אַרויס פֿון שטאָט, אָבער דער „ייִװאָ־קאָמיטעט" האָט אַלצאײנס פֿאַרשפּרייט זאַרגפֿול זײַנע ביכער, איבערהויפּט דאָס קלאַסיש ווערק „קענטאָקי", וואָס איז, אַגבֿ, אַרויס אין דרײַ אויפֿלאַגעס, און שפּעטער זײַן ביאָגראַפֿיש בוך „יונגע יאָרן".

אויב שוואַרץ האָט ניט געקענט באַזוכן די „פֿאָרומס" אָפֿט, האָבן די „ייִװאָ"־חברים אים אָפֿט אָפּגעשטאַט וויזיטן. מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזן צו אים עלעהיי אויף אַ פּיקניק, ריכטיקער און חשובער, ווי צו אַ „גוטן ייִדן", מיט אויטאָס און אויטאָבוסן מיט קערב שפּײַז און געטראַנקען.

דאָרטן אויף זײַן „גוט", ווי די באַזוכער האָבן עס גרויסהאַלטעריש גערופֿן, האָבן זיך שטענדיק געפֿונען לאַנגע טישן און בענק. מ׳האָט זיך אָבער צוערשט געזאַמלט אויף דער לאַנקע פֿאַר זײַן הויז, און פֿון דאָרטן אַוועק באַוואונדערן זײַן פּרעכטיקן גאָרטן... איבערן שטענדיק־שטילן אַרום, האָט זיך מיט אַמאָל אַ טראָג געטאָן ס׳ייִדיש לשון בקול־רם אין אַלע וואַריאַנטן און דיאַלעקטן, ביז ס׳האָט זיך באַוויזן די אימפּאָזאַנטע פֿיגור

פונעם דיכטער. דעמאָלט האָט דער עולם באַזעצט די טישן, מיט די פּני פון דער „ייווא״־געזעלשאַפט. מען האָט דאָ פּאַקטיש ממשיך געווען די רייד, די פּלענער, די פּראָיעקטן, מיט וועלכע מ׳האָט זיך פאַרנומען ביי די זיצונגען אין שטאָט. אַוודאי האָט מען שפּעטער טועם געווען פון אַלעם גוטן, וואָס איז געבראַכט און אויסגעסאַרווערט געוואָרן אויף די טישן. אָבער דער סאַמע עיקר איז געווען, ווען דער דיכטער האָט שפּעטער פאַרגעבראַכט עטלעכע קאַפּיטלעך פון זיינעם א ניי ווערק, צי פאַרצויגן א שמועס וועגן א וויכטיק־אַנגעגליטן ענין, וואָס איז געשטאַנען אויפן יידישן סדר־היום . . . דער עולם איז זיך שפּעט אין אָוונט צעפאָרן אין א יום־טובדיקער שטימונג, אָנ־ווינטשנדיק דעם דיכטער און זיין משפחה פולע קערב מיט ברכות . . .

***

י. י. שוואַרץ

אַ ירושה

איבער מיר האָבן דורות געוויינט:
— מיין קינד, דו זאָלסט בלייבן א ייד.
זאָל דיין טאַטנס ירושה און לייד
אין דיין הארצן טיף ווערן געהיט.

כ׳בין מיט גאָלד ניט געוואָרן געשטראָפט,
נאָר מיט גייסט האָט באַשאָנקען מיך גאָט;
איך טראָג דורות און דורות אין הארץ,
ער פאַרמיידט ניט פון אונדז זיין גענאָד.

איך בין מיד, איך בין אַלט — דו ביסט יונג.
גיי פאָרויס. גאָט באַשירעמט מיין קינד;
און דיין זעל זאָל געלייטערט אַרויס
דורך נסיונות פון לעבן און זינד.

ניט פאַרגעס אונדזער גאַנג איבער וועלט —
זײַן אַ ייִד. — ער האָט מער ניט גערעדט.
נאָר זײַן בליק האָט געלויכטן, געגליט,
מיט בטחון און שטילן געבעט.

ס'האָט אין שול דער נר־תמיד געצאַנקט
מיט זײַן ציטערדיק־טרויעריק ליכט;
כ'האָב מיט יראה און אַנגסט זיך געבויגן,
אין פרוכת פאַרהילט מײַן געזיכט.

לעקטאָרן און פאַרוויילערס

מיר געפינען אויף דער לעקטאָרן־רשימה פון 1955 דעם דעמאָלט ניט צו שטאַרק באַקאַנטן שרײַבער, אָבער שוין דעמאָלט ליבן גוטמוטיקן מענטשן, יהודה עלבערג. ער איז בשעתו געווען אַ מיאַמיער תושב און האָט דורכגעמאַכט אַ שווער שטיקל צײַט אין זײַן פּערזענלעכן לעבן. ווער וואָלט זיך עס דעמאָלט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרום זאָל דער האַלב־שעמעוודיקער יונגערמאַן ווערן באַרימט ניט נאָר אין ייִדישן מאָנטרעאָל, וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער רעזידענט, נײַערט אין דער גאַנצער ייִדיש־וועלט מיט קריגן דעם פּרס הממשלה פאַר ליטעראַטור, אין מדינת ישראל? אָבער דאָס סאַמע אַנגענעמסטע, וואָס קאָן געזאָגט ווערן וועגן אים — ער איז געבליבן, לפי אונדזער דעה, דער זעלביקער, פײַנער, איידעלער און ראַפינירטער מענטש ווי געווען. אוודאי האָט דאָ געווירקט ירושה. עלבערג שטאַמט פון דורות רבנים און גײַסטיקע מנהיגים, וועלכע האָבן אַפילו אין יאָרן פון שווערע נסיונות אַרויסגעוויזן איבערמענטשלעכע עקשנות אין געראַנגל מיטן ייִדישן שונא! . . .

יהודה עלבערג איז אַ געענדיקטער טעקסטיל אינזשעניער. ער איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ און זיך באַטייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. סוף 1944 האָט ער געלעבט אויף דער אַרישער זײַט. נאָך דער באַפרײַאונג פון לובלין, איז ער געווען אַ מיטגרינדער פון דער ערשטער

יידישער פּרעסע־אַגענטור „ייפּאַ" אין לאָדזש, וואָס האָט איבערגעשיקט צו דער יידישער וועלט די ערשטע ידיעות וועגן די גרעאַטעוועטע יידן סײַ אין פּוילן און סײַ וועגן די ערשטע צוריקגעקומענע יידן פון סאָוועטנלאַנד. ער איז געווען אַ דעלעגאַט צום ערשטן צוזאַמענפאָר פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו יאָרק.

יהודה עלבערגס ווערק: — „אויפן שפּיץ פון אַ מאַסט", „קלמן קאַליקעס אימפּעריע" און „אַ מענטש איז ניט מער ווי אַ מענטש" האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער יידישער ליטעראַטור. עלבערג האָט ליב זײַנע מענטשן. ער האָט זיי דורכגעפּיבערט אין זײַן דמיון. ער האָט זיי ליב אַהבת־נפש. ער ווײַזט אונדז שטאַרקע יידן מיט גרויסן בטחון, און אַז דער בורא עולם וועט ניט פאַרלאָזן זײַן געליבט פאָלק. שטאַרקע יידן, וואָס ווילן פאַר קיין פאַל זיך ניט אונטערגעבן און אין די ערגסטע צײַטן ניט פאַרלירן דעם צלם־אלוקים און האָבן אין יעדן טאָג וואָס איז אַוועק, נאָר געזען ניסים מן השמים (ב. פּיק) . . . עס איז דאָס העכסטע און סאַמע קאָנצענטרירטסטע, וואָס איז בכלל ביז איצט געשריבן געוואָרן וועגן דער תקופה פון אונדזער חורבן . . . דאָס ווערק איז געשריבן מיט בלוט און מיט קינסטלערישן טאַלאַנט, וואָס אָן אים וואָלט געווען אוממעגלעך איבערצוגעבן אַזעלכע דינע ניואַנסן אין זײַן דערציילן (מ. צאַנין). עלבערג איז אַ מײַסטער פון סטיל, וואָס איז צוגעפּאַסט צום סיפור־המעשה, וואָס ער דערציילט. בכלל איז ער ניט קיין באַרעדעוודיקער. בלויז ווען עס איז וויכטיק, זעט ער דעטאַלן און ניואַנסן . . . ער פילט דעם אימפּעט פון די געשילדערטע געשעענישן . . . (חיים שפּילבערג).

אין 1977 ווען יהודה עלבערג האָט באַקומען די „איציק מאַנגער פּרעמיע" האָט דער נשיא פון דער מדינה אין זײַן באַגריסונג געזאָגט אויף יידיש: „אין זײַן אויפטרייסלדיקער דערציילונג וועגן צוויי יידישע קינדער, אַ ברודער און אַ שוועסטער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם אימת־מות פון די דײַטשן, באַנוגנט זיך ניט עלבערג מיטן שילדערן די פיזישע לײַדן, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין, נאָר ער שילדערט דווקא זייער זאָרג פאַרן גורל פון די גײַסטיקע אוצרות פון אונדזער פאָלק, וואָס איז די עיקר־זאָרג. און זײַן קליין שוועסטערל זאָל אין באַהעלטעניש לערנען דעם אַלף־בית. כדי עס זאָל ניט פאַרגעסן ווערן די צורה פון אַ יידישן אות אין די קומענדיקע דורות" . . .

**
*

שמשון דונסקי איז אויפגעטראָטן פיל מאָל בײַם ייוואָ־פאָרום. באַזונדערס איז געבליבן אין געדעכעניש זײַן פּרעכטיקער רעפעראַט „אהבת ישראל אין תנ״ך און אין דער הגדה״ (ווינטער 1977). ער איז געבאָרן אין אַ קליין שטעטל, לעבן ביאַליסטאָק. געלערנט אין ישיבות, געווען אַ לערער אין דער יבנה־שול. אין 1922 איז ער געקומען קײַן קאַנאַדע, געווען אַ לערער אין דער „מאָנטרעאַלער ישיבה״, שפּעטער אין די פאָלקשולן און פון 27־טן ביז 69־טן יאָר געהילף־פּרינציפּאַל. ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון העברעיש־יידישן לערער־סעמינאַר. ער האָט געלערנט יידישע געשיכטע, דקדוק און מעטאָדיק אין פאָלקס אוניווערסיטעט.

שמשון דונסקי האָט געדרוקט אַרטיקלען, עסייען, לידער אין „קאַנאַדער אָדלער״, אין „אידישן קעמפער״, אין „פנקס״ אין ש. ע. אינסטיטוט, שיקאַגאָ. זײַנע פאָרשונגען וועגן ר׳ יוסף קארו האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפזען. ער האָט געשריבן אין „שלמה וויסמאַן־בוך״, אין יובל־ספר לכבוד א. גאָלאָמב „חסד ל׳אברהם״. ער איז דער טרײַער איבערזעצער און צום ערשטן מאָל לויט אַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, די מדרשים פון די פינף מגילות „איכה רבה״, „אסתר רבה״ און „רות רבה״, „קהלת רבה״, „שיר השירים רבה״ — ער האָט באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און די י. י. סיגאַל פּרעמיע.

„דונסקי איז ניט קיין איבערזעצער, נאָר אַן איבערדיכטער און דערבײַ געלינגט אים צו שאַפן אַ וואונדערלעכן סינטעז צווישן דעם וואָרצלדיקן אַלט־לומדישן יידיש פון חדר און ישיבה מיט דעם נײַעם פאָעטישן יידיש פון אונדזער צײַט, פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור . . .״ (יצחק יאַנאָסאָוויטש).

***

דר. יצחק אונטערמאַן אַ לאַנג־יאָריקער תושב פון דער עיר־הבירה, איז ניט נאָר געווען אַ רעפערענט אויפן „פאָרום״, נײַערט איינער פון די הויפּט טוערס פונעם קאָמיטעט. ער האָט אַ צײַט אָנגעפירט מיט די תלמוד־שיעורים בײַ דער „ביוראָ פון יידישער דערציונג״ אין מיאַמי.

דר. אונטערמאַן האָט געשטאַמט פון וואַרשע. ביז זעכצן יאָר האָט ער געלערנט אין ישיבות, דערנאָך האָט ער באַקומען סמיכה אויף רבנות. ער האָט געענדיקט דעם העברעיש־יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. זײַט

1904 איז ער געווען אַקטיוו אין דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, געשריבן אויך אויף פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס אין אַ ריי צײַטשריפטן אין פּוילן און רוסלאַנד. אין 1911 קומט ער קיין אַמעריקע און באַזעצט זיך אין קאַנאַדע. ער ווערט מנהל פון די העברעישע שולן אין מאָנטרעאַל, ווערט אַ מיטאַרבעטער אין „קאַנאַדער אָדלער", שפּעטער רעדאַקטאָר פונעם טאָראָנטער אָפּטייל. דאָרטן פּאַרעפנטלעכט ער אין המשכים די סעריע אַרטיקלען „דער תלמוד און זײַנע מחברים". זיינע אַרטיקלען וועגן „פּרושים, צדוקים און איסיים", די מדרשים — זייער אָפּשטאַמונג און באַדײַטונג. דער מחבר האָט אויך געשריבן ראָמאַנען אויף תנכישע סוזשעטן. ער ברענגט אויך אַרויס די יידישע טראַגעדיע אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה („אין די שחיטה־שטעט"). דער פּיל זײַטיקער דר. אונטערמאַן האָט מחבר געווען ווערק וועגן די יידישע יום־טובים, די יידישע נביאים, וועגן רש"י — זײַן לעבן און שאַפן. ער איז דער מחבר פון דרײַסיק ווערק אין ענגליש אויפן געביט פון יידישער פילאָסאָפיע, געשיכטע און געזעצגעבונג, צווישן זיי — זײַן ענגלישע איבערזעצונג און באַלייכטונג פון פּרקי אבות, די נביאים, אין וועלכע ער ברענגט אַרויס מיט גרויס קאָנטשאַפט די אויפטואונגען פון גרויסן געשטאַלטיקער פון דער יידישער הלכה . . . ס'ווילט זיך אויך דערמאָנען זײַנע מאמרים וועגן דער „חדר־פראַגע", וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין די ראַדיקאַלע קרײַזן . . . יצחק אונטערמאַן איז געווען אַ דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע און יורי, און האָט אַ צאָל יאָרן פּראַקטיצירט ווי אַן אַדוואָקאַט בײַ אונדז, אין מיאַמי.

זײַנע לעצטע יאָרן זײַנען געווען טראַגישע. ער האָט מער ניט געקענט באַוועגן זײַנע פיס און זיך געמוזט געפינען דאָס רוב אין הויז, אָבער דער קאָפּ האָט געאַרבעט כמעט ביז דער לעצטער מינוט. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט.

***

יוסף מלאַטעק און חנה גאָרדאָן־מלאַטעק זײַנען פּאָפּולערע און באַליבטע פיגורן אין דער שטאָט פון זון־און־פּאַלמעס. זיי טרעטן דאָס רוב אויף צוזאַמען בײַם ייוואָ־פאָרום. ער, ווי געוויינטלעך, מיט אַ לעקציע וועגן יידישן פאָלקלאָר און פאָלקס־מאָטיוון, זי — ווי די מוזיקאַלישע אויסטײַטשערין אויף דער פּיאַנאָ.

יוסף און חנה מלאַטעק האָבן זיך קונה־שם געווען מיט דער אָפּ־טיילונג, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אין „פאָרווערטס״ — „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע״ אונטערן פען־נאָמען „פּאַרשער״. דאָרטן ווערן סיסטעמאַטיש געפאָרשט און געדרוקט פאָלקסלידער, שירים פון אומבאַקאַנטע פּאָעטן; פאַר־שיידענע וואַריאַנטן פון לידער און עס ווערט אָנגעפירט אַן עפנטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט די לייענערס וועגן די ענינים. לעצטנס האָט מלאַטעק איינגעפירט אונטערן פען־נאָמען י. האַמער, אַ נייַע אָפּטיילונג „אין דער וועלט פון יידיש״. אַ טייל פון די „פּערל״ איז אַריין אין אַ בוך מיטן זעלביקן נאָמען.

יוסף מלאַטעק שטאַמט פון קעלצער געגענט. ער איז געקומען אין 1925 קיין וואַרשע מיט זייַנע עלטערן. ער האָט זיך דאָרטן געלערנט אין אַ יידיש־וועלטלעכער שול. ער איז געווען אַקטיוו אין דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף״. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער אַנטלאָפן קיין ווילנע. אין ווילנע איז ער געוואָרן אַ פּראָאַספּיראַנט פון ייוואָ. דערנאָך געלעבט ווי אַ פּליט אין שאַנכאַי. פון דאָרטן אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, וואו ער ווערט אַ לערער פון דער יידישער טאָג־שול אין קאַלגאַרי. אין 1949 איז מלאַטעק געקומען קיין ניו־יאָרק. ער זעצט פאָר זייַן בילדונג אין יידישן לערער־סעמינאַר און נעמט אויף קורסן אין דער „בייַער שול פאַר סאָציאַלער פאָרשונג״. אין 52־טן יאָר ווערט יוסף מלאַטעק עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון די אַ. ר. שולן אין ניו יאָרק. און מיט צוויי יאָר שפּעטער — דער בילדונג־דירעקטאָר און רעדאַקטאָר פון „קולטור און דערציאונג״ (לעבן) און פון דער „קינדער־צייַטונג״.

חנה גאָרדאָן מלאַטעק איז געבאָרן אין ניו־יאָרק. זי האָט באַקומען דעם באַקאַלאַוראַט פון האַנטער־קאַלעדזש. זי האָט שטודירט יידישע לינגוויסטיק און יידישן פאָלקלאָר אויף די גראַדואיר־קורסן אין לאָס־אַנדזשעלעסער אוניווערסיטעט און אויף די קורסן פאַר פאָלקלאָריסטיק אין ייוואָ. זי איז געווען די סעקרעטאַרין און אַסיסטענטין פון וויסנשאַפטלעכן דירעקטאָר פון ייוואָ (1944 — 1951). האָט געאַרבעט ווי אַ מוזיק־דירעקטאָרין אין „בויבעריק״ און „קינדער רינג״ און אין די אַרבעטער־רינג שולן. זייַט 1979 איז זי די אַרכיוויסטין אין ייוואָ.

יוסף מלאַטעק האָט אין 1985 באַקומען דעם „בית שלום עליכם־שייווער״ פּרייז פאַר ליטעראַטור און קונסט. אין דער מאָטיווירונג ווערט גע־

זאָגט, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר זײַן ווערטיקן בײַטראָג צום יידישן וואָרט און צו דער יידישער קולטור און פאַר זײַן שעפערישן לעבנס־ווערק.

יוסף מלאָטעק, וואָס איז הײַנט־צו־טאָג דער וויכטיקסטער פירער פון יידישער קולטור־טעטיקײַט אין אַמעריקע, האָט פאַרוואַנדלט דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־דעפּאַרטמענט, פון וועלכן ער איז זײַט יאָרן דער דירעקטאָר, אין דעם וועלט־אַדרעס פאַר יידישער קולטור. ער געפינט אָבער אויך צײַט פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, צווישן זיי דער „פאָרווערטס" און די ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו־אי־ווי־די" פאַרנעמען אַן אויבנאָן.

יוסף מלאָטעק איז געוואָרן דער אַמטירנדיקער פּרעזידענט פון דער „פאָרווערטס־אַסאָסיאַציע" נאָך דער פּטירה פון ישראל ברעסלאָו ע"ה. ווינציק איז באַקאַנט, אַז מלאָטעק איז אַרײַן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ דיכטער. צו צוועלף יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין דער „קליינער פאָלקסצײַטונג", אין װאַרשע. שפּעטער זײַנען זײַנע לידער דער־שינען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן.

ס'איז אויך כדאַי צו דערמאָנען, אַז די אָפּטע אַרבעטער־רינג פעסטיוואַלן אין די ניו־יאָרקער פּאַרקן זײַנען זײַנס אַן אויפטו! . . .

גיטל קאַהן יוסף מלאָטעק

מרדכי שטריגלערס נאָמען געפֿינט זיך אויף דער רשימה פֿונעם ייוואָ־פּאָרום שוין אין 1955. זײַנע פּאַרטיפּטע לעקציעס האָבן שטענדיק געלאָזן אַ רושם און האָבן אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג בײַם עולם.

שטריגלער האָט דורכגעמאַכט דעם וועלט־קריג אין דער וואַרשעווער געטאָ און אין פֿאַרשיידענע לאַגערן. נאָכן קריג איז ער געקומען קײַן פּאַריז, וואו ער איז געוואָרן שעפֿעריש־אַקטיוו. דערנאָך דערשײַנט ער אין ניו־יאָרק צו דער גרינדונגס־קאָנפֿערענץ פֿון קולטור־קאָנגרעס (1948) ער פֿאַרעפֿנטלעכט דאָ עסייען אין „געצעלטן". און אין „מאָרגן־זשורנאַל" דרוקט ער בילדער פֿון יידישן לעבן, באַזירט אויף דער שאלות־ותשובות ליטעראַטור. ער קערט זיך אום אויף אַ שטיקל צײַט קײַן פּאַריז, און באַזעצט זיך ענדלעך פּערמאַנענט אין ניו־יאָרק, וואו ער ווערט אַ מיטאַרבעטער און שפּעטער דער רעדאַקטאָר פֿון „אידישן קעמפֿער". ער שרײַבט אײנצײַטיק אין „פֿאָרווערטס" וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, זונטיק — אָפּהאַנדלונגען אויף תנכישע טעמעס, מיט אַ גרינטלעכן אויסטײַטש פֿון תלמוד, מדרש, רש"י, רמב"ם, רמב"ן און אַנדערע מפרשים.

מרדכי שטריגלער האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ווערק אין בוך־פֿאָרם, צווישן זיי: „אין אַ פֿרעמדן דור" (1947), „מאַידאַנעק" (1947), „אין די פֿאַבריקן פֿון טויט" (1948), צוויי בענד „ווערק צע", „גורלות" (1952), „געאָרעמט מיטן ווינט" (1959), „אינדזלען אויף דער ערד" (1975).

***

שמואל לייב שניידערמאַן געהערט אויך צום צעטל ייוואָ־לעקטאָרן פֿונעם „מיאַמי־פֿאָרום". ער קומט פֿון קוזמיר, פּוילן. ער האָט שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און אין אַ הויכשול פֿאַר זשורנאַליזם. ער האָט געדרוקט לידער, דערציילונגען, עסייען, אינטערוויוען, רעפּאָרטאַזשן אין „יידישע וועלט", „ביכער־וועלט", „ליטעראַרישע בלעטער", „אַרבעטער־צײַטונג", „וועלט־שפּיגל". אַן אויסקלײַב פֿון די רעפּאָרטאַזשן זײַנען אַרײַן אין זײַן בוך „צווישן נאַלעווקעס און אייפֿל־טורעם" (1936). אין 33־טן יאָר האָט שנײַדערמאַן אימיגרירט קײַן פֿראַנקרײַך, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט די וואָכנשריפֿט „פּאַריז". בשעתן שפּאַנישן בירגער־קריג, איז ער געווען אַ צײַט אין יענעם לאַנד. ער האָט געשריבן פֿון דאָרטן קאָרעספּאָנדענציעס און רעפּאָרטאַזשן פֿאַר פֿאַרשיידענע יידישע

צײַטונגען, און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך „קריג אין שפּאַניע" (1938). ער האָט געלעבט אַ יאָר אין יאָהאַנעסבורג און האָט רעדאַקטירט „די אַפֿריקאַנער יידישע צײַטונג". אין 1940 האָט ער זיך באַזעצט אין אַמעריקע. ער האָט מיטגעאַרבעט אין „פֿאָרווערטס", האָט באַזוכט פּוילן און האָט אָנגעשריבן פֿאַר דער צײַטונג אַ סעריע אַרטיקלען, וועלכע זײַנען אַרויס אין בוך־פֿאָרעם „צווישן שרעק און האָפֿנונג". ער האָט אַ שטיקל צײַט געשריבן פֿאַרן „מאָרגן־זשורנאַל", און זינט 1971 איז ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „פֿאָרווערטס". ער האָט דאָרטן אָפּגעדרוקט אַ שלל מיט אַרבעטן וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, אַ שטייגער: „פּוילן נאָכן לעצטן גירוש" (1973), „די קיבוצים אין מדינת־ישראל" (1974), „די סענט־לואיס שיף" (1975), „אַרטור שיק — דאָס שטורמישע לעבן און שאַפֿן פֿונעם גרויסן יידישן מיניאַטור־מײַסטער (1980). ש. ל. שניידערמאַן פֿאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָזיציע סײַ אין יידישן זשורנאַליזם, סײַ אין דער יידישער ליטעראַטור. זײַנע רעפּאָרטאַזשן שטעלן פֿאַר אַ האַרמאָנישע קאָמבינאַציע פֿון באַריכטן, באַשרײַבונגען און קינסטלערישע שילדערונגען. אין 85־טן יאָר האָט ער געקראָגן די פּרעמיע פֿונעם יידישן קולטור־קאָנגרעס.

***

ש. ל. שנײַדערמאַן

מיין קינד, דו ביסט אַ פֿליכטלינג

שלים די מוזיק, מײַן קינד
צו רואיק און טרוימעריש זײַנען איצט
די קלאַוויר סאָנאַטעס פֿון בעטהאָווען;
דער איראָפּעישער צעלזיוס־טערמאָמעטער ווײַזט מיר 38.5
אָבער כ׳פֿיבער ניט — ס׳איז ניט פּאַריז און ניט די סען.

ס׳איז ניו יאָרק בײַם האַדסאָן אין דער נאַכט,
וואַגנער־סטאַקאַטאָס שפּילן די אַוויאָנען,
עס איז אַן אימהדיק לופֿט־אַלאַרם ליד
און איך קאָן שוין אויסנווייניק די נאָטן —
פֿון וואַרשע, פּאַריז און מאַדריד.

לעש אוים דאָס ליכט,
צווישן די שטערן לויערט דער שונא.
קום נענטער און זעץ זיך אויף מײַן בעט —
איך בין ניט דער איינציקער קראַנקער, וואָס דאַרף רעטונג
אין דער וועלטס אומענדלעכן לאַזאַרעט.

און איצט, מיין קינד, איז צײַט
דיר צו דערציילן דײַן אייגענע געשיכטע:
ביסט געבוירן אין פּאַריז, אין אַ געסל ביים פּאַנטעאָן
און אין טאָג פון דײַן געבורט איז דער טאַטע, דער רעפּאָרטער,
געקומען צו פליען פון באָמבאַרדירטן באַרצעלאָן.

איך האָב געוויינט.
ווען עס האָט צום ערשטן מאָל פון דײַנע אויגן
אַ בלאָ־געטאָן אויף מיר אַזוי העל —
איך האָב דאַן געטראַכט פון די שפּאַנישע קינדער
אין די שױן־קעלערס פון גערניקאַ און סערועל.

(אַ טייל פון דער פּאָעמע — „פאָרווערטס" יוני 6, 1986)

*
**

דוד האָפּשטיין

אין יידישן וואָרט

אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ליב, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער,
איז פאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, ס'איז פאַראַן אַזאַ העלישער פײַער,
אַז ווינטן, וואָס ציען אויף וועלטישע ברייטע בּאַראַטן,
ניט קענען פאַרבלאָזן זײַן גליענדן אָטעם,
און אַשן פון תקופות ניט קענען זײַן צונטער פאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקײַט פון בלויען.

אין יידישן וואָרט, וואָס איז אָקערשט אַרויס פון די צוואַנגען,
וואָס זוכט זיך אומרואיק נאָך פעלדער און סטעפּעס,
איז פאַראַן שוין די זיכערע רו און די ברייטקייט פון עפּאָס
און ניט נאָר ביי הייליקע שומרים — אין וואָרט ביי די פּשוטע היטערס,
הערט זיך דער אָנהייב פון שטאָלצע געזאַנגען פון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף מונטערע קלאַנגען פון שייער —
אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ליב, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טייער...

(פון בוך „פון אַלע מיינע וועלטן" קראָקאָו מלוכה־פאַרלאַג 1929)

**
*

מרדכי חסיד — אויף וויפל עס געדענקט זיך איז דער דיכטער, מרדכי חסיד, בלויז איינמאָל אויפגעטראָטן ביים ייוואָ־פאָרום. ער האָט גע־רעדט וועגן דעם אינטערעסאַנטן און ווערסאַטילן פּאָעט, פראַנץ קאַפקאַ און האָט גוואַלדיק אויסגענומען, און לפי די פראַגעס, וועלכע זיינען שפּעטער געשטעלט געוואָרן דעם רעפערענט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַפקאַ איז פאַר דאָס רוב צוהערערס געווען אַ פּנים חדשות.

מרדכי חסיד איז פון בעסאַראַביע. ער האָט דאָרטן געענדיקט די גימנאַזיע. ער איז געווען אַ סטודענט אין ראַבינער חיותעס „בית מדרש למורים" אין ווין. ער ווערט שפּעטער אַ לערער אין אַ העברעיש־פינישער שול אין העלסינגפאָרס. ער לעבט אַ צייט אין שטאָקהאָלם און איז דאָרטן דער אָנפירער פון דער קולטור־אַרבעט ביי דער יידישער קהילה. ער איז געווען אַ דעלעגאַט צום „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס". ער איז אָנגעקומען אין קאַנאַדע אין 1950, און איז געוואָרן דאָרטן אַ לערער פון די יידישע פאָלקשולן און אַ לעקטאָר אין יידיש־העברעישן לערער־סעמינאַר אין מאָנטרעאַל. ער איז אַקטיוו ווי אַ יידיש־העברעישער שרייבער אין אַ צאָל צייטשריפטן איבער דער וועלט. מרדכי חסיד איז געווען יאָרן דער רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער אָדלער". ער האָט געהאַלטן די צייטונג אויף אַ ווערדיקער הייך, און געשריבן די לייט־אַרטיקלען מיט נאַציאָנאַלער חשיבות! . . .

**
*

חיים גראַדע איז געווען אַ כמעט „שטענדיקער" באַזוכער פון דער אויבן־דערמאָנטער „שטוב". ס'רוב ביכער זײַנע, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע, האָבן דערזען די „ליכטיקע וועלט" אין דער „שטוב". בײַ אַזאַ געלעגנהייט פלעגט זיך צוזאַמענקומען די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ פון שטאָט אין האַניקבוימס־גאָרטן און דאָרטן, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, אין שכנות פון צעבליטע ביימער, פלעגט געפּראַוועט ווערן אַ ליטעראַרישע מסיבה מיט אַלע פּיסטשעווקעס, דאָס־הייסט, מיט רעדעס, פּאַרלעזונגען, געזאַנג און פאַרענדיקט האָט מען מיט אַ גרויסאַרטיקן צובײַס, וואָס איז געשטאַנען גראַדע אויפן גראַד פון אַ באַנקעט! אַ קלייניקייט גראַדעס אַן אָונט! . . .

חיים גראַדע איז געווען, ווי באַקאַנט, אַ ווילנער. ער האָט דאָרטן געלערנט אַלגעמיינע לימודים אין די יידיש־וועלטלעכע שולן, און די טראַדיציאָנעלע — אין די ישיבות פון ווילנע, ביעלסק, אַלקעניק און ביאַליסטאָק, בײַ די נאָווהאַרדעקער מוסרניקעס, און זיבן יאָר בײַם חזון־איש. צו 22 יאָר האָט ער פאַרלאָזן די ישיבה און האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער. און אין זעלביקן יאָר (1932), האָט ער פאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע לידער אין „ווילנער טאָג" אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזען. זײַנע שאַפונגען האָבן גלײַך אַרויסגערופן אינטערעס מיט זייער פאַרוואָרצלדיקייט, אומרו, אחריות־דיקייט און זאָרג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק און מיט זייער קינסטלערישקייט. זיי האָבן גיך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט. אין 36־טן יאָר איז אין ווילנע אַרויס זײַן בוך לידער „יאָ" דרײַ יאָר שפּעטער זײַן פּאָעמע, „מוסרניקעס".

ווען די נאַציס זײַנען אָנגעפאַלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז גראַדע אַנטלאָפן פון ווילנע און האָט איבערגעלעבט דעם קריג אין צענטראַל אַזיע. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קײַן פּוילן, און פון דאָרטן איז ער אַוועק קײַן פראַנקרײַך. אין 1948 קומט ער קײַן ניו־יאָרק ווי אַ דעלעגאַט צו דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון יידישן קולטור־קאָנגרעס און פאַרבלײַבט שוין אין אַמעריקע. ער האָט שפּעטער אַרומגערײַזט איבערן לאַנד און געלייענט רעפעראַטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך אָפט באַטייליקט אין דער היגער יידישער פּרעסע און דאָרטן פּובליקירט זײַנע נאָוועלן, ווי „דער מאַמעס שבתים", „דער שול־הויף", „די עגונה", „צמח אַטלאַס", און ענדלעך ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".

חיים גראַדע איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אָנגעלאָדן מיט

יידישן וויסן, טראַדיציעס אומרו. ער האָט פרי באַנומען דעם פולן באַדײַט, וואָס עס מיינט צו זײַן אַ שרײַבער בײַ אַ לײַדנדיק פאָלק, דערצו נאָך אין אַזאַ תקופה ווי אונדזערע, ווי אַ טיף נאַציאָנאַלער יידישער פּאָעט, האָט ער סינטעטיזירט די אַלטע און די נײַע יידישקײַט.

חיים גראַדע האָט אונדז געגעבן דאָס געזאַנג און וויי פון אונדזער טראַגישער תקופה, דאָס שווערע לעבן פון די יידן אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, די ערב־צײַט און דעם גרויל פונעם קריג־און־אומקום יאָרן...

דער 32־טער יערלעכער באַנקעט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1981, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פײַערלעכער דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם זיבעציק יאָריקן געבוירן־טאָג פון חיים גראַדע. דר. יוסף לאַנדיס, פּראָפ. פון ענגליש אין „קווינז־קאָלעדזש" און פּרעזידענט פון קאָנגרעס, האָט געזאָגט: „אונדזער הײַנטיקער באַנקעט איז פאַר אונדז אַ באַזונדערע פרייד, ווײַל מיר גיבן אָפּ כבוד אַ גרויסן יידישן שריפטשטעלער". חיים בעז, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר, האָט פּרעזענטירט דעם יובילאַר מיט דער י. ל. פּרץ־פּרעמיע. דער „חתן הפרס", גראַדע, האָט בײַ דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעפעראַט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס בײַם גרויסן עולם:

„מײַן ליטעראַרישער וועג איז געגאַנגען מיטן פיזישן וועג פון וואַנדערער! ניט בלויז בין איך אַ מקונן וואָס שרײַבט קלאָג־לידער, אָבער דער חורבן איז דער טאָג־בוך פון מײַן לעבן. איך פאַרגעס בײַם שרײַבן, אַז די אומגעקומענע יידן זײַנען שוין מער ניטאָ". גראַדע האָט אויך באַטאָנט, אַז חיים נחמן ביאַליק און ה. לייוויק האָבן געהאַט אויף אים אַ השפעה אין די יוגנט־יאָרן. זײַן ערשט ליד „מײַן מאַמע", וועלכע זיצט בײַ די קאָשיקעס מיט די פאַרפרוירענע עפּל, און וואָס סימבאָליזירט אַזוי פיל פאַרשניטענע מאַמעס מיט זייערע טײַטש־חומשים, תחינות און סידורים. זײַן מוטער איז אומגעקומען אויפן פאַנאַר אין 1941...

**
*

חיים גראַדע

איך וויין אויף אייך מיט אַלע אותיות פון דעם אַלף־בית

איך וויין אויף אײַך מיט אַלע אותיות פון דעם אַלף־בית,
וואָס איר האָט אים פאַרנוצט צו זינגען האָפערדיקע לידער.
איך ווייס פון אײַער אײַנגערעדטער האָפנונג — איך ווייס
פון אײַערע צעפליקטע הערצער, ווי אַן אַלטער סידור.
איך האָב בײַ אײַך אין הויז געגעכטיקט אויף מײַן נע־ונד,
און פון מײַן שלאָף אין אײַער הויז האָב איך געהערט דאָס שאָרכן
פון אויפגעלעבטע שאָטנס אין אַ צײַט פון גזירת־שמד —
געדענק איך עס, ווי אײַער חסד פון הכנסת־אורחים:
ווי איך געדענק דעם רוס, וואָס האָט דערלאַנגט מיר ברויט בײַ שוועל,
ווי איך געדענק זײַן הימלאַנד, וואָס פאַרגייט אין זײַנע בלוטן
מיט ברייטקײַט פון דעם סטעפּ, מיט ענגשאַפט פון אַ תפיסה־צעל,
מיט לידער אויף דער וואָלגע און געבויגנקײַט פון קנוטן.
דעריבער האָב איך שטענדיק נאָכגעזוכט אויף אײַך אַ זכות,
ניט מחמת אײַער טויט האָב איך אויף אײַך געפונען זכותים;
בײַ אײַער לעבן נאָך אין לאַנד פון רחבותדיקן רוס
האָב איך געוווּסט, אַז אין דער טיף פון האַרץ זײַט איר אנוסים.
איך האָב געזען ווי איר האָט שטום געשווידערט און געשטווינט,
פּאָעטן יידישע פון מינסק, פון מאָסקווע און פון קיעוו,
ווען די געראָטעוועטע, וואָס דער גורל האָט געשווינט,
אײַך האָבן אָנגעזאָגט די בייזע אומגליקן פון איוב.
איך האָב געזען אײַך ציטערן פון גרימצאָרן און צער,
ווען אײַער גלויבן: „אני מאמין באמונה שלמה
אין פעלקער־פרײַנדשאַפט״ — איז געלעגן טויט אין באַבי־יאַר
מיט די הרוגי־קיעוו אין די גריבער, די געהיימע.
בײַנאַכט איז דוד בערגלסאָן אַרײַן צו מיר. „איר שלאָפט״?
מיר שלאָפט זיך ניט. אַ פולע בעט מיט טשוועקעס, חיים.
מיר האָבן אויפן נײַעם אויפגעקלערטן מענטש געהאָפט . . .

(אויסצוג פון „ירושלימער אלמאנאך״ 1982)

**
*

שלמה ווייסמאַן — פּעדאַגאָג, לאַנג־יאָריקער דערציער און שרייַבער, איז אויפגעטראָטן בייַם ייווא־פּאָרום מיט אינטערעסאַנטע רעפעראַטן. ער האָט געשטאַמט פון דינאַוויץ, פּאָדאָליע. זייַן פאָטער ר׳ שמואל, אַ משכיל און אַ בעל־תנ״ך, האָט אויף אים משפיע געווען דאָס גאַנצע לעבן. שלמה ווייַסמאַן איז געקומען קייַן מאָנטרעאַל אין 1913 און דאָרטן ממשיך־געווען זייַן בילדונג. ער איז געווען אַ תלמיד פון דר. יהודה קויפמאַן. ער האָט באַקומען זייַן פּעדאַגאָגיע־דיפּלאָמע אין „מעקגיל" אוניווערסיטעט. אָבער שוין פריער, צו זעכצן יאָר איז ער געוואָרן אַ לערער אין דער ערשטער יידישער פאָלקשול, און פון 1920 ביז 1969 געווען איר פּרינציפּאַל. ער איז איינער פון די גרינדערס און לעקטאָרן פונעם יידיש־העברעישן לערער־סעמינאַר. ער האָט אויך געגעבן העברעישע לעקציעס אין „דזשאָרדזש וויליאַם קאָלעדזש" אין מאָנטרעאַל. זייַן ערשטער אַרטיקל: „אונדזער קאַמף" — וועגן דער אַחריות פון אַ יידישן לערער אין דער שול אַרבעט, האָט גלייַך אַרויסגערופן אַ ערנסטע באַציונג צו אים. זייַט דעמאָלט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און עסייען וועגן יידישער און אַלגעמיינער דערציונג, וועלכע האָבן אים אָוועקגעשטעלט ווי אַ מומחה אין יידישער פּעדאַגאָגיק. ער האָט אויך געדרוקט מאמרים וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען, דערציילונגען, עטיודן, פאַנטאַזיעס, פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען און איבערזעצונגען פון העברעיש און ענגליש, וואָס זייַנען פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דער קריטיק. אין די זאַמלונגען „גליונות" האָט ער עסייען וועגן דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, וועלכע האָבן אים באַרימט געמאַכט צווישן די ליטעראַרישע מבינים אין ארץ־ישראל. פון גרויס וויכטיקייַט ווערן באַטראַכט זייַנע אַרבעטן: „אַמעריקע אין אונדזער יידישער דערציונג", „גאָט־זוכעניש אין אונדזער דור", „גלות און ארץ־ישראל אין אונדזער דערציונג" — פּראָבלעמען, מיט וועלכע די יידישע און העברעישע שול־עסקנים ראַנגלען זיך עד היום.

שלמה ווייסמאַן האָט אַרויסגעגעבן אַ לערערישע כרעסטאָמאַטיע אין דריי בענד, וועלכע ווערן גענוצט אין די דאָרטיקע יידישע שולן. אָט דער מיזאַמער און שעפערישער מענטש האָט אויך איבערזעצט אין עברית פון גריכישן אָריגינאַל „השיחות של אפקטעטוס", מיט אַן אַרייַנפיר, וואָס גיט אַ קלאָרע כאַראַקטעריסטיק פון עפּיקטעטוסעס פּערזענלעכקייַט, זייַן עטישע לעבנס־פילאָסאָפיע, און קאָן פאַררעכנט ווערן פון די בעסטע העברעישע איבערזעצונגען. פאַר אָט דער אַרבעט, האָט ער באַקומען די סיגאַל־ליטעראַטור פּרעמיע.

***

יעקב זיפער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין דער עיר־הבירה און ממילא אַ לעקטאָר בײַם „פּאָרום״. ער האָט געשטאַמט פון פּוילן. זײַן פֿאָטער, אַ מורה־הוראה און אַ מחבר פון ספרים, האָט געהאַט אַ שטאַרקן אײַנפלוס אויף אים. יעקב זיפער איז געווען דער אַדאָפּטירטער נאָמען פון יעקב יצחק שטערן. חוץ בײַם פֿאָטער, האָט ער געלערנט בײַ פּריוואַטע לערערס. אין 1919 פאַרלאָזט ער זײַן שטעטל און לעבט אַ צײַט אומלעגאַל אין וואָלין. בעת דעם באָלשעוויסטישן אָנפאַל אויף פּוילן אין 1920, ווערט ער פאַרמשפּט פון די פּאָליאַקן צום טויט. געראַטעוועט האָבן אים יידן, וועלכע זײַנען ערב־געווען פאַר אים ביז צו זײַן אָפּפאָרן קיין קאַנאַדע. אין 1925 ווערט ער לערער און פּרינציפּאַל פון די פּרץ־שולן אין מאָנטרעאַל, און אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, פאָלקס־ביבליאָטעק. יעקב זיפער האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט מיט אַ בילד פון חסידישן לעבן „שלוש סעודות״. ער האָט זיך באַטייליקט מיט ליטעראַרישע און פּעדאַגאָגישע אַרבעטן אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן. פאַר זײַן דערציילונג „מגפה״ האָט ער באַקומען די צוקונפט־פּרעמיע (1948), פאַר „דאָס אמתע בילד״ — די פרידלאַנד פּרעמיע, פאַרן בוך „אין די געצעלטן פון אַברהם״ — די סיגאַל־פּרעמיע, און פונעם זעלביקן פאָנד פאַר — יידישער דערציונג. ווען די „געצעלטן״ איז דערשינען אויף עברית, האָט זיפער געקראָגן די „זכריה באַגאָפּאָלסקי״ פּריז (1979).

***

שלום אַש האָט געלעבט אַ געוויסע צײַט אויף איינע פון די אינדזלען פון מיאַמי ביטש, און פלעגט אויפטרעטן, הגם זייער זעלטן, בײַם יִוואָ־פּאָרום, ווען אַזאַ געשעעניש איז יאָ פאָרגעקומען, איז דער זאַל געווען איבערגעפּאַקט און מענטשן זײַנען געשטאַנען בײַ די ווענט.

ווען ס׳האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אין דער יידישער פּרעסע די פּלוגתא וועגן אַשעס „קריסטלעכע״ ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען, כידוע, צוערשט אין ענגליש און זײַנען געוואָרן „בעסט סעלערס״ און האָבן שטאַרק אויס־גענומען אין געוויסע קריסטלעכע קרײַזן, האָבן זיך דעמאָלט געשאַפן בײַ אונדז, ווי באַקאַנט, צדדים. איין צד האָט באַשולדיקט דעם מחבר אין שווערע חטאים, למשל, אין געלט־גײַציקייט, אין אַ פאַרשאַרפטן גלוסט נאָך פּירסום

און אין פּשוטער בגידה, רחמנא־לצלן! . . . מיט אַט דער באַטאַליע האָט אָנגעפירט מיט אַ סך אייפער דער אימפּולסיווער און קנאותדיקער וואָרט־ווירטואָז, חיים ליבערמאַן. ער האָט אָוועקגעגעבן צענדליקער עמודים אין זיין צייטונג צו אַנטראָגען דעם באַרימטן קלאַסיקער . . .

אַשעס מליצים האָבן אַוודאי ניט געשוויגן. זיי האָבן באַוויזן מיט אותות־ומופתים, אַז אַ קינסטלער פון שלום אַשעס פאַרנעם האָט אַ רעכט אויף זיין טעמאַטיק, מעג עס זיין אַפילו וועגן דעם „אותו־האיש". והא ראיה: ס'האָט זיך אָפּגעגעבן מיט „אים" אַזאַ גרויסער ייד, ווי דר. קלויזנער! . . .

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וועלכע זיינען ניט מסכים געווען מיטן צושטאַרקן ליאַרעם פונעם ערשטן, און זיי איז אויך ניט געווען צום האַרצן די טענות פון די לעצטע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז הגם אַש דאַרף זיך ביי קיינעם ניט אָנפרעגן וועגן וואָס און וועגן וועמען צו שרייבן, האָט ער אָבער אויסגעקליבן אַן אומפּאַסיקע צייט פאַר זיינע חיבורים, וואָרן דאָס יידיש געמיט איז פאַרפינצטערט און דערדריקט פונעם ערשט־דורכגעמאַכטן היטלער־חורבן, און ווי אַזוי די „וועלט" האָט זיך אָפּגערופן אויף אונדזער גרויסן בראָך, דאַרף מען קיינעם ניט דערציילן! . . .

אָט אין יענער צייט איז געהאַנגען איבערן הויז פון שלום אַש אַ שטיקל חרם מצד דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער עיר־הבירה. געבראָכן די איזאָלאַציע האָט דער שוין פריער דערמאָנטער יוסף דונטאָוו. ער האָט אין אַן אָוונט, אין חודש נאָוועמבער אין די אָנהייב פופציקער יאָרן, פאַרבעטן אין זיין היים אַ צאָל מענטשן מיטן גרויסן שריפטשטעלער אַלס הויפּט־גאַסט. און גייענדיק יענעם קילן נאָוועמבער־אָוונט צום דערמאָנטן הויז, האָבן זיך געבאָמבלט אין קאָפּ פראַגמענטן פונעם אומפאַרמיידלעכן שרייבערישן וויכוח און ס'האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי ס'האָט רעאַגירט אַ געוויסער קלאָס לייענער אונטערן איינפלוס פון ליבערמאַנס הייס־שוימיקע מאַמרים, און ווי אייגער פון זיי האָט זיך אַפילו דערלויבט אויפצוהייבן אַ האַנט אויפן מחבר פון „שטעטל", „קידוש־השם" און צענדליקער אַנדערע ווערק, וועלכע דורות יידן האָבן גע־לייענט און באַוואונדערט. ווען יענער, דער „קורא־נכבד", האָט דערקאָנט דעם שרייבער אין גאָס, וואָרן פאַר אים איז שוין אַש געווען אַ משומד, אַ מסור און וואָס ניט?

און נאָך אַ זאַך האָט זיך דעמאָלט געקלערט, בעמלעך: ווען אַש וואָלט זיך באַנוגנט מיטן „מאַן פון נצרת", וואָלט זיך, דאַכט זיך, קיינער ניט אויפגערעגט,

און ער וואָלט זיך פאַרשפּאָרט אַ סך עגמת־נפש, מחמת דאָס בוך, ווי באַקאַנט, האָט גוואַלדיק גרויסע מעלות, ניט נאָר אין רעסטאַווּרירן קינסטלעריש די אַלטע ירושלים בימי דער רוימישער הערשאַפט, נײַערט די עצם אַרטיסטיש־שרײַבערישע אײַנפאַלן און דעם אופן פון צוריק אויפלעבן מענטשן און געשעענישן, זײַנען בשעתו געווען אַ נײַס אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דער דערפאָלג פון אָט דעם ווערק, האָט גורם געווען די אַנדערע צוויי . . .

אַרײַנקומענדיק אינעם העל־באַלויכטענעם זאַל, האָבן מיר דאָרטן געפונען, ווען מען האָבן מיר ניט געפונען? עס זײַנען דאָרטן געווען, ווי ס׳ווערט געשילדערט אין קרילאָווס פאַבל — פון אַ שוואַן און אַ העכט ביז אַ — ראַק! מיט אַנדערע ווערטער, פון אַ רעפאָרם־ראַבאַי, אַ האָטעל־אייגנטימער ביז אַ מאַטראַצן־פאַבריקאַנט. אוודאי האָט ס׳רוב פון זיי געהערט און געלייענט פון און וועגן אַשן, און זיי האָבן אים געזוכט געזעלשאַפטלעך „פאַרווײַלן״. און ער אַליין, דער „נשר הגדול״ איז געזעסן אַ פרעמדער, אַן איין־זיך פאַרשלאָסענער, און אין די גרויסע, טונקעלע אויגן איז געווען פאַרקליבן אַן אַנסופיקער, אַן אומבאַהאָלפענער אומעט . . .

מיר האָבן אים באַטראַכט פון אַ זײַט. ס׳האַרץ איז געווען פאַרקלעמט. ס׳האָט זיך געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָך צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג, האָט ער געגומען רעדן שטיל, כמעט בלחש, אַז ער האָט אַ היים אויף איינע פון די אינדזלען, און ווען ער פאַרבענקט זיך נאָך „זײַנע״ יידן, כאַפּט ער זיך אַראָפּ מיט זײַן אויטאָ אינעם מײַל שטאָט. וואו ער קאָן זיך אײַנהאַנדלען היימישע פּראָדוקטן און פאַרציען בעת־מעשה אַ שמועס מיט די קרעמער. אָבער לעצטנס באַנעמען זיי זיך צו אים — ווען זיי דערוויסן זיך ווער ער איז — מיט אַ געוויסן חשד! . . .

— נו, איר ווייסט דאָך געוויס פאַרוואָס . . . האָב איך פאַרזיכטיק אַרײַנגעשטעלט.

— מײַנע לעצטע ווערק וועלן שאַפן אַ בריק צווישן דער קריסטלעכער און דער יידישער וועלט! — האָט ער מיך ניט געהערט. — מען שרײַבט מיר פון דער שווייץ, אַז מען נוצט זיי אין די הויכשולן . . . ער האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט פון אָרט און גענומען אומשפּאַנען הין־און־צוריק בײַ דער וואַנט. זײַן הויך געשטאַלט איז געווען אַ ביסל אײַנגעבויגן און דער שטאָלצער קאָפּ אַראָפּגעזונקען. „איך האָב גרויס געמאַכט די יידישע ליטעראַטור אין דער וועלט״. האָט ער גערעדט אײַלנדיק, און זײַנע ווערטער, די איצטיקע ווי די

פריערדיקע, האָבן געקלונגען אַפּאָלאָגעטיש, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַרן אייגענעם געוויסן. „איך האָב זי אַרייַנגעבראַכט אין די געצעלטן פון יפת . . . און איר . . . וואָס שווייַגט איר?" האָט ער מיך שטרענג אָנגעקוקט און זיך צוריקגעזעצט אויף זייַן אָרט.

— איך וויל אייַך ניט מצער־זייַן . . . איך האָב אַ רגע געשוויגן און געזאָגט: — כ'האָב זיך גראָד אָצינד דערמאָנט — ווען און בייַ וועלכע אומשטענדן איך האָב אייַך ס'ערשטע מאָל געזען. איר האָט זיך געהאַט איינ־מאָל אומגעקערט פון ארץ־ישראל, און אייַער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג אין ביירוטער פּאָרט, וואָס איז לבנון. אַ סך יידן זייַנען אייַך געקומען מקבל־פּנים זייַן. מייַן פאָטער איז געווען צווישן זיי. ער האָט מיך געהאַלטן אויפן אָקסל און אָנגעוויזן מיטן פינגער: „זעסט, מייַן קינד, דאָס איז שלום אַש! ער האָט אַ שמייכל געטאָן און גערעדט דאָס זייַניקע: „ס'טרעפט אַמאָל, מייַן אויטאָ ווערט קאַליע און איך געפין זיך דעמאָלט אין שטאָט־צענטער, וואו דער פּאַרקער איז אין סאַמע ברען — איז גענוג איך זאָל ווייַזן מייַן וויזיט־קאַרטל אַ פּאָליציסט, און ער זאָל זי גלייַך אַוועקפירן אין אַ גאַראַזש צו פאַרריכטן".

איך האָב זיך געוואונדערט אויף דער „סמיכות־הפרשה" און טאַקע געוואָרט אויף עפּעס אַ דערקלערונג. נאָר באַלד איז געקומען נאָך אַ מער איבערראַשנדיקער „זאָג": „מ'האָט מיר דערציילט, אַז דער סטאַלין איז אַ וואוילער גוי. נו, האָב איך געשריבן פאַר דער „פרייַהייט" . . . און ווידער האָב איך געהאַט דעם אייַנדרוק, אַז דער מענטש ווערט געמאַטערט פון סתירות און נסיונות, וועלכע דער גורל טיילט אים צו. און ער זוכט מיט אַלע כוחות זיי צו באַשיידן און ווייסט ניט ווי אַזוי . . . און ס'האָט זיך דעמאָלט ווייטיקלעך געטראַכט: מיר נייטיקן זיך אפשר אין אַ פּסיכאָ־אַנאַליטיקער מיט אַ פאַרנעם פון אַ שלום אַש, בכדי צו פאַרשטיין און באַנעמען דעם מענטשן און דעם שריפטשטעלער — שלום אַש! . . .

**
*

דר. א. גליק — איינער פון די גרינדער און גייַסטיקע מנהיגים פון דער גרופּע, איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון שלום אַשן. ניט נאָר האָט ער פּרעזידירט בייַ יענעמס אויפטריט, נייַערט ער האָט אין יענע סומנע־

אומרואיקע טעג פאַרן שרײַבער אים באַשיצט און באַשירעמט פון וועלכן ס'איז אומפּאַסיק וואָרט, אָדער, חלילה, האַנדלונג . . . —

דר. גליק איז געווען דער אומאָפיציעלער געזונט־משגיח פון דער ייִדיש־ייִדישער אינטעליגענץ אין שטאָט. הגם ער האָט געהאַט אַ סך פּאַציענטן, האָט זײַן אויפנעם־צימער ס'רוב געפּוסטעוועט, וואָרן ער האָט בײַ אַ נויט — אַ מאַטעריעלן צי אַ פיזישן — גאַרניט לויטן הײַנטיקן אײַנפיר, באַזוכט דעם חולה אין הויז, און אים אָפט אויך באַזאָרגט די רפואה אין אַפּטייק . . .

דער הויכער, איבערגעוואַקסענער בר־נש האָט זיך ניט געקענט ספּראַווען מיטן טאָג. ס'האָבן אויף אים געוואָרט, חוץ די פּאַכמענישע, אַ שלל זיצונגען און קאָנפערענצן פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע מ'האָט אים אַרײַנגעצויגן, אָבער צום ליבסטן זײַנען אים געווען זײַנע פּראָפעסיאָנעלע עובֿדות און די אַרבעט פון דער ייוואָ־געזעלשאַפט . . .

אָט דער איידעלער און ביז גאָר סענסיטיווער מענטש, האָט זיך אומ־געטראָגן מיט אַ וואונד, וואָס קיין שום דאָקטאָר האָט אים ניט געקענט העלפן. די היילונג איז געלעגן אין די הענט פון זײַן פרוי, און זי האָט זיך ניט געאײַלט עס צו טאָן! . . . ביז ער האָט אַליין פאַרענדיקט אויף אַ טראַגישן אופן זײַן לעבן! . . .

***

שמואל איזבאַן איז געבאָרן אין אַ שטעטל אין פּוילן. שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין וולאָצלאַוועק. ער האָט געלערנט אין חדר און אין אַ העברעישער גימנאַזיע. אין 1921 איז ער מיט די עלטערן אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישׂראל. ער האָט דעביוטירט אין 25־טן יאָר מיט אַ דערציילונג „אַללאַס צאָרן", און דערנאָך האָט ער זיך געדרוקט אין אַ צאָל אייראָפּעישע ייִדישע צײַטשריפטן. ער האָט זיך באַטייליקט אין לינק־פּועלי־ציוניסטישן וואָכנבלאַט „נײַ־וועלט", און צוזאַמען מיט יעקב שטאָל און י. צ. שאַרגעל רעדאַקטירט די ליטעראַרישע זאַמלונגען „שטאַמען". אין 1937 איז ער געקומען קײַן ניו־יאָרק. ער האָט זיך געדרוקט אין דער „צוקונפט" און „אויפקום". שפּעטער איז ער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל" און נאָכדעם אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", וואו ער האָט געדרוקט ראָמאַנען, רעפּאָרטאַזשן און

אַרטיקלען, האָט געאַרבעט אַ קורצע צײַט אין „אַלגעמיינעם זשורנאַל״. שמואל איזבאַן איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס״. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל ראָמאַנען און דערציילונגען אין בוך־פאָרם. זײַן נייסטער — „אַ וואָלפיש אין יפו״ (1982).

ש. איזבאַן איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־פאָרום מיט אַן אָפשאַצונג וועגן יהודה עלבערג — „מענטש און שריפטשטעלער״, און האָט געלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק . . .

***

דר. שלמה סיימאַן איז אויפגעטראָטן בלויז געציילטע מאָל בײַם ייוואָ־פאָרום, הגם אַ ווינטער־רעזידענט, האָט ער זיך ניט פאַרגונען אַ ביסל זייטיקע צײַט. ער איז געווען דעמאָלט פאַרטאָן ביז איבערן קאָפּ מיט אַ גראַנדיעזער אַרבעט, נעמלעך: — פון איבערטראָגן דעם ספר־הספרים אין אַ מאָדערנעם ענגליש. ער האָט געהאַט פאַרענדיקט די חמישה חומשי תורה, די נביאים ראשונים און האָט שוין געהאַלטן בײַם ספר יחזקאל, אָנגעבנדיק דערבײַ די שליסל־פּירושים און די הגדות, מדרשים און פאָלקלאָר, ניט נאָר פון תלמוד ירושלמי און בבלי. ער האָט אויך אַרײַנגענומען מפרשים פון מיטלאַלטער און פון דער מאָדערנער צײַט, מיט איין וואָרט: — דער טעקסט און די קאָמענטאַרן שטעלן מיט זיך פאָר אַ געוועב פון דרײַ טויזנט יאָר יידישער חכמה, שאַרפזין און טראַדיציעס, וועלכע שטאַרקן און טײַטשן־אויס איינס דאָס אַנדערע.

דר. שלמה סײַמאָן איז געווען, תלמודיש גערעדט, אַ „צנא מלא ספרא״. ער האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע קאַריערע, דאַכט זיך, מיט מעשיות און דערציילונגען פון־און־פאַר קינדער, וועלכע האָבן בשעתם געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, און איז אײַנצײַטיק אַריבער צו אַנדערע זשאַנערס. ער האָט פאַרעפנטלעכט ווערק פון ביאָגראַפישן תוכן, ספרים וועגן יהדות, ווי „יידן צווישן פעלקער״ און „אויף אייגענע דרכים״. אויפן ביבלישן געביט: — „חומש פאַר קינדער״, „אין די טעג פון די ערשטע נביאים״, און אַ ספר וועגן די לעצטע נביאים, קורץ און דווקא גוט! — פון זיין פעדער זײַנען אַרויס נײַנצן ביכער אויף יידיש (דער לעצטער חיבור „אמונה פון אַ דור״ איז דערשינען נאָך זײַן פּטירה.) און נײַן אויף ענגליש חוץ אַנצאָליקע

אַרבעטן אויף רעליגיעז־פֿילאָסאָפֿישע טעמעס און אַן אַ שיעור מאמרים וועגן חינוך. זײַנע ווערק טראָגן, לפי אונדזער דעה, אַ געוויסע שליחות, האָבן דערציערישע צילן, וואָרן דר. סײַמאָן איז געווען ניט נאָר אַ שריפֿט־שטעלער־פֿאָרשער, נײַערט קודם־כּל אַ פֿאָלקס־דערציִער, אַ פּעדאַגאָג אין העכסטן און שענסטן זין פֿון וואָרט! ניט אומזיסט האָט ער אָנגעפֿירט, נאָך איידער ס'איז אַרײַן אין דער „מאָדע" צענדליקער יאָרן מיטן תנ"ך קרײַזן.

דר. סײַמאָן האָט בײַ אַ געלעגנהײַט פֿאַרבעטן דעם שרײַבער פֿון די שורות און זײַן פֿרוי אים צו באַזוכן אין זײַן נײַער היים. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען, האָט ער אָוועקגעלייגט אַלע עובֿדות און איז געגאַנגען אונדז ווײַזן די דירה און אירע חידושים וואָס זײַנען דאָרטן אײַנגעאָרדנט אויפֿן סאַמע מאָדערנסטן אופֿן, הגם די צימערן זײַנען נאָך געווען האַלב ליידיק אָבער זײַן גרויסער, רחבֿותדיקער שרײַבטיש איז שוין געשטאַנען אויבנאָן אין זאַל, מיט אַלע זײַנע אייגן־פֿאַרפֿאַסטע ספֿרים, אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרײַז — איר זעט, מײַן פֿרײַנד — האָט ער אויסגערופֿן מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ. — חוץ מײַנע קינדער — איז דאָס מײַן אוצר, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אין אַמעריקע פֿאַר די זיבן־און־פֿופֿציק יאָר, וואָס איך לעב דאָ.

דר. סײַמאָן האָט געהאָפֿט צו פֿאַרווירקלעכן זײַנעם אַן אַלטן חלום, אַשטייגער — צו שאַפֿן אַ „מקום מקלט" פֿאַרן ייִדישן סעקולאַריזם. ער האָט ניט פֿאַרלייקנט דעם הלכה־וועג — נאָר ער האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף אָננעמען אַ נײַע פֿאָרם. אַצינד, האָט ער געמיינט, איז ייִדישקײַט בײַ די וועלטלעכע ייִדן אַן אַבסטראַקציע, למשל: — מען באַזינגט און מען באַשרײַבט אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט גרויס פּיעטעט דעם שבת, אָבער וואָס מיינט פֿאַר אונדזערן אַ ייִדן שבת? און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן זאָל ער אים אָפּהיטן? מען דאַרף אָנפֿילן אונדזער לעבן מיט קדושה אינהאַלט; שאַפֿן אַ לעבנס־שטייגער, וואו יעדער מנהג און געבאָט, וואָס מען וועט אָננעמען זאָל ווערן אַן איבערגעלעבטע געשעעניש, אָבער מען קען קיין זאַך ניט אָנהייבן צו טאָן, סײַדן מען אַקצעפּטירט צוריק דעם בית־מדרש ווי אַ צענטער. אָן אַ בית־מדרש קען ניט זײַן קיין ציבורדיק־קהליש לעבן און פֿאָרם, וואָס קאָן דערנאָך אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער אייגענער היים. דר. סײַמאָן זעט אַזוי פֿיל מעלות־טובֿות אין אָט דער אינסטיטוציע, אַז ער האַלט, זי קאָן אויך ווערן די צווייטע היים פֿאַר אונדזערע קינדער. „דער בית־מדרש", איז דר. סײַמאָן פֿול מיט התלהבֿות, „קאָן ווערן דאָס אָרט, וואו מען וועט

זיך צונויפקומען ניט נאָר שבת־יום־טוב, נײַערט אויף יעדער משפּחה־שמחה, פּאַלקס־פײַערונג און, חלילה, טרויער טעג. עס קאָן ווערן די היים פון יידיש און יידישיסטן. וואָרט, איר זײַט נאָך ניט פאַרטיק! מען וועט דאָרטן קאָנען דורכפירן אונדזערע חתונות לפי אונדזער נוסח, בר־מצווהס און, חלילה, לוויות. היות ווי מען וועט ניט זיין געבונדן צו דעם פריער־אײַנגעשטעלטן ריגאָריסטישן צערעמאָניאַל, וועט מען קאָנען עקספּערימענטירן!״ אַפילו ניט קיין פרומער ייד האָט געקאָנט שטעלן דעם זוכערישן דר. סײַמאָן די האַרבע שאלה: וויבאַלד אַן אומקער צום בית־מדרש — צו וואָס זוכן איינעם, וואָס מען דאַרף אים ערשט אָנפילן מיט אַ תוכן? אויף דעם ענטפערט ער אין זײַן בוך „אמונה פון אַ דור״ האָט ער ניט דערווײַל קיין תשובה... לײַדער, האָט ער שוין מער ניט באַוויזן צו האָבן, וואָרן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז דר. שלמה סײַמאָן געפאַלן פּאַטאַל אין גאַס פון אַ האַרץ־אַטאַקע...

***

יצחק באַשעוויס זינגער טיילט דאָס קאַלענדאַר־יאָר צווישן ניו־יאָרק און מיאַמי ביטש. און מען ווייסט פּאַקטיש וועגן דעם שריפטשטעלער „אַלץ״, וואָס מען וויל וויסן, הן דורך זײַן מיטאַרבעט אין „פאָרווערטס״, הן פון זײַן טורישקײַט אין דער עיר־הבירה. נאָך לאַנג פאַרן קריגן דעם נאָבעל־פּריז, פלעגט זײַנער אַן אויפטריט ביים ייווא־פאָרום אַרויסרופן כמעט אַ סענסאַציע! אויך די יידיש־ניט־קענער זײַנען אים געקומען הערן. נאָכן רעפעראַט, וואָס באַשעוויס האָט עס פשוט באַצייכנט, ווי אַ שמועס, האָט מען געשטעלט, ווי ס׳פירט זיך, פראַגעס, וועלכע האָבן געהאַט מער שײַכות צו זײַנע דערציילונגען אין פאָרווערטס, ווי צו זײַנע רייד אויף דער פּלאַטפאָרמע, דהיינו, למאַי מאָלט דער מחבר אונזערע עלטערן, באַזונדערס דעם ווייבלעכן מין, אין אַזוינע טונקעלע פאַרבן, און טייל פונעם אַנדערן צד, האָט געהאַט טענות, פאַרוואָס באַשעוויס צעטרענצלט זײַן טייערע צײַט אויף אַזאַ קליינעם עולם, (אין זאַל האָבן זיך געפונען אַרום 300 באַזוכער.) בעת ער קאָן דערגרייכן מיט ענגליש די גרויסע וועלט?

באַשעוויס האָט שטאַרק אונטערגעשמייכלט אויף דער קריטיק פון די ערשטע און זיי פאַרזיכערט, אַז הגם ער ווײַזט אָן אויף די שאָטן־זײַטן פון געווויסע מענטשן, זײַנען יידן אים נאָענט און טײַער, וואָס־ראיה — אים איז

ליבער צו רעדן צו קליינע צאָלן יידן אויף יידיש, און ניט אויף קיין אַנדער לשון! . . .

נאָכן באַקומען דעם נאָבעל־פּריז, איז באַשעוויס זינגער נאָך דערשינען אַ פּאָר מאָל אויף דער ייִוואָ־טריבונע. שפּעטער איז עס, אַפּנים, פאַר אים געוואָרן שווער. זיין ווינטער־היים אין מיאַמי איז אָפט געווען „באַלאַגערט" פון די מעדיאַ־מענטשן. עס געדענקט זיך, ווי דער שרייבער פון די שורות, דעמאָלט דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי אים, ס'האָט זיך נאָך דעמאָלט געטראָגן איבערן כדור־הארץ די אומגלייבלעך חידושדיקע בשורה, אַז אַ יידיש־נאָוועליסט מיטן נאָמען יצחק באַשעוויס זינגער, האָט געקראָגן דעם נאָבעל־פּריז! . . .

אומגלייבלעך ניט דערפאַר, וואָס דער לאָורעאַט האָט עס ניט פאַרדינט ניי ערט, וואָס ער איז אַ שריפטשטעלער פון אַ ליטעראַטור אָן אַ לאַנד און אָן אַ זיכערער סביבה, אָן אַ דאגה פאַר איר צוקונפט און אָן זאָרגער פאַר איר קיום! און בלויז דער הויך־קוואַליטאַטיוו־קינסטלערישער ווערט פון זיינע ווערק האָט געהאַט אַ השפעה אויף זיינע שוועדישע שופטים אין שטאָקהאָלם! . . .

אין אָט דעם אומגעריכטן יום־טוב זיינען זיכער געווען די הויפּט־מחותנים דער חתן־היובל, פאַרשטייט זיך, די יידישע ליטעראַטור, די יידישע שפּראַך, אין וועלכער זי האָט זיך אַנטוויקלט, פאַנאַנדערגעבליט און איז ווייטער שעפעריש . . . נאָך קיינמאָל, דאַכט זיך, איז דאָס אַמעריקאַניש ווערטל געווען אַזוי טרעפלעך־ריכטיק און גילטיק ווי אַצינד, נעמלעך: „גאָרניט איז אַזוי הצלחהדיק ווי די הצלחה אַליין!" אין דעם האָבן מיר זיך איבערצייגט אויף ס'ניי ווען מיר האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון באַשעוויסעס פאַרנעמיקע היים. מיר האָבן דאָרטן געפונען די גאַנצע מעדיאַ: — ראַדיאָ און טעלעוויזיע קאַמעראַ־לייט, פאַרשטייער פון שטאָט, לאַנד, און פון דער וועלט־פּרעסע, אַ טייל פון זיי איז געווען לחלוטין פרעמד דעם שרייבערס פאַרגאַנגענהייט, זיינע ערשטע ווערק.

ער האָט אויפגענומען זיינע געסט מיט אַ סך געדולד. צווערשט האָט ער עס געפּרואווט טאָן בציבור, נאָר ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז יעדער פּען־מענטש האָט זיך זיינען ספּעציפישע פראַגעס און איז ניט להוט צו האָבן דערביי אַ זייטיקן אויער. באַשעוויס האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט יעדן איינעם באַזונדער, להבדיל ווי אַ רופא, און מחמת ער איז שוין

געווען אַ ביסל מידלעך, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ קאַנאַפּע, און אַזוי האַלב־ליגנדיק אויסגעהערט אָן אַ שיעור פראַגעס און געגעבן זײַנע תשובות. דאָס רוב שאלות האָט געהאַט צו טאָן מיטן לאַנד, מיט אַנדערע ווערטער, ווען קומט די פּרעפערענץ — פּוילן, וואו דער שריפטשטעלער איז געבוירן, אָדער די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער איז רייף געוואָרן און געשאַפן זײַנע עיקרדיקע ווערק? און באַשעוויס־זינגער האָט געהאַלטן אין איין איבער־חזרן: „די פּרעפערענץ, צי דעם כבוד קומט דעם יידישן לשון און דער יידישער ליטעראַטור!״ . . .

ווען מײַן רייע איז געקומען, בין איך אַרײַן צו באַשעוויסן מיט אַ שווער געמיט. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז שוין מיד און אויסגעשעפּט. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל. ס׳איז אַוועקגעפאַלן די שפּראַך־מחיצה, און מ׳האָט זיך דורכגעשמועסט פּשוט און היימיש אויף יידיש. ער האָט אויסגעדריקט זײַן האָפענונג אַז די חשיבות פון אונדזער לשון וועט זיך, אַ דאַנק דעם נאָבעל־פּריז, אַ הייב טאָן אין דער ליטעראַריש־אַקאַדעמישער ספערע. אויך די יידיש־ענגלישע אינטעליגענץ וועט באַקומען מער דרך־ארץ פאַר אונדז. ער איז אויך זיכער, אַז יידיש וועט פאַרנעמען אַן אָנגעזעענערע פּאָזיציע אין מדינת־ישראל, אָבער דער שאַרפסטער וואונטש בײַ אים איז, אַז בײַם פּשוטן פאָלק זאָל דאָס לשון קריגן אַ בעסערע מערכה!

באַשעוויס־זינגער — אַ קענער און אַ תלמיד פון ברוך שפּינאָזאַ, האַלט, אַז די וועלט ווערט געפירט דורך געזעצן וואָס דער מענטש קען ניט משיג־זײַן, למשל, פאַרוואָס איז ער דאָס געווען דער בחיר און ניט קיין אַנדער יידישער שרײַבער בײַ דער קאָמיסיע אין שוועדן? געהערט דאָס אויך צו די אייביקע סודות? . . . איך וואַרף אַ לעצטן בליק אויף די רחבותדיקע וואַסערן פונעם אַטלאַנטיק, וועלכע שפּרייטן זיך ווייט און ברייט פאַרן אויג פונעם צוועלפטן שטאָק, זיי זייגען אַצינד בלוי, בלוי ווי די אויגן בײַם מחבר, וואָס האָט אַרויסגעפירט אונדזער ליטעראַטור אויפן דרך־המלך! . . .

איינער פון די „ביטערסטע״ פראַגע־שטעלער און עוולות־זוכער בײַ באַשעוויס־זינגערן איז געווען יעקב פּישמאַן, מיטגליד פונעם ייוואָ־קאָמיטעט. נאָך איידער דער רעפערענט איז אַרויף אויפן באַלעמער — האָט ער שוין געהאַט אין האַנט אַ צוגעגרייט בייגעלע פּאַפּיר און אַ פאַרשפּיצטן בלייער.

ער איז כמעט שטענדיק געזעסן אין די פאדערשטע רייען און געהאלטן א וואך אויג און אויער אויף זיין „קרבן". דער אמת איז, אז יעדער בעל־דרשן האט ביי אים ניט אפגעשניטן גלאטיק, נאר די שארפסטע פיילן זיינען געווען געווענדט אויף באשעוויסן . . .

נאכן פארטראג, ווען דער עולם איז זיך צעגאנגען, איז פישמאן צוגעקומען צום לעקטאר — ווי גארניט וואלט געשען, און אים פארבעטן אין א רעסטאראן. ער איז געווען א פארמעגלעכער מענטש, א האטעל־אייגנטימער, און ווען דער גאסט האט געדארפט פארבלייבן אין שטאט האט ער אים צוגעשטעלט א פרייען צימער אפילו אויף א פאר טעג.

מיט באשעוויסן האט ער אזוינס ניט געקענט טאן, ווייל יענער איז געווען, ווי שוין דערמאנט, א ווינטער־תושב, און אויף דברים־בטלים, מעג עס זיין אין א פארנעמיקן רעסטאראן, האט געפעלט צייט . . .

***

א ביז גאר אינטערסאנטער טיפ יִיווא־טוער איז געווען מאקס אסטאר. ער האט געהאט ארטיסטישע נייגונגען, און די „פּרוכטן" פון זיין שאפן האבן באצירט היימען און אינסטיטוציעס, א שטייגער — די יידישע פאלק־שול. און וואו נאר מ'האט געדארפט פארשענערן און פארהיימלעכן א וואנט, א ווינקל אין א חברישן קלוב, צי זאמלארט. אבער אסטאר אליין האט זיך שטענדיק אומגעטראגן מיט א זויערער מינע און אונטערגעקרעכצט, ווי ער וואלט געטרויערט אויפן חורבן פון בית־המקדש . . . ניט אומזיסט ; ניו־יארקער יידן האבן אים נאך געדענקט ווי א שטוב־מאלער, און ווען מ'האט ביי א געלעגנהייט דערמאנט פארשיידענע ארטיסטן און גאנץ אפט דעם באקאנטן מאלער שאול ראסקין און זיינע ארבעטן, און וועגן אים, אסטארן, האט זיך קיינער ניט אפגערופן אפילו מיט אווארט, איז ער אריינגעפאלן אין א גרויסן גרימצארן, און האט דעמאלט ניט אראפגעריסן חלילה, ראסקינען, נאר יענעמס רימער און לויבער, מחמת זיי זיינען אויף קונסט אזוי מבין — האט ער געניצט דאס באקאנטע פאלקסווערטל, ווי א קאץ אויף היוון ! . . . היות ווי דער הויפט „פארשווייגער" איז געווען מענדל חמץ, דער אנפירער פון דער פאלקשול, איז אסטאר געקומען אויף מארגן אין שול אראפצונעמען, ווי א שטראף, זיינע בילדער־געמעלן פון די ווענט.

אַרײַנקומענדיק אָבער אין קלאַס, וואָס איז גראָד דעמאָלט געווען פּאַרטאָן אין דער תנכישער מעשה ווי שלמה המלך פירט דורך דעם משפט צווישן דער אמתער און פאַלשער מאַמען — האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אָן אַ זײַט און געוואַרט אויף צווי זאַכן: — ערשטנס, אויפן אורטייל והשנית — דער שיעור זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן, און ער זאָל קאָנען דורכפירן זײַן פּלאַן. ער איז אָבער אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער מעשה, וואָס ער האָט נאָך אַלס חדר־ייִנגל געלערנט, איז ער שפּעטער צוגעגאַנגען צום לערער און אים שטאַרק געדריקט די האַנט, ווי יענער וואָלט עס געווען דער גרויסער שופט, און געגלעט קינדערשע קעפּלעך פאַר זייער שטילער און תמימותדיקער האַלטונג, און אין זײַן באַשלוס אינגאַנצן פאַרגעסן! מענדל חמץ האָט געשמייכלט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס ס'איז פאַרגעקומען אין שול. ער האָט אָפּט געגנוצט זײַן „ביטול־און־פאַרשווײַג־מעטאָדע", הן בנוגע אַ יחיד, ווען יענער איז אַרויס פון די כלים, הן בײַ שול־און־ייִוואָ־זיצונגען, בעת מען איז, צוליב עפּעס אַ פּראָיעקט, אַרײַנגעפאַלן אין „קעלבערנער התפעלות". און הגם ער האָט זיך ניט געוואָלט אײַנרײַסן אָפּן מיט דער „וועלט", האָט ער זי אָבער געוואָלט „באַהערשן", דאָס־הייסט, אויספירן דאָס זײַניקע! . . .

אָט דער „האַרטנעקיקער" מענטש האָט זיך אומגעטראָגן מיט גענוי־אויסגערעכנטע פּלענער, ווי להבדיל, אַן אַרכיטעקט, פאַרביידע אים ליב־געוואָרענע אינסטיטוציעס, אָבער די פּראַקטישע אַרבעט זיי דורכצופירן, האָט ער איבערגעלאָזן פאַר אַנדערע! אַזוי איז געווען מיט דער שול, וואָס ער האָט „פאַרטראַכט", אָבער רעאַליזירט דעם ציל האָט עס — דער לערער, וואָס איז דעמאָלט געווען, מחמת געוויסע סיבות, אָן אַ שטעלע, מיט דער הילף פון אַ פּאָר פאַראינטערעסירטע פאַרבאַנד־חברים, און אַזוי איז עס געווען מיט זײַן פּראָיעקט צו שאַפן אַ לאָקאַלן פאָנד, כדי צו העלפן פינאַנציעל אויפצוהאַלטן דאָס ייִוואָ־הויז אין תל־אביב . . .

***

פון גאָר אַן אַנדער טיפּ איז געווען געקנאָטן אברהם ראַווינסקי, אַ וויצע פאַרזיצער פונעם ייִוואָ־קאָמיטעט. אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, אַ מאַטעריעל־באַזאָרגטער, איז ער געווען בלב־ונפש פאַרטאָן אין קולטור־געזעלשאַפטלעכע עסקים. ס'איז ניט געווען, דאַכט זיך, קיין איין גרופּע אויף דער ייִדיש־

ייִדישער גאַס, ער זאָל צו איר צו ניט געהערן, און דעם סאַמע אויבנאָן האָט בײַ אים פאַרנומען די ייִוואָ־געזעלשאַפט. אין ראַווינסקיס הויז האָט מען זיך אַפּט געטראָפן, איבערהויפּט פאַר אַ וויכטיקער געשעעניש, אַ שטייגער — דער יערלעכער ייִוואָ־באַנקעט. דאָרטן האָט מען געקאָנט זען, ווי מען עסקט זיך, װעגן פּראָגראַם, וועגן אויסוואַל און רעדנער און באַגריסער, פונעם אַפּיל־מאַכער. מ׳האָט שוין אויפן אָרט זיך בײַגעשטייערט, געשריבן טשעקס, געציילט מזומנים, בכדי צו קומען צו דער מסיבה מיט גרייטע סומעס און באַווירקן אַז אַנדערע זאָלן עס נאָכטאָן, און ווען ס׳האָט זיך געמערקט בײַ איניקע אַ ניט־גענוגנדיקן אינטערעס, האָט ראַווינסקי באַטראַכט מיט פאַראיבל יענע לײַט, און געטאָפּלט זײַן בײַטראַג! . . .

*****

יוסף (דזשאָו) גאָלדבערג איז געווען יאָרן־לאַנג דער קאַסיר פונעם ייִוואָ־קאָמיטעט. אַ דיקלעכער, אַ ביסל מגושמדיק און ביז גאָר פרײַנדלעך און גוטמוטיק. און הגם ער איז געווען האַניקסבוימס אַ שותף אין דער בוי־אינדוסטריע און אַ שטוב־אַרײַנגייער, האָט ער פון דעסטוועגן ניט אינגאַנצן באַנומען, וואָס דער ייִוואָ־קאָמיטעט שטעלט מיט זיך פאָר. ער איז דערווײַלט געוואָרן פאַרן משגיח פון די פינאַנסן, ווען זיי האָבן זיך נאָך געציילט אין קליינע אַסיגנאַנציעס, אָבער דער עיקר, ווײַל „דזשאָו" איז געווען באַקאַנט פאַר אַן ערלעכן און פאַרטרויליכן בר־נש. ער האָט אַרויסבאַגלייט יעדן ייִוואָ־דאָלער מיט קמצנישער פאַרזיכט, ווי די ממתקים וואָלטן געקומען פון אַ הייליקן מקור, און בלויז האַניקבוים האָט אים געקענט איבערצײַגן, אַז דער צוועק איז ווערט דעם לוין! . . .

*****

בען צווייער איז געקומען קײַן מיאַמי אין די זעכציקער יאָרן. ער האָט פאַרבראַכט כמעט העלפט פון זײַן לעבן אין דעם פּראָווינץ־שטעטל, — אַלבאַני, אַ הונדערט־און־פופציק־מײַל פון ניו־יאָרק. ער איז דאָרטן געווען דער פאָרזיצער פונעם אַרבעטער־רינג צווייג, געשאַפן הילף פאַר אַרבעטסלאָזע, פאַר מלחמה־קרבנות, געווען אַן אויסגעשפּראָכענער פּאַציפיסט אין ערשטן וועלט־קריג, און פאַרן צווייטן — געקעמפט קעגן קאָמוניזם מיט ציין און נעגל; דערצויגן זײַנע קינדער אין אַ פרײַ־דענקערישן גײַסט, מיט נייגונגען אַפילו

צום אַנאַרכיסטישן אײַנשטעל, אָבער ס׳יידיש לשון, און די יידישע ליטעראַטור, האָבן פאַרנומען בײַ אים דאָס העכסטע אָרט! . . .

אין מיאַמי איז ער גלײַך געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אינעם ייוואָ־קאָמיטעט און אין דער א. ר. שול־פאַרוואַלטונג. נאָר פון דער לעצטער האָט ער זיך אין גיכן שטאַרק אַנטוישט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די שול פירט דורך בר־מצווהס. אַזאַ „קלעריקאַלע" זינד האָט ער ניט געקענט פאַרגעבן, און איז געוואָרן דעם לערער אַ טראַציקער אָפּאָנענט, און יענער האָט געמוזט לסוף פאַרלאָזן די שול . . .

***

פנחס סאַלאָמאָן איז געווען אַ ייד — אַ בן־תורה. ער האָט דאָס רוב געשוויגן בײַ די ייוואָ־זיצונגען, און ווען ער האָט יאָ עפּעס געזאָגט, איז עס געווען באַגלייט מיט אַ גמרא־ווערטל, אָדער אַ תלמודישן זאָג און מ׳האָט שטאַרק הנאה געהאַט. ער האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל אין פוילן און האָט דאָרטן געלערנט אין אַ ישיבה. ער איז גיך פאַרכאַפּט געוואָרן פון די השכלה־־ווינטן און איז בוגד־געווען אינעם פאָטער, דעם שוחט, און פאַרלאָזן יונג די היים. נאָך פיל וואַנדערונגען, מאַטערנישן און יסורים, איז ער אָנגעקומען צו זײַנעם אַ פעטער אין ניו־יאָרק, אַ קליידער־פאַבריקאַנט. יענער האָט אים אַרײַנגענומען אין געשעפט און פיליפּ, ווי ער האָט שוין דעמאָלט געהייסן, האָט זיך אויסגעטויגט, און האָט שפּעטער אַליין געהאַנדלט מיט אַן ענלעכן מסחר. אָבער דער אַמאָליקער ישיבה־בחור איז געבליבן אומצופרידן, אומבאַפרידיקט. אים האָט מער געצויגן צום ביכער־שראַנק און לאַו־דווקא צו די פאַרהייליקטע ספרים. ער פלעגט זיך אָפט אַרײַנכאַפּן אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, באַזונדערס אין „ייוואָ־צענטער", אַפילו אין בוך־קראָמען, און כאַטש „איבערטאַפּן" מיט די קורצזיכטיקע אויגן בוך־רוקנס און האָבן דערבײַ יענעם אינערלעכן ציטער, וואָס דער מײַסטער האָט בײַם באַטראַכטן דימענטן און אַנדערע אבנים־טובים . . . אָפּגערעדט, אַז בײַ אים אין הויז האָט דאָס בוך געהאַט אַ בכבודיקע היים, און ער האָט פאַרבראַכט זײַן פרײַע צײַט אין לייענען. אויף דער עלטער האָט ער פאַרקויפט ס׳געשעפט און זיך אַריבערגעקליבן מיט זײַן פרוי קײַן מיאַמי, און דאָ, אין דער שטאָט פון זון־ און־פאַלמעס, האָט ער ערשט דערפילט דעם אמתן טעם פון לעבן, און אין די ייוואָ מענטשן דאָ־הי — פרײַנד און ידידים! . . .

שמעון וועבער הויפּט רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", איז פיל מאָל געוועזן פאַרבעטן צום „ייוואָ־פאָרום", האָט ער זיך בלויז אַ פּאָר מאָל געקענט אָפּרײַסן פון זײַנע פילצאָליקע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אין ניו־יאָרק, און ווען ער האָט עס יאָ געטאָן, האָט זיך שוין פאַר זײַן קומען און אַוודאי בעת זײַן ווײַלן אין מיאַמי, גערודערט אין די יידיש־יידישע קרײַזן. ש. וועבער ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די פעאיקסטע רעדאַקטאָרן אין דער יידישער פּרעסע. ער צייכנט זיך אויס מיט זײַן שאַרפער פּאָלעמיק און מיט זײַן שטעלונג צו פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס, אַפילו ווען זיי זײַנען ניט שטענדיק פּאָפּולער, ער פאַרטיידיקט מיט לײַדנשאַפט און מיט דער מאָטיווירונג, אַז אַ צײַטונג דאַרף פירן און ניט פאָרפירן.

שמעון וועבער שטאַמט פון סטאַשעוו, פּוילן. ער האָט געלערנט גמרא בײַ זײַן זיידן טוביה (מאַרשעליק) פּיאַסעצקי און אויך בײַ מלמדים. שפּעטער אַרײַן אין אַ פּוילישער פאָלקשול און אויך געלערנט בײַ פּריוואַטע לערערס.

אין 1928 האָט ער צוליב זײַן פּאָליטישער טעטיקייט געמוזט פאַרלאָזן פּוילן און איז אַוועקגעפאָרן קײַן אַרגענטינע. אין 28־טן יאָר איז ער געקומען קײַן אַמעריקע, געוואוינט אין דעטרויט, געלערנט יידישע ליטעראַטור בײַם דיכטער עזרא קאָרמאַן און שטודירט די ענגלישע שפּראַך. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן אַ לערער אין אַ יידישער שול.

אין 1932 האָט וועבער דעביוטירט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט" מיט עטלעכע דערציילונגען, שפּעטער געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס פון יענער שטאָט. אין 1936 איז ער אָנגעקומען אין דער מ. פ. רעדאַקציע אין ניו־יאָרק. דאָרטן איז ער געווען אַ צײַט נײַס־רעדאַקטאָר. אין 8־1937 איז וועבער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער פילאַדעלפיער „די יידישע וועלט". אין 39־יאָר איז ער אָנגעקומען אין „פאָרווערטס". ער האָט דאָרטן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים, באַשרייבונגען פון מדינת ישראל, אייראָפּע און אַמעריקע, וועלכע ער האָט באַזוכט.

וועבער האָט אויך רעדאַקטירט ספּעציעלע נומערן פון „פאָרווערטס" מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג, געווידמעט הלל ראָגאָפס 50 יאָר אין דער צײַטונג, צען יאָר מדינת ישראל און אַנדערע ספּעציעלע בײַלאַגעס. ער האָט פאַרנומען פאַרשיידענע פּאָסטנס, ווי נײַס־רעדאַקטאָר, פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, און רעדאַקטאָר פון די זונטיק־נומערן. זײַט 1970 איז ער דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג. ער האָט צוגעצויגן אַ היפּשע צאָל נײַע מיטאַרבעטער ווי יוסף

מלאַטעק, חנה גאָרדאָן־מלאַטעק, ש. ל. שנײַדערמאַן, דר. עזריאל נאַקס, מרדכי שטריגלער, אַהרן צייטלין, משה שטאַרקמאַן, דר. אליהו שולמאַן, אַברהם שולמאַן, דר. העשיל קלעפפיש און פּרץ מיראַנסקי.

ש. וועבער האָט אײַנגעפּירט די זייער פּאָפּולערע זײַט „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע, און די מאָדערנע אָרטאָגראַפיע.

אין 1981 האָט אַ זשורי פון יידישן קולטור־קאָנגרעס און פאָרשטייער פון יידישע שרײַבער צוגעטיילט ש. וועבערן די „אַטראַן ליטעראַטור־פּרעמיע". אין דער מאָטיווירונג ווערט געזאָגט, אַז ער איז איינער פון די בעסטע זשורנאַליסטן אין דער יידישער פּרעסע.

ש. וועבער איז אַקטיוו באַטייליקט אין דער יידישער קולטור־אַרבעט און אַ קעמפער פאַר אונדזער שפּראַך. עס זײַנען דערשינען אינטערוויוס מיטן רעדאַקטאָר אין דער ניו־יאָרקער „טײַמז", „מיאַמי העראַלד" און אין אַנדערע ענגלישע אויסגאַבעס.

אין 1981 האָט די פאַרוועדטס־אַסאָסיאַציע געווידמעט איר מאַנאַטלעכע פאַרזאַמלונג צו וועבערס 70־יאָריקן געבוירנטאָג. מיט וואַרעמע אָפּשאַצונגען און באַגריסונגען זײַנען אַרויסגעטראָטן יצחק באַשעוויס זינגער, יוסף מלאַטעק, ישראל ברעסלאַוו, ע״ה, מרדכי שטריגלער, וואָלף טאַמבור (בוקאַרעשט), יעקב רײַך, שמשון אַפּטער ע״ה און הערשל אָסטראָף.

***

ברוך שעפּנער האָט געהאַלטן אין 1962 אַ לעקציע בײַם ייוואָ־פאָרום, טעמע: „אַ בליק אויף יידישקײַט אין אַמעריקע", אין 1963 האָט ער גערעדט וועגן: „די אייגנאַרטיקײַט פון יידישן הומאָר", אין 1971 איז ער געווען דער גאַסט־רעדנער בײַם ייוואָ־באַנקעט. אַ גרופּע בונדישע חברים האָבן אים האַרציק באַגריסט.

ברוך שעפּנער שטאַמט פון טאָמאַשאָוו—מאַזאָוויעצק, געלעבט אין לאָדזש. ער האָט דאָרטן געלערנט אין חדר און ישיבות, שפּעטער שטודירט אין ווין, דערנאָך זיך אומגעקערט קײַן לאָדזש און פון דאָרטן געקומען קײַן וואַרשע. אין 1917 האָט ער דעביוטירט מיט אַרטיקלען אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" און זיך געדרוקט אין די בונדישע „לעבנס־פראַגן" און אין „פאָלקס־צייטונג", וואו ער איז שפּעטער געוואָרן מיטרעדאַקטאָר.

ווען דער צווייטער וועלט־קריג האָט אויסגעבראָכן, איז ער אַוועק קיין ווילנע, און פון דאָרטן געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס צום „פֿאָרווערטס" וועגן די ליידן פון יידן אונטער דײַטשער אָקופּאַציע.

אין 41־טן יאָר איז אים געלונגען דורך סיביר און יאַפּאַן אָנצוקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פֿאָרווערטס". ער האָט געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן זיין שווערער רייזע דורך רוסלאַנד, יאַפּאַן און כינע. אין בוך־פֿאָרעם האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט „לינקס" (1930), „אַנדערש" (1936)ביידע אין וואַרשע, „גאָוואַליפּיע" און „אַ בליק אויף ישראל", אַרויסגעגעבן אין אַרגענטינע.

ברוך שעפנער איז נפטר געוואָרן דעם 18־טן אויגוסט, 1977 אין ניו־יאָרק.

*****

דר. נתניאל סאַראַף איז געווען איינער פון די אינטעלעקטואַלן פון דער גרופּע. די ייוואָ־אַרבעט און די אַקטיוויטעטן פאַר מדינת־ישראל האָבן ביי אים פאַרנומען דעם אויבנאָן. ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון די טעגלעכע פּראַקטישע פליכטן, און ווען מען האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעפעראַט האָט ער עס געטאָן אויף אַן איינדרוקספולן אופן. אין 1963 איז זיין טעמע געווען: „אַרבעט און סאָציאַלע גערעכטיקייט ביי יידן דורך דורות". דר. סאַראַף האָט באַטראַכט דעם יידיש וויסנשאַפלעכן אינסטיטוט ניט נאָר ווי אַ זאַמל־צענטער פון אונדזער גייסטיקער ירושה, נייערט ווי די הײם פון דער יידישער קולטור און ממילא אַ וויכטיקער יסוד פאַר יידישן קיום אין די תפוצות, אָבער די מער זיכערע באַוואָרעניש פאַר דער עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, האָט ער געזען, ווי דאָס רוב יידן, אין דער מדינה.

דר. סאַראַף האָט לסוף עולה־געווען און זיך באַזעצט מיט זיין משפחה אין תל־אביב, ס'איז דאָ אַ יש־אומרים, אַז ער פירט דאָרטן אָן אַ יידיש־קלוב, וועמען די אינטערעסן פון ייוואָ זיינען שטאַרק צום האַרצן.

*****

לעאָן מינדלין, אַ יידיש־ענגלישער זשורנאַליסט און אַ מיטאַרבעטער פון דער היגער וואָכנשריפט „דזשואיש פלאָרידיען" איז געווען אַ מיטגליד פונעם ייוואָ־קאָמיטעט. מיר געפינען זײַן נאָמען אויף דער רשימה פון יאָר 1965. ס'איז ניט באַקאַנט, צי ער איז געווען אָן אָפּטער באַזוכער בײַ די זיצונגען, אָדער זײַן נאָמען האָט בלויז פיגורירט דאָרטן לשם אַטראַקציע . . . לכל הפחות איז גוט צו וויסן, אַז שוין בײַם „בראשית" זײַנען אויפגעטראָטן בײַ דער ייוואָ־געזעלשאַפט, ניט נאָר אַנשי־רוח פון גרויסן פאַרנעם, וועלכע האָבן באַרײַכערט מיט זייער גרויס וויסן דאָס היגע יידיש לעבן, נאָר אויך די טוערס אין דער טעגלעך־פּראַקטישער אַרבעט, זײַנען געווען פון אַ געקליבענעם עלעמענט.

***

יודל מאַרק לינגוויסט, פילאָלאָג און לאַנג־יאָריקער טײַטשער און אויסטײַטשער פון יידישיסטיק, האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין 1958 בײַם ייוואָ־פאָרום. טעמע: „די געשיכטע פון „ייוואָ" און זײַן אָרט אין יידישן לעבן". בײַ דער פײַערלעכער מסיבה האָבן אים באַגריסט: ה. לייוויק, יעקב לעשטשינסקי און רחל קאָרן. אין 1963 האָט מאַרק רעפערירט וועגן „וועלטלעכקײַט און טראַדיציע" און אין 65־טן יאָר וועגן „רצון און אמונה — די לייוויק ירושה".

יודל מאַרק איז געווען אַ הויך־ראַנגיקער פּעדאַגאָג, אַ לינגוויסט פון גרויסן פאַרנעם און אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער אין עטלעכע זשאַנערן. אין ליטע איז ער געווען דער גרינדער פון דער ערשטער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, וואו מ'האָט אַפילו פיזיק און כעמיע געלערנט אין יידיש, און דירעקטאָר פון עטלעכע יידישע מיטלשולן. אין אַמעריקע איז ער געוואָרן דער קאָנסולטאַנט בײַם ניו־יאָרקער ועד־החינוך פאַר די יידישע שולן. זײַן פּעדאַגאָגיע טעטיקײַט אין אַמעריקע האָט ווײַט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פון אַ בעל־יועץ. (יהושע ראָטנבערג). מאַרק איז געווען צווישן די ערשטע טעאָרעטיקער און פּראַקטיצירער פון אינטעגראַלער יידישקייט. אויף זײַן רעקאָמענדאַציע האָט דער א. ר. בילדונגס־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ סעריע קורצע דערציילונגען וועגן גרויסע רעליגיעזע פיגורן פון דער יידישער געשיכטע, ווי רבינו גרשום, יהודה החסיד, רש"י, רמב"ם.

„מאַרקס סטיל איז אַ סינטעזע פון פאָלקישקײַט און ראַפינירטן

ליטעראַרישן לשון. ער האָט געהאַלטן, אַז דער „לומדישער ייִדיש״ איז דער עקוויוואַלענט פֿון דער „ליטעראַרישער שפּראַך״ בײַ די אומות העולם״. (יהושע ראָטענבערג).

יודל מאַרק האָט דרײַסיק יאָר רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך״. דאָרטן וועט דער מבֿין געפֿינען אַ גוטע אילוסטראַציע ניט בלויז פֿון מאַרקס גרויסן טעאָרעטישן וויסן, נאָר אויך אַז זײַן שפּראַך איז קלאָר און אָנציִענדיק פֿאַר גרויס און קליין. גראַמאַטיק בײַ מאַרקן איז ניט בלויז „שפּראַך־איבונגען״, אַז דער ייִדישער לשון איז אַ טייל פֿון אַ גרויסער ייִדישער ציוויליזאַציע. יודל מאַרק איז אויך געווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער. „ניט אין אַלע היילן, שרײַבט ער, קאָן דער מענטש אַרײַנדרינגען. זײַן שטורקאַץ, דער שכל, גיט אים ניט גענוג ליכט. נאָר די דראַמע פֿון זוכן קאָן באַלויכטן ווערן מיט רעפֿלעקטאָר־אימאַזשן און דער מענטש דערזעט זײַן צעש־פּאַלטנקײַט און ראַנגלעניש״ . . . און ווײַטער שרײַבט יודל מאַרק: „דער וועג צו זיך איז בײַ יעדן קינסטלער אַן אַנדערער. ער איז דער לענגסטער און דער פּאַמעלעכסטער און ער פֿאַרענדיקט זיך ניט: איז גוט אַזוי, ווײַל ניט — וואָלט דאָך שוין ניט געהאַט קײַן זינען צו שרײַבן לידער. עס איז אַזוי ווי מיט משיחן. עס איז וואויל וואָס ער קומט ניט, וואָרן נאָך זײַן קומען קען מען דאָך מער ניט בענקען נאָך אים. אָן משיח־בענקעניש זײַנען מיר נאָך גרויער ווי גרוי״.

יודל מאַרקס חלום און קרוין פֿון זײַן לעבנס־מי פּײַן און פֿרייד איז דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך. ווי אַ סך ייִדישע פּראָיעקטן איז עס געווען אַ ניט נאָרמאַלע אונטערנעמונג, אַן אַקציע אין דער טראַדיציע פֿון ווילנער ייִוואָ, וואָס האָט מיט דער שטיצע פֿון הונדערטער ניט־באַצאָלטע העלפֿערס און „זאַמלערס״, אָפֿט מענטשן אָן וויסנשאַפֿטלעכער בילדונג געשאַפֿן וויסנשאַפֿט פֿון הויכן גראַד . . .

בנוגע דעם ווערטערבוך איז מאַרק געווען אַ מאַקסימאַליסט. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַרײַננעמען ווערטער פֿון דער כּלל־שפּראַך, ליטעראַרישע ווערטער, ווערטער פֿון דער שמועס־שפּראַך און לאָקאַלע ווערטער אַפֿילו. יודל מאַרקס פּטירה אין 1975 האָט איבערגעריסן די אַרבעט פֿון ווערטערבוך. די ריזיקע קאַרטאָטעקע מיט הונדערטער טויזנטער אײנסן איז געבליבן. די אַרבעט וועט זיכער באַגײַט ווערן. יודל מאַרק האָט געוואוסט,

אַז ער וועט ניט זײַן אימשטאַנד צו פֿאַרענדיקן זײַן פּראָיעקט, ווײַל, ווי ער האָט אָפּט געזאָגט: „לא עליך המלאכה לגמור!".

ווען דער „גרויסער ווערטערבוך פֿון דער יידישער שפּראַך" וועט פֿאַרטיק ווערן וועט עס אַוודאי זײַן אַן אייביקער מאָנומענט פֿאַר זײַן גרונטלייגער. שוין איצט זײַנען די פֿיר בענד, וואָס זײַנען אַרויס אונטער מאַרקס רעדאַקציע, אַ גרויסער בײַשטייער צו יידיש און יידישקײַט...

פּראָפֿ. מאַרשל סקלאַר, דער סאָציאָלאָג פֿון אַמעריקאַנער יידנטום, האָט אַמאָל אַזוי געזאָגט וועגן דעם מחבר פֿונעם ווערטערבוך: „מען האָט דערפֿילט, אַז בײַ יודל מאַרקן דריקט אויס יידיש אַ גאַנצע וועלט און אַ קולטור, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר הייליק. אויב מען נוצט ניט יידיש איז אַזוי ווי מ'וואָלט ניט ממשיך געווען אַ הייליק לעבן. עס האָט פֿון יודל מאַרקן געשטראַלט ריינקײַט און געהויבנקײַט פֿון אַ באַזונדער מין..."

ס'איז אויך אינטערעסאַנט יודל מאַרקס מיינונג וועגן פּלוראַליזם: די צוויי באַגריפֿן אומה און אמונה בײַ יידן. ייד און יידישקײַט זײַנען איין גאַנצקײַט. מער ניט, וואָס די פּראָפּאָרץ צווישן די דערמאָנטע הויפּט־קאָמפּאָנענטן אונטערשיידט זיך. דאָס פֿולשטענדיקע איגנאָרירן פֿון איינעם און האַלטן זיך אויסשליסלעך בײַם אַנדערן מוז, לפּי מאַרקן, דערפֿירן צום פֿאַרשווינדן פֿון יידישקײַט.

דער קיום פֿון פֿאָלק, האַלט מאַרק, איז דער צענטראַלער ציל פֿון יידישקײַט, וואָס באַשטייט פֿון אַ סינטעז פֿון עטנישער קולטור, פֿאָלקלאָר און רעליגיע. אַזאַ סינטעז, קאָן מען געפֿינען אין דער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער און קודם־כל אין די ווערק פֿון י. ל. פּרץ.

„דאָס איז ניט קײַן נעגאַציע פֿון אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל יידיש, נאָר אַ קעגנזײַטיקע דערגאַנצונג. וועלטלעכקײַט וואַרפֿט ניט אָפּ אַלץ וואָס איז אַלט, נאָר גיט צו נײַע אַספּעקטן". (ש. גוטמאַן — „די אמונה פֿון סעקולערע יידן").

***

דר. עזריאל נאַקס האָט געהאַלטן צוויי רעפֿעראַטן אין ווינטער־סעזאָן פֿון 1963 וועגן „יידישקײַט ווי אַ לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע" און „די שליחות

פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור". די „ידיעות פֿון ייִוואָ" לאָזט אונדז וויסן אַז פּראָפ. נאַקס האָט רעפֿערירט בײַם היגן פֿאָרום איןווינטער פֿון 1967, אָבער די טעמע ווערט ניט אָנגעגעבן. אויך איז באַקאַנט, אַז אין 84־טן יאָר האָט ער רעפֿערירט וועגן „די גרונט עלעמענטן אין ייִדישקייט ווי אַ לעבנס־באַנעם". אין 1985 איז זײַן טעמע געווען: „עטישע און גײַסטיקע ווערטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור".

דר. ע. נאַקס שטאַמט פֿון ראָגאַטשאָוו, מאָהיליוער גוב. ער איז געקומען אין עלטער פֿון זיבן יאָר קײַן אַמעריקע, וואו זײַן פֿאָטער האָט זיך שוין געפֿונען. ער האָט געלערנט אין דער תּלמוד־תּורה און אין די אַלגעמיינע שולן אין ניו־העיוון, קאָנעטיקוט. ער האָט שטודירט אין סיטי־קאָלעדזש און אין קאָלומביע אוניווערסיטעט וואו ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פֿילאָסאָפֿיע. ער האָט באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין 1936 פֿאַר זײַן דיסערטאַציע „די עסטעטישע טעאָריעס פֿון קאַנט, העגעל און שאָפּענהויער", וואָס איז אַרויס אין בוך־פֿאָרעם אין 37־טן יאָר.

בשעת ער האָט שטודירט איז ער אין דערזעלביקער צײַט געווען אַ לערער אין די שלום־עליכם שולן אַ טוער פֿון דער סטודענטן־ליגע בײַ דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט און אַ לעקטאָר. ער איז אויך געווען אַ לענגערע צײַט דער דירעקטאָר פֿון ענגליש־רעדנדיקן סעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג און רעדאַקטאָר פֿון דער אָפֿיציעלער שריפֿט „דהי קאָל", וואו ער האָט לאַנגע יאָרן געשריבן אַ קאָלום וועגן ייִדישע ענינים.

צווישן די יאָרן פֿון 1947־1951 איז ער געווען פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע אין אָהײַאָ־אוניווערסיטעט און פֿון 51טן ביזן 75־טן אין דער ניו־יאָרקער הויכשול. די גאַנצע צײַט איז דר. עזריאל נאַקס געווען אַקטיוו אין ייִדישן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און אַרום צען יאָר (1968־1978) איז ער געווען פּרעזידענט פֿון ייִדישן קולטור קאָנגרעס. אין 85־טן יאָר האָט ער געקראָגן די פּרעמיע פֿון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

***

בען יאָמען — מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָר, לאַנג־יאָריקער אָנפֿירער פֿון ייִדישע כאָרן, האָט זיך דערוואָרבן גרויס אָנערקענונג אין מיאַמי און ניט נאָר דאָ־הי. ער איז געווען כאָר־דיריגענט אין פּרעסטיזשפֿולן „טעמפּל

עמנואל". ער האָט אויפגעפירט מוזיקאַליש־כאָראַלע אינטערפּרעטאַציעס פון ייִדישן פאָלקלאָר אין שטאַטישן אודיטאָריום. אים איז געווען ליב און טײַער דאָס ייִדישע וואָרט, באַזונדערס — דאָס ייִדישע ליד! ער איז געשטאַנען נאָענט צו דער ייוואָ־געזעלשאַפט. אין 1965 האָט ער געהאַלטן אַ פאָרטראָג בײַ דעם פאָרום — „צוויי טויזנט יאָר ייִדישע מוזיק", וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען.

***

שמעון דייטש איז איינער פון די ראשונים אין דער ייוואָ־געזעלשאַפט הן אין זײַן היימשטאָט, שיקאַגע, הן דאָ־הי, אין דער עיר־הבירה. ער האָט מיטגעאַרבעט בימי האַניקבוים און שטיינבוים, און איז ווײַטער ממשיך זײַנע מעשים־טובים אין ביידע שטעט. שמעון דײַטש איז בכלל אַ יחיד במינו. זײַן עצם ביאָגראַפיע באַשטעטיקט עס: ער האָט פאַרלאָזן זײַן געבוירן־אָרט, ריגע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג בחורל און איז אַוועק, ווי אַ חלוץ, קײַן ארץ־ישראל. ווער ס'איז באַקאַנט מיט די לעבנס־באַדינגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין יענעם לאַנד, וועט פאַרשטיין וויפל אידעאַליזם און מסירת־נפש ס'האָט זיך געפאָדערט בײַצוקומען די אומגעווײנלעכע שוועריקײַטן, וועלכע ס'האָבן באַגעגנט דעם נײַ־געקומענעם. אַ חוץ דעם אומפאַרמײַדלעכן צווילינג־אַנשיקעניש „כאָראַרע" (אַ בײַסיק רויטער אויסשיט אויפן לײַב) און געלער פיבער, האָבן געלויערט אויפן גרינעם הונגער און אַרבעטסלאָזיקײַט, מחמת דער ייִדישער קאָלאָניסט האָט דעמאָלט גערנער באַשעפטיקט דעם אַראַבישן אַרבעטער, ווען ער האָט געצאָלט אַ העלפט, אָפט אַ דריטל פון דעם ייִדנס שכירות.

בעת דער ערשטן וועלט־קריג, איז טערקײַ, כידוע, אַריבער אויף דער זײַט פון דער „אַנטאַנט", און זי האָט געגעבן די רוסישע ייִדן אין פּאַלעסטינע די ברירה (די מדינה האָט בשעתו געהערט צום טערק) צו ווערן אָטאָמאַנישע בירגער, אָדער פאַרשיקט צו ווערן אין פּליטים־לאַגערן. די רוסישע ייִדן האָבן אָנגענומען די אַלטערנאַטיווע מיטן תנאי, מען זאָל די ייִדישע יוגנט ניט מאָביליזירן אין דער אַרמיי. דער טערק האָט צוגעזאָגט, האָט אָבער ניט געהאַלטן זײַן צוזאָג . . .

אין טאָג האָט זיך באַוויזן אין ייִדישע היימען אַ קאָמוניקאַט געדרוקט אין טערקיש, מיטן אַראַבישן אַלף־בית, נעמלעך מיט אַ סך פּינטעלעך (נקודות)

אונטער־און־איבער די אותיות, וואָס קיינער פון די הימישע יידן האָט ניט געקענט איינבייסן. מ׳איז אַרומגעלאָפן איינער צום אַנדערן דערשראָקענע מיטן דאָקומענט און ס׳האָבן זיך דערביי אָפּגעשפיגלט ניט ווינציק קוריאָזע געשעענישן. אַן אַלטער תושב, דערציילט מען, האָט בּארואיקט די לייט בזה הלשון: „קינדערלעך, שרעקט אייך ניט, אויב ס׳איז אפילו מאָביליזיר מעלדונגען, לאָזט זיי ליגן די פּאַפּירלעך, אויפן טיש, ס׳איז זומער און פליגן זענען, ב״ה דאָ געננוג! אין איין שעה, פאַרזיכער איך אייך, וועט זיך דער גאַנצער תוכן איבערבייסן״. בקיצור דער יונגער שמעון דייטש האָט אויס־געקליבן צו עמיגרירן. איידער צו גיין דינען דעם טערק. ער האָט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ, וואו ער האָט געהאַט ווייטע קרובים. ער האָט דאָרטן אינאיינעם מיטן יידישן־יישוב דורכגעמאַכט די שבעה מדורי־גיהנום פון עקאָנאָמישע קריזיסן, און פון אַ נצרך איז ער געוואָרן, אַ דאַנק זיינע פעיקייטן, אַ גרויסער עושר!

פון דעם אַליין איז ניטאָ, פאַרשטייט זיך, פון וואָס מרעיש־עולם צו זיין, ווען ער וואָלט ניט געוואָרן בעת־מעשה איינער פון אונדזערע הויך־גראַדיקע קולטור־מענטשן אין פולן זין פון וואָרט, — ביי וועמען די האַנט און ס׳האַרץ זיינען שטענדיק אָפן פאַר אַלע נאַציאָנעלע און יידיש־קולטורעלע הצטרכותן, און זיין היים איז געוואָרן אַ בית־ועד לחכמים, וואו יידישע שרייבער, קינסטלער, און אנשי־רוח בכלל האָבן געפונען אין אים אַ חבר און אַ פריינד, און ער טוט עס שטיל, בכבודיק, אָן רעקלאַמע.

זייט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, האָט שמעון דייטש, ניט נאָר געשטיצט יעדע אַקציע, וואָס דער ציוניסטישער אַרבעטער פליגל האָט אונטערגענומען. ער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט דאָס לאַנד, באַווירקט זיינע קינדער זיי זאָלן זיך אינטערעסירן מיטן גורל פון דער מדינה. זיי האָבן יינגערהייט געלערנט אין די שלום־עליכם שולן.

מיט אַ שטיקל צייט צוריק, איז דייטשן געלונגען אַרויסצוראַטעווען פון ריגע אַ ברודער און זיין משפחה קיין ישראל. ער איז אָנגעקומען אַהין פונקט דעם טאָג, ווען אַראַבישע טעראָריסטן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין גרעניץ־שטעטל, מעלות, און אומגעבראַכט 24 שול־קינדער. מיר געדענקען נאָך גוט דעם דערדריקנדיקן איינדרוק, וואָס די אַכזריות האָט געמאַכט אויף דער יידישער וועלט. עס איז געווען נייטיק גלייך אָפּצוענטפערן, ניט נאָר מיט נעמען נקמה, דאָס האָבן געטאָן די מיליטערישע שוץ־כוחות פון לאַנד,

נײַערט אויפֿצושטעלן אַ „זכר לעולם״, אין געשטאַלט פֿון אַ קולטור־צענטער פֿאַר אונדזער יוגנט אין מעלות. פֿאַר אָט דעם פּראָיעקט האָט שמעון דײַטש צוגעטראָגן אַ גאַר גרויסע סומע.

מיר האָבן דערמאָנט, מחמת דוחק אין אָרט, בלויז איין בײַשפּיל פֿון זײַן פֿרײַגעביקייט, זאָל אויך פֿאַרצייכנט ווערן בקיצור, די איבערזעצונג אויף יידיש פֿון איליאַ ערנבורגס „דאָס שוואַרצע בוך״ אַ זאַמלונג פֿון דאָקומענטן וועגן נאַצישע פֿאַרברעכנס און פֿאַקטן וועגן יידישן ווידערשטאַנד און יידישער גבורה. אין דער זאַמלונג געפֿינט זיך, לדוגמא, אַ פּראָזע־ווערק אויף גריכיש וועגן דעם יידישן חורבן אין גריכנלאַנד, עטלעכע טאָגביכער פֿון יידישער קינדער, געראַטעוועטע אין קלויסטערס. סטאַלין האָט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון קאָמוניסטישן דײַטשלאַנד געוואָלט זיך דערנעענטערן צום דײַטשן פֿאָלק, מחמת דעם האָט ער באַפֿוילן אָפּצושטעלן דעם אַרויסגעבן דעם דערמאָנטן בוך, אָבער אין רומעניע איז דווקא יאָ דערשינען אַן איבערזעצונג, אינעם זעלביקן יאָר האָט זיך עס אויך באַוויזן אין ענגליש, אין 1968 האָט דער יד־ושם אין ישראל אָפּגעדרוקט דעם ספר אין עברית, אָבער אויף יידיש, דאָס לשון, מיט וועלכן יידן זײַנען געטריבן געוואָרן קײַן טרעבלינקע און אוישוויץ, דאָס לשון, מיט וועלכן יידן זײַנען געגאַנגען אויף קידוש־השם, איז געבליבן פֿאַרשעמט. ס׳האָט זיך ניט געפֿונען קײַן יחיד, אָדער אַ געזעל־שאַפֿט, וואָס זאָל דערפֿילן אָט די נאַציאָנאַלע התחייבות. שמעון דײַטש האָט עס געטאָן! געטאָן אויף זײַן אופֿן, ד. ה. שטיל, ווערדיק און בכבודיק!...

עיקר לא שכחתי: — זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז ש. דײַטש האָט געהאַלטן לעקציעס בײַם „ייוואָ־פֿאָרום״ און איז אָפֿט געווען פֿאָרזיצער בײַ די ייוואָ־פֿאַרזאַמלונגען.

***

שרה און משה פרידמאַן זײַנען לאַנג־יאָריקע טוערס און אויפֿ־טוערס בײַ דער היגער ייוואָ־געזעלשאַפֿט. זיי שטאַמען פֿון ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ, פּוילן. צוליב דער שווערער לאַגע פֿאַר יידן אין אַמאָליקן פּוילן, האָבן שרהס עלטערן אויסגעוואַנדערט מיט איר קײַן אַמעריקע און זיך באַזעצט אין דעטרויט. אַ יאָר שפּעטער האָט משה עמיגרירט קײַן באָענאָס אײַרעס, אַרגענטינע.

נאָך אַ צוויי־יאָריקער צעשיידונג, האָט שרה אונטערגענומען אַ נסיעה קיין אַרגענטינע און דאָרטן חתונה געהאַט מיט איר באַשערטן. די יונגע פּאָר האָבן אָבער באַשלאָסן צו מאַכן זייער פּערמאַנענטע היים אין דעטרויט. דאָרטן האָבן זיי זיך גיך איַינגעגלידערט אין דער יידישער קהילה, געשיקט זייער טעכטערל אין די שלום־עליכם שול־און מיטל שול, פון וועלכער זי האָט גראַדואירט.

שרה און משה פרידמאַן זיַינען געוואָרן ענג פאַרבונדן מיטן ש. ע. אינסטיטוט אין דעטרויט. ער — ווי דער פאָרזיצער, זי — די סעקרעטאַרין. דער אינסטיטוט האָט אין יענע יאָרן אָנגעפירט מיט באַדיַינטדיקע קולטור־פּראָגראַמען סיַי פאַר יינגוואַרג, סיַי פאַר עלטערע, די קינדער־שולן האָבן באַזוכט העכער 250 תלמידים. צו די לעקציעס, וואָס דער אינסטיטוט האָט אַראַנזשירט, זיַינען געקומען גרויסע עולמס. יידישע שריַיבער און קינסטלער זיַינען געווען אָפטע געסט אין שטאָט.

פרידמאַנס היים איז געווען אַן אַדרעס אין דעם יידיש־יידישן וועלטל. פריַינד האָבן זי גערופן „די ראָיאַל קאַפע פון דעטרויט". מ׳האָט דאָרטן כמעט שטענדיק געפונען די יידישע גדולי־הדור. שרה פרידמאַן, ווי די ווירטין, האָט אויפגענומען די געסט בסבר־פנים יפות. משה פרידמאַנס פריינדשאַפט און גרויסמוטיקיַיט זיַינען געווען אַ שם־דבר! קורץ און גוט: קונסט, ליטעראַטור און מעשים־טובים האָט מען געפונען אין יענער שטוב. שרה איז אויך געווען טעטיק אין דער דאָרטיקער דראַמאַטישער סטודיאָ, געשפּילט גאַנץ אָפט אין וויכטיקע פּיעסן, און ניט זעלטן אַרויסגעהאָלפן אין די לימודים אין שול.

די פרידמאַנס זיַינען אויך געווען שטאַרק אָנגעזען אין דעטרויטער „הסתדרות", „פּיאָנערן פרויען" און „יידישע פעדעראַציע". נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל האָבן ביידע זיך פאַרפליכטעט צו פאַרשיידענע פּראָיעקטן לטובת דער מדינה: צו זייער פופציק־יאָריקער חתונה־יובל האָבן זיי מנדב געווען אויף אַ יוגנט־צענטער אין רמלה.

דער לעצטער, אָבער ניט ענדגילטיקער ביַיטראַג זייערער, איז פאַר דעם „בר אילן" אוניווערסיטעט אין רמת־גן, אויך צו שאַפן דאָרטן אַ קאַטעדרע אויף אויסצושולן יידיש־לערער פאַר ישראל און די תפוצות . . .

די פרידמאַנס האָבן אויך ניט פאַרגעסן די שטאָט, וואו זיי האָבן

אָפּגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן אין סאַוטפילד, (אַ פאָרשטאָט פון דעטרויט). זיי האָבן געהאָלפן פינאַנציעל צובויען אַ פליגל צום פּרעכטיקן בנין פון דער „יונייטעד היברו סקול" וואו ס'וועט אײַנגעשטעלט ווערן אַ יידיש־קלאַס פאַר קינדער און דערוואַקסענע. און ווען ס'קומט צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, איז אַוודאי פּאַסיק צו דערמאָנען, אַז שרה איז די פּאָרזיצערין פון יאָרלעכן „בוך־יאַריד" אין שטאָט פאַר די אָפּגעלאָפענע 34 יאָר.

די פרידמאַנס פאַרברענגען די ווינטער־חדשים אין מיאַמי־ביטש, וואו זיי זײַנען אַקטיוו אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס, ווי דערמאַנט, אין ייווא־קאָמיטעט. משה איז געווען אַ צאָל יאָרן דער קאַסירער פון דער „הסתדרות עניואיטי פונדאַציע". און שרה טרעט אָפט אַרויס בײַ די היגע קולטור־קלובן ווי אַ פאָרלעזערין און רעציטאַטאָרין . . .

*****

חזן משה בורין — ערשט־קלאַסיקער טענאָר איז אויפגעטראָטן פיל מאָל בײַ די היגע ייווא־פּאָרומס. ער איז געבאָרן אין אַרגענטינע אין דער יידישער קאָלאָניע לאָס־פּאַלמעראַס. צען קילאָמעטער פון דער יידישער מוטער־קאָלאָניע, מאָזעסוויל, אויפן נאָמען פון באַראָן משה הירש, וואָס האָט צום סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געשאַפן יידישע קאָלאָניעס אויף די וויסטע שטרעקעס פון לאַ־פּלאַטאַ טײַך.

די נײַע יידישע קאָלאָניסטן האָבן אויף דער אַרגענטינער ערד ממשיך געווען זייער טראַדיציאָנעל יידיש לעבן און געזאָרגט פאַר אַלע יידישע הצטרכותן און אַוודאי פאַר דער יידישער דערציונג פונעם יונגן דור. און ווי אַ פועל־יוצא דערפון האָט מען געהערט אין יידישע הײַזער דאָס יידישע לשון, האָט מען זיך געפירט ווי אין אַמאָליקן יידישן שטעטל אין מזרח־אייראָפּע, פון וואַנען דאָס רוב יידישע אימיגראַנטן זײַנען געקומען.

בורינס פאָטער, ר' רפאל, איז געווען אַ שוחט, אַ בעל־תפילה און אַ בעל־קורא, די מוטער — אַ באַגאַבטע זינגערין. אָט די פּרטים גיבן אונדז דעם שליסל צו דער פּערזענלעכקייט פון יונגן חזן און בינע־קינסטלער. ער פאַרמאָגט אַ קרעפטיקע טענאָר־שטימע, וואָס ער באַהערשט מיט גרויס מײַסטערשאַפט. ער דערהייבט אַ מקום־קודש מיט מתפללים ביז התעוררות, און טײַטשט אויס אַ יידיש פאָלקסליד מיט טיפער פאַרשטענדעניש.

משה בורין באַזיצט אַ סאָלידע יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אָנגעהויבן האָט ער מיט דער יידישער שול אין דער קאָלאָניע, שפּעטער געענדיקט דעם יידיש־העברעישן לערער־סעמינאַר. ער האָט שטודירט אַ צײַט אין „מכון גולד" אין מדינת ישראל, און ווי אַ לערער פאַר די תפוצות זיך אומגעקערט קיין אַרגענטינע.

אין אַרגענטינע האָט עקזיסטירט אין יענער צײַט אַ מין חזנישער סעמינאַר, אָנגעפירט, פון באַוואוסטן חזן קלמלע וויין. בורין שליסט זיך אָן אין סעמינאַר און לערנט דאָרטן פיר יאָר און ער ווערט דער חזן, וואָס ס'איז אים באַשערט געווען צו זײַן — אַ חזן בחסד עליון! בעת מעשה שטודירט ער מוזיק בײַם אָנגעזעענעם טעאַטער־מײַסטער, יאַשאַ גאַלפּערן. און ער הייבט אָן זײַן פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט אין דער „חיים נחמן ביאַליק שול" און אין דער מיטלשול „תלפיות". פאַרן ענערגישן משה בורין איז זײַן אַמביציע ווײַטער פאָרצוזעצן זײַן בילדונג אין דער איינציקער אַקאַדעמישער הויכשול אויפן קאָנטינענט די „מדרשה העברית"!

אין 1970 ווערט משה בורין אָנגאַזשירט אַלס חזן אין איינער פון די הויפּט דאַוון־שולן אין בוענאָס־איירעס אויף ימים נוראים. זײַן ערשטער אויפטריט האָט גרויס דערפאָלג, און ער ווערט פאַרבעטן פון דער קהילה אין מאָנטעווידעאָ, אורוגווײַ. הגם מ'שלאָגט אים פאָר אַ יערלעכן קאָנטראַקט, אָבער דער יונגער חזן איז שוין פאַרכאַפּט פון דער בענקעניש צו זען די יידישע וועלט. ער פאַרברענגט דרײַ יאָר אין די בראַזיליאַנער שטעט, פּאָרטאָ אַלעגרע און סאַן־פּאַולאָ. ער טרעט דאָרטן אַרויס אויף קאָנצערטן אין דער „העבראַיקאַ", „מכבי" און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס, באַזונדערס האָט זיך אים אײַנגעקריצט אין זיכרון דער אויפטריט מיטן באַרימטן ווירטואָז סידאָר בעלאַרסקי אויף אַ קאָנצערט. און אָט ווערט ער פאַרבעטן קיין מעקסיקע אין אַ שול פון אַ נײַעם געגנט, וואו עס לעבט אַ גרויסער טייל פון די נײַע יידישע דורות. אין דער צווישנצײַט ווערט ער קאָנטראַקטירט אין דער „בית יצחק שול", וואו ס'איז דער מנהיג־רוחני, הרב אַברהם מרדכי הערשבערג. אויסער חזנות גיט ער אָפּט קאָנצערטן אין פּרעכטיקן יידישן ספּאָרט־צענטער.

און הײַנט איז משה בורין חזן אין דער שול פון די קובאַנער יידן אין מיאַמי ביטש. און לויט אַלע סימנים בלײַבט ער שוין אַ תושב אין דער יידישער עיר הבירה, וואָרן ניט נאָר איז ער הײַנט אַ בעל־משפּחה און ממילא

צוגעבונדן צו דער שטאָט, נײַערט זײַן געמיינדע איז נאָך מער צוגעבונדן צו אים, און וועט אים ניט אַזוי גרינג אָפּלאָזן פון זיך . . .

בײַם יערלעכן ייווא־באַנקעט אין 1986 איז דער גאַסט־רעדנער געווען דער גוט־באַקאַנטער שריפטשטעלער שמואל ראַזשאַנסקי פון אַרגענטינע. אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָבן אײַנטייל־גענומען זײַנע צוויי תלמידים, משה בורין און משה פרידלער. די צוויי חזנים האָבן זיך איבערטראָפן מיט זייער חזניש און אויך פאָלקסלידער געזאַנגען . . .

**
*

שאול ראַסקין מאָלער, שרײַבער און לעקטאָר איז געווען בײַם ייווא־פאָרום ניט קיין זעלטענער גאַסט. ס׳איז שוין אויבן דערציילט געוואָרן וועגן דעם „אינצידענט" בעת זײַנעם אַן אופטריט ווען דר. א. מוקדוני האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

עס וועט זײַן כדאי צו באַקאַנען דעם לייענער אַ ביסל מער מיט דער פּערזענלעכקײַט פונעם קינסטלער. ער האָט אויסערלעך ניט דערמאָנט קיין סך אין אַ יידן, פאַרקערט, דער שניט פון די אויגן, פון דער נאָז און מויל, האָבן גיכער געקאָנט געהערן צו איינעם פון אַ סיבירער שבט. האָט ער זיך אָבער אַ שטעל געטאָן פאַר אַן עולם צו האַלטן אַ פאָרטראַג — און זײַנער אַ פאָרטראַג האָט נאָר געדאַרפט זײַן וועגן קונסט — וועגן יידישער קונסט! איז ניט געשטאַנען פאַר אײַך סתם אַ קינסטלער, נײַערט אַ קינסטלער אַ ייד! ער האָט געקאָנט מסביר־זײַן, ווי קיינער, דאַכט זיך, פון זײַן באַרוף, וואָס איז אַזוינס יידישע קונסט? ער פלעגט געבן פאַרשידענע אילוסטראַציעס, בכדי בעסער אַרויסצוברענגען זײַן שטאַנדפּונקט. זײַן ניט־יידישער פּנים האָט דעמאָלט געלויכטן מיט אַ וואונדערלעכן ליכט. עס איז געווען פול מיט אהבת־ישראל . . .

שאול ראַסקין האָט אָנגעהויבן זײַן אַרטיסטישע קאַריערע ווי אַ קאַריקאַטוריסט אין דעם אַמאָליקן „דער קונדס". און האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס צו זיך. ער האָט געוואוסט ווי אַרויסצוקריגן פון אַ געשטאַלט אַלערליי כאַראַקטעריסטישע זשעסטן און העוויות און עס אויסטײַטשן און אַרײַנטײַטשן, און דאָך געשווינט דאָס מענטשלעכע אין איר . . .

ש. ראַסקין האָט ווי אַ מחבר פאַרעפנטלעכט אַ פאַנטאַסטישע נאָוועלע,

וואָס מ׳קאָן אויך אָנרופן ראָמאַן, וואו ער אַליין שפּילט די צענטראַלע ראָלע פאַרשטעלט, פאַרשטייט זיך. ער פיגורירט דאָרטן אין דער בחינה פון אַ שליח, געשיקט פון די „העכערע כוחות״ אויף דער ערד . . . ווען דער שרײַבער פון די שורות האָט אין אַ פרײַנדלעכן שמועס אים געפרעגט אין וואָס באַשטייט געַנוי די מיסיע, און צי מיינט ער טאַקע מיטן שליח זיך אַליין (?) האָט ראַסקין די ערשטע העלפט פון דער פראַגע געהיימניספול פאַרשוויגן, און אויף דער צווייטער האָט ער — אָנשטאָט צו ענטפערן — געפרעגט: „פאַרוואָס זאָלט איר עס ניט גלויבן?״ און האָט דערבײַ סודותדיק אונטערגעשמייכלט... און ס׳איז שווער געווען צו וויסן, צי מיינט ער עס ערנסט, אָדער ער שפּאַסט . . .

***

אַ פּאָר ווערטער אויפן טויט פון משה האַניקבוים

זײַן טויט איז געקומען ניט אומדערוואַרט. ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ. קיינער וואָלט אים אָבער ניט חושד געווען אין אַזאַ ערנסטע חולאת, מחמת ער האָט אַרויסגעוויזן אומגעוויינטלעכע וויטאַליטעט און ענערגיע אויף אַ סך געביטן. נאָר זײַן באַליבט פעלד איז געווען און איז פאַרבליבן די ייוואָ־געזעלשאַפט, וואָס ער האָט געשאַפן און זי אָפּגעהיט, ווי אַ געטרײַע מאַמע, ניין! ווי אַ שטרענגער פאָטער! ווײַל ניט איינמאָל איז אים אויסגעקומען, ווי דער פאָרזיצער פון דער היגער ייוואָ, צו פאַרהאַנדלען מיט לעקטאָרן וועגן האָנאָראַר און אַנדערע שײַכותדיקע ענינים, און ווען דער געלאַדענער גאַסט האָט זיך פאַרעקשנט אויף אַ סומע, וואָס איז געווען אַריבער די בודזשעט־כוחות, האָט דער דעליקאַטער האַניקבוים זיך אַ שטעל־אויף געטאָן און שטרענג אַ זאָג געטאָן: „אַזוי מוז עס זײַן! און אויב ס׳איז ניט אַקצעפּטירנדיק — מעג דער לעקטאָר בלײַבן זיצן אין דער היים!״

משה האַניקבוים איז געקומען אין דער עיר־הבירה אין די פערציקער יאָרן פון באָסטאָן, וואו ער האָט געהאַט אַ בוך־געשעפט. ניט נאָר האָבן פאַרלאַגן, אויך ענגלישע, אים פאַרטרויט זייער סחורה, נאָר צו אים פלעגן אָפּט „פאַרבלאָנדזשען״ מחברים פוןביידע לאַגערן, און ס׳פלעגן זיך אַוועקזיצן, ניט זעלטן, לאַנגע שעהען אין שמועסן, אין וויכוחים . . . און אין דער

ליידיקער צײַט, און ס׳רוב איז געווען ליידיק, איז דער בעל־הגעשעפט געווען פאַרטאָן אין מעין־זײַן אַ בוך. בײַ אַזוינע אומשטענדן האָט ער זיך באַקאַנט מיט זײַן קינפטיקער פרוי, ראָוז. זי האָט זיך געניטיקט אין אַ געוויסער ענגלישער פובליקאַציע. זי, אַ הי־געבאָרענע מיט אַקאַדעמישן וויסן, האָט זי דעמאָלט אָראָפּגעקוקט אַ ביסל איראָניש אויף חיבורים, „געדרוקט פון רעכטס אויף לינקס״ . . . אָבער מיט דער צײַט האָט זיך איר באַציאונג געביטן אויף אַזוי פיל, אַז זי האָט גענומען באַוואונדערן די יידישע ליטעראַטור, ניט נאָר אין איבערזעצונג, נײַערט אין אָריגינאַל, וואָס זי האָט שפּראַכלעך דערלערנט . . . נאָך מער! אין הויז איז, מיט די יאָרן, געוואָרן אַ מין „בית־ועד״ פאַר דער יידיש־אינטעלעגענציע אין מיאַמי און פון אַנדערע שטעט, און זי פלעגט גאַנץ אָפט באַדינען אַ גאַסט מיט איר אויטאָ פון אַ ווײַטן שטאָט־טייל, צי אָפּוואַרטן אים אויפן עראָדראָם . . .

נאָך דער פּטירה פון אָט דער שטילער און איידעלער פרוי, האָט זיך האָניקבוימס געזונט שטאַרקער אַ שאָקל געטאָן. אויך זײַן הייראַט, שפּעטער, מיט דער דיכטערין, פעסיע פאָמעראַנץ, האָט זײַן מערכה ניט פאַרבעסערט . . .

אָט די פּרטים האָבן מיר זיך דערוואוסט פון זײַן נאָענסטן חבר און פרײַנד, שמעון דײַטש, ער האָט אים מספּיד געווען אויפן בית־עלמין פאַר אַ גרויסן עולם, וואָס איז געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אַ פאַרדינסטפולן טוער. חוץ דײַטשן, האָט אים אַרויסבאַגלייט צו זײַן אייביקער רו, דער באַקאַנטער ראַבײַ לעאָן קראָניש פון טעמפּל בית־שלום, מיט אַ פּאַסיקער דרשה.

***

די

ישראל שטיינבוים

פעריאָדע

ישראל שטיינבוים האָט נאָך האַניקבוימס פּטירה איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער ייוואָ־געזעלשאַפט. ער איז געקומען מיט אַ סך פאַרדינסטן אויפן יידיש קולטור געביט. ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע פּיאָנערן־לערער אין מאָדערנעם יידישן דערציונגס־סיסטעם אין אַמעריקע. ער האָט זיך באַוויזן כמעט ביים בראשית פונעם שול־וועזן, ווען זי האָט זיך ערשט גענומען געשטאַלטיקן און האָט זיך נאָך געראַנגלט און עקספּערימענטירט מיט לערן־פּראָגראַמען; ווען ס׳האָבן נאָך געפעלט די עלעמענטאַרסטע מכשירים צום לערנען, ד. ה. פשוט אַ פּאַסיק טעקסטביכל. שטיינבוים איז עס טאַקע געווען פון די ראשונים, וואָס האָט עס געשאַפן. ער האָט אויך פאַרפאַסט שפּילן פאַר קינדער און איז געווען בכלל איינער פון די געציילטע, וועלכע האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פאַרן וועלטלעכן חינוך אויף יידיש דאָ אין לאַנד.

ישראל שטיינבוים האָט געשטאַמט פון סטאַשעוו, פּוילן. זיין פאָטער איז געווען אַ מילנער אַ האַרעפּאַשניק און אַ שטרענג־פרומער ייד. דאָס יונג בחורל האָט זיך צו פּופצן יאָר אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע. אויפן שיף האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט אַן אַמעריקאַנער „יענקי״. יענער האָט אויסגעפונען, צו זיין גרויסן חידוש, אַז דער יונגער אימיגראַנט האָט שוין איינגעביסן, בעת דער רייזע, אַ ביסל פון ענגלישן וואָקאַבולאַר. דער „יענקי״ האָט אים אויסגעבאָרגט ענגלישע ביכער, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, און האָט זיך בכלל אַ סך אָפּגעגעבן מיט אים. שפּעטער, אין לאַנד, האָט ער זיך באַמיט, אַז דאָס בחורל זאָל קריגן אַרבעט. שטיינבוים האָט אין צוויי יאָר פאַרענדיקט „היי־סקול״ אין באָסטאָן און איז אָנגעקומען אין קאָלעדזש. גלייכצייטיק האָט ער באַרייכערט זיין יידיש וויסן, און איז געוואָרן אַ יידישער לערער. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך דערפילט אין זיין אמתער מיליע, און ווי דערמאָנט, איז יידישע דערציונג געוואָרן זיין הויפּט־ציל אין לעבן.

אין 1926 האָט שטיינבוים פאַרווירקלעכט זיינעם אַן אַלטן חלום. ער עפנט אַ היימשול פאַר יידישע קינדער אין קלאָנספּילד, ניו־דזשוירזי, וואו זיי זאָלן קאָנען קריגן אַ גרינטלעכע יידישע און אַלגעמיינע דערציונג, ווייט פון שטאָטישן רעש און געפּילדער, וואו דעם קינדס גייסט זאָל זיך אַנטוויקלען פריי און אומגעשטערט, און לפי די מעטאָדן פון דער מאָדערנער, פאַר־געשריטענער פּעדאַגאָגיק. די היימשול „האַרמאָניע״ האָט גלייך ביי איר

אויפקום אַרויסגערופן פיל נײַגער. ס׳איז פּאַקטיש געוואָרן אַ מוסטער־שול! וועגן וועלכער ניט איין יידישער לערער האָט פאַנטאַזירט, און וועגן וועלכער מ׳האָט ניט איינמאָל דיסקוטירט אויף לערערישע קאָנפערענצן . . .

ישראל שטיינבוים האָט אָנגעפירט מיט דער הימשול ביזן 45־סטן יאָר, ווען ס׳האָט זיך צוגעשאַרט צו אים אַ פאַטאַלע האַרץ־קראַנקײַט, און דער דאָקטאָר האָט אים פאַרווערט יעדע אָנשטרענגונג. האָט ער איבערגעגעבן די אָנפירערשאַפט פון דער שול אין די הענט פון זײַן בן־יחיד, לייבל. אָבער דעמאָלט זײַנען שוין, לײַדער, געווען אַנדערע צײַטן, נײַע עלמענטן האָבן זיך באַהאַפטן אין דער אינסטיטוציע, פאַר וועמען יידיש און יידישער חינוך זײַנען ניט געווען קיין עיקר, עס האָבן זיך מיט די יאָרן געביטן סײַ דער לערער־פערסאָנאַל, סײַ דער מין תלמידים . . .

דער האַרץ־קראַנקער שטיינבוים באַזעצט זיך דעמאָלט אין דער „שטאָט־פון־זון־און פאַלמעס״, וואו ער איז ממשיך זײַן ליטעראַריש־פעדאַגאָגישע אַרבעטן אין די „יִווא־בלעטער״, אין „יידישע שפּראַך״ און „צוקונפט״, ער באַטייליקט זיך אינעם „גרויסן יידישן ווערטער־בוך״; האַלט לעקציעס, אמת, ניט צו אָפט, בײַם יִווא־פאָרום און איז, לפי די כוחות, „אַקטיוו״ אין דער גרופּע.

אין לויף פון די יאָרן איז אַוועק אין דער „אייביקײַט״, ווי ס׳ווערטל גייט, אַ היפּשע צאָל פון די יִווא־טוערס: דר. מוקדוני, דר. גליק, יחיאל ליסאָוואָדער, בערל מאָריסאָן, ח״ח. ראַווינסקי, יוסף (דזשאָו) גאָלדבערג, פּ. סאָלאָמאָן, בען יאָמען, חיים קעס, מענדל חמץ, יעקב פישמאַן, בען צווײַער, מאַקס אַסטאָר, ש. יחסן, איזידאָר רובינשטיין, אַ. בראָקאָט, א. סאַקס, יוסף דונטאָוו, יוסף ראַבין, מ. קויפמאַן, דר. י. אונטערמאַן און דער לאַנג־יאָריקער פּאָרזיצער, משה האַניקבוים.

שטיינבוים שטעלט זיך בראָש פונעם יִווא־קאָמיטעט. מיאַמי, כידוע, איז אַלע מאָל געווען שטאָלץ מיט אירע יִווא־טוערס, און האָט שטענדיק געפּרואווט אָנהאַלטן דעם שם טוב! אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך דעמאָלט געפונען די חברים: — גיטל קאָהן (סעקרעטאַרין), מרדכי גלייבערמאַן, מרים גינגאָלד, מנשה פעלדשטיין (פינ. סעקרעטאַר) יצחק און רבקה וואָלק, מאָלי רובינשטיין, ל. לאַסאָווין, לעאָן סיגאַל, יצחק נאַטורמאַן, גאָדל דזשייקאָבסאָן, משה פישער, שמעון דײַטש (שיקאַגע), שרה און משה פרידמאַן (דעטרויט).

יודעי־חן האָבן צו יענער צײַט געפונען אינעם נאָמען „שטיינבוים״

סימבאָלישע וואונקען און רמזים, נעמלעך — דער מענטש האָט געהאַט אַ שטיין־פעסטן כאַראַקטער, אָבער ער איז ניט געווען פאַרשטיינערט צו נײַע אידייען. ער האָט געטראָגן אין זיך, ווי אַ בוים, זוימען פון פירות פאַר די קומענדיקע דורות . . .

אָבער ניט אַלע מיטאַרבעטער פון קאָמיטעט האָבן אײַנגעשטימט מיט אַזאַ אָפּשאַצונג. עס זײַנען געווען אַזוינע, וועלכע האָבן געזען אויך זײַנע שאָטנדיקע זײַטן דהיינו — גאווה און הערש־טענדענצן . . . ווען ס'איז געקומען אויסצואוויילן אַ נײַעם פאַרזיצער נאָך שטיינבוימס אַוועקגיין . . . האָבן זיך געשאַפן צדדים, טייל האָט געוואָלט אײנעם לויטן מוסטער פון נפטר, אַנדערע האָבן זיך שאַרף קעגנגעשטעלט, נאָך לאַנגע וויכוחים איז מען אײַנגעגאַנגען אויף אַ פשרה, פאַרגעלייגט פון די חברים מנשה פעלדשטיין און מרים גינגאָלד, נעמלעך — אויסצוקלײַבן ניט אײנעם, נאָר אַ פּרעזידיום פון צוויי, און ———— . די אויסגעוויילטע זײַנען געווען די לאַנג־יאָריקע טוערס: גיטל קאַהן און מרדכי גלייבערמאַן.

דער פּרעזידיום, וואָס איז באַשטאַנען, ווי פריער דערמאָנט, פון די חברים גיטל קאַהן און מרדכי גלייבערמאַן, האָט איבערגענומען די אָנפירער־שאַפט פון דער ייווא־געזעלשאַפט אין אַ קריטישער צײַט: שטיינבוימס פאַרצויגענע קראַנקהײַט, זײַנע ספּאָראַדישע שפּיטאָל־באַזוכן האָבן באַשווערט די אַרבעט. לפנים האָט זיך געדאַכט, פונקציאָנירט אַלץ בשלווה נאָך אַלעמען איז דער „טעכנישער אַפּאַראַט אַזוי־צו־זאָגן, געלעגן אין געניטע הענט. גיטל קאַהן איז געווען יאָרן־לאַנג די ייווא־סעקרעטאַרן און זי איז געשטאַנען אין שריפטלעכן קאָנטאַקט ניט נאָר מיטן ניו־יאָרקער צענטער, נאָר אויך מיט יעדן חבר באַזונדער, און מרדכי גלייבערמאַן איז אָפּט געווען פאַרזיצער בײַ די יערלעכע ייווא־באַנקעטן, און האָט בכלל אַרויסגעוויזן אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיקייטן און אַ סך דערפאַרונג, וואָס ער האָט דערוואָרבן אַלס לערער און אָנפירער פון די אַרבעטער־רינג צוויַיגן.

אָבער אינערלעך, אין דער גרופּע, האָט געפעלט האַרמאָניע, צוטרוי, חברשאַפט. מיט אַלע זײַנע מעלות, האָט שטיינבוים ניט געקענט, צי זיך ניט באַמיט צוצוציען אַ נײַעם מיטגליד, אויסגלעטן אַ סכסוך, באַרואיקן אַ מר־נפש. אַט די אַזוי־נייטיקע מידות האָבן זיך גענומען ווײַזן אַלץ אָפּטער בײַם פּרעזידיום. ממילא האָט זיך דער ייווא־קאָמיטעט צעוואַקסן, הן אין צאָל, הן אין מעשים, מיטן ברייטן פאַרנעם פון אַ געזעלשאַפט ווי דער

שרײַבער פון די שורות האָט אים באַצייכנט שוין גלײַך אין אָנהייב פון אַט דער שריפט.

דאָ, מיינען מיר, איז פּאַסיק זיך אָפּצושטעלן גענויער אויף די צוויי חברים, וועלכע האָבן איבערגענומען אַזאַ ערנסט־פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות.

**
*

גיטל קאַהן שטאַמט פון זשיראַרדאָוו, אַ שטעטל ניט ווײַט פון וואַרשע. איר פאָטער, ר׳ זלמן קלעפּפּיש, אַ למדן און אַ משכיל, איז פון דעסטוועגן געווען אַ גערער חסיד און אַ פּערזענלעכער פרײַנט פון גערער רבין. ווען ס׳מיידל איז אַלט געווען פערצן יאָר, האָט זיך די משפחה באַזעצט אין וואַרשע, וואו איר פאָטער איז געוואָרן אַ שוחט. זי האָט דאָרטן פאַרענדיקט אַ העברעישע מיטלשול און ווײַטער ניט געקענט שטודירן, מחמת אין פּוילן, ווי אין גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד, האָט געהערשט, לגבי יידן „נומערוס־קלאַוזוס״, דאָס־הייסט, מען האָט אָנגענומען יידן אין די הויכשולן לויט אַ פּראָצענט־נאָרמע.

אין 1935 איז גיטל געקומען מיט איר מאַן, שיע יחסן, קײַן ניו־יאָרק. זיי האָבן דאָרטן ניט געהאַט קײַן אייגענע. ס׳לעבן פונעם אימיגראַנט איז, כידוע, געווען שווער. פון דעסטוועגן האָט די יונגע פרוי געזוכט חוץ אַרבעט, אויך ווײַטערדיקע בילדונג. זי איז אַוועק אין דער „טאָמאַס דזשעפערסאָן הײַ־סקול״ אין ברוקלין, לערנען ענגליש און אויך געפונען שפּעטער צײַט צו באַזוכן דעם יידישן לערער־סעמינאַר. היות ווי צו קײַן פּאַרטייען האָט זי ניט געהערט, פלעגט זי, אין איר פרײַער צײַט, דאָס רוב זײַן אין ייִוואָ־צענטער, בײַוואוינען וויכטיקע קאָנפערענצן און דער עיקר — האַלטן אַן אָפענעם אויער בײַ די לעקציעס פון יידישע געלערנטע . . .

אָט די „אידיליע״ האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די קליינע יחסן־פאַמיליע האָט זיך גאָר גיך געמוזט אַריבערקלײַבן, צוליב מאַטעריעלע און קלימאַטישע סיבות, קײַן מיאַמי. ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז אין דער נײַער שטאָט זאָלן זיך די יחסנס זוכן אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך אין דער סביבה פון דער ייִוואָ־גרופּע, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק געהאַט געשאַפן. און היות מדינת־ישראל איז בשעתּה אויפגעקומען, ווי אַ נס, אין יידישן לעבן, האָט דאָס פּאָרל געווידמעט זייער הויפּט אינטערעס פאַר אָט די נאָענטע פאַר זיי, ציִלן . . .

אין 1963 איז שיע יחסן געשטאָרבן. די אַלמנה האָט זיך דעמאָלט געראַנגלט מיט אַ סך פּראָבלעמען — פיזישע און עקאָנאָמישע און זי האָט זיי סטאָאיש בײַגעקומען!

צו יענער צײַט האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין „דוד פּינסקי קולטור־קלוב", אָנגעפירט פונעם לערער און שרײַבער, ל. לאַסאָווין, אַגב, דער ערשטער קלוב פון דעם מין אין שטאָט. די פרײַטיק אָוונט־מסיבות האָבן געטראָגן אַן „עונג־שבת"־כאַראַקטער. איינמאָל אין חודש פלעגט פּאַרקומען אַ צונויפקום פון די אַקטיווע מיטגלידער אין אַ הויז, וואו מ'האָט זיך דורכגעשמועסט וועגן אַ נײַעם בוך, וועגן אַ וויכטיקער קולטור־געשעעניש. ה. לאַסאָווין האָט דערמוטיקט חברים אַרויסצוזאָגן עפנטלעך זייערע מיינונגען. מיט דער צײַט האָט זיך אײַנגעשטעלט אַשטייגער, אַז בײַ יעדער מסיבה האָט אַן אַנדער חבר אָנגעפירט מיטן שמועס. צווישן די עקספּאָנענטן האָט זיך גאָר פרי אויסגעצייכנט גיטל יחסן . . . אָט די דערפאַרונג איז איר שפּעטער צונוץ געקומען, ווי זי גיט אָן אין איר ביאָגראַפישער סקיצע, אין דער ייוואָ־אַרבעט.

אין 1973 האָט זי געהייראַט מיט פיליפּ קאַהן. מיט די יאָרן איז זייער היים געוואָרן אַ טרעפפונקט פאַר שרײַבער, לעקטאָרן און קולטור־מענטשן בכלל. אין קורצן: די „שטוב", וואָס יצחק וואָלק שילדערט זי אַזוי לעבעדיק בײַם אָנהייב פון אָט דער שריפט, און איז מיט האַניקבוימס פּטירה פאַרשוואונדן, איז אַצינד געקומען צוריק צום לעבן! . . .

דעם 21־טן פעברואַר, 1986 איז אין „פאָרווערטס" דערשינען אַן אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג פון דער שרײַבערין, מרים ש. האָפמאַן וועגן גיטל קאַהנס מעשים־טובים אין דער יידישער עיר־הבירה. אָט ווי זי שטעלט זי פאָר פאַר די „פאָרווערטס"־לייענערס, און בכדי מ'זאָל ניט מיינען, אַז זי שילדערט אַן אויסגעטראַכט געשטאַלט, אַקצענטירט די שרײַבערין, „איך האָב טאַקע געפּאַקט אַזאַ פּאַרשוין — אַ זשוואַווע, באַרעדעוודיקע אשת־חיל, אַ ספּריטנע, מיט אײַנגעבאָרענע פּיקחות, אַ מענטש מיט אַ שליחות!"

נאָך דעם ווי די פרוי קאַהן דערציילט איר אַ סך דערפון, וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, פרעגט די שרײַבערין: „נו, אַז אַלץ איז שוין אַזוי גוט, וואָס זשע טויג ניט? ענטפערט גיטל קאַהן: אַמאָל האָבן מיר ניט געהאַט די לוקסוס־זאַלן פון „פאָנטענבלו" און פון „טעמפּל בית שלום", וואו מיר האַלטן אָפּ אונדזערע יערלעכע באַנקעטן און אונדזערע „ייוואָ־פאָרומס", האָבן מיר אָבער געהאַט . . . נאָר צו וואָס דערמאָנען? איך בין געבאָרן מיט

אַ גביריש מעגעלע . . . איך וויל ניט אַנדערש ווי אַ מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש און אַן עמיל גאַראָוועץ, די קינסטלערין דינה האַלפּערין . . . איך וויל יונגע און פֿעאיקע און יידיש־קענער . . . כ׳וויל בשום־אופֿן ניט מוותר־זייַן אויף דער הויכער קוואַליטעט. איך באַקעמף ביליקן געשמאַק . . .

***

מרדכי גלייבערמאַן, אַ לאַנג־יאָריקער לערער און אַן אַנגעזעענער קולטור־עסקן געהערט אַוודאי צו די ראשונים פֿונעם ייִוואָ־קאָמיטעט, מיט וועמעס מיינונגען מען רעכנט זיך זייער שטאַרק. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ צאָל ייִוואָ־פּראָיעקטן, וועלכע זייַנען אַ דאַנק זייַן מי און ענערגיע, רעאַליזירט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן זייַן לערערישע קאַריערע אין מאָנטרעאָל און האָט, ווי די מערסטע מדריכים, אויפגעשטעלט זייַן „לערן־געצעלט״ אין פֿיל שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע, ביז ער האָט זיך ענדלעך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש.

גלייבערמאַן איז געבאָרן אין מערץ 1906, אין פּינסק, ביז 12 יאָר באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג. צו 14 יאָר אַרייַן אין אַ מאָדערנער יידיש־העברעישער עלעמענטאַר שול, און מיט זעקס חדשים שפּעטער גראַדואירט פֿון דאָרטן. צווישן די לערער, וועלכע האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף דער דיפּלאָמע געפֿינט זיך אויך דער נאָמען אברהם מאיראָוויץ, דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר פֿון דער טאָגשול, אין ניו־יאָרק.

צו 16 יאָר איז ער געוואָרן אַ תלמיד אין ווילנער יידישן טעכניקום. ער האָט דאָרטן געלערנט אויף מעכאַניקער־אינזשעניר, אין יענער צייַט האָט ער באַזוכט העברעיש־פּעדאַגאָגישע קורסן. אין 27־טן יאָר איז גלייבערמאַן געקומען קייַן מאָנטרעאָל, און איז דאָרטן געוואָרן לערער אין די יידישע פֿאָלקס־שולן. ער איז געווען אַקטיוו אין פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. אין דער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק איז ער געווען צוויי יאָר פֿאָרזיצער פֿון איר פֿאַרוואַלטונג.

אין 1932 איז ער אַריבערגעפֿאָרן אין די שטאַטן און איז געוואָרן לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן, צוערשט אין עקראָן און דערנאָך אין סיראַקיוז. אין 1945 העלפֿט ער גרינדן די צוויי שולן אין מיאַמי — איינע אין שטאָט, די אַנדערע אויפֿן „ביטש״. אין אַ יאָר אַרום ווערט ער אַן אַקציע־אָנפֿירער

אין אַדמיניסטראַטיוון אָפּטייל פון „ייווא״. אין זײַן טעריטאָריע גייען אַרײַן די דרום־שטאַטן, טיילן פון ניו־יאָרק שטאַט, טאָראָנטאָ און שיקאַגע.

גלייבערמאַן איז דער פאַרשטייער פון אַרבעטער־רינג אין דער יידישער פעדעראַציע. די לעצטע יאָרן אַרבעט ער צוזאַמען מיט גיטל קאַהן אין פּרעזידיום פון ייווא־קאָמיטעט. ער איז דער וויצע־פּאַרזיצער פון הסתדרות אין דרום פלאָרידע, וואו ער און זײַן פרוי באַטייליקן זיך אין אַ סך אַקטיוויטעטן.

***

קלמן בכרך, הגם כל־ימיו אַ מורה דרך פון העברעישן לשון, האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ וואַרעמען אינטערעס צו יידיש, והא ראיה — ער האָט אַ פּאָר מאָל רעפערירט בײַם היגן ייווא־פאָרום. ער איז געבאָרן אין קאָניעץ, אַ קליין שטעטעלע לעבן ביאַליסטאָק. זײַן פאָטער, כאָטש אַ „ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט״, איז געווען אַ משכיל, האָט געלייענט די „הצפירה״ און געשיקט זײַן זון לערנען אין דער „תרבות־שול״.

קלמן בכרך איז אין 1918 געקומען קײַן קאַנאַדע און האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, וואו ער איז געוואָרן דער העברעישער לערער אין דער ביאַליק שול. אין 57־טן יאָר האָט ער געהייראַט אַ „קאָלעגין־פּאָ־פּאָכו״ — תמרה, און איז אַריבערגעפאָרן קײַן ניו־יאָרק. דאָרטן איז ער אַוועק שטודירן אין „סיטי־קאָלעדזש״. ער איז לאַנגע יאָרן געווען מדריך אין די העברעישע שולן, געשריבן אין „הדואר״ איבער פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען, און פופצן יאָר אָנגעפירט מיטן „עמוד העברי״ אינעם זשורנאַל פון „פּרויען פּיאָנערן״.

קלמן בכרך האָט שטודירט מוזיק אין דער באַקאַנטער דזשוליאַרד מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט נאָך ייִנגלווײַז אַנטדעקט אין זיך אַ שטאַרקע נייגונג צו אָט דער קונסט. ער האָט גוט באַהערשט די פּיאַנאָ און געשפּילט אויך אויף אַנדערע אינסטרומענטן . . .

***

חיים קעס איז געווען פון די ערשטע ייווא־עסקנים, פריער אין שיקאַגע און שפּעטער אין מיאַמי ביטש. בטבע אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער און אַ שווײַגער, איז ער אָפּגעזעסן בײַ מיטינגען און האָט זעלטן אויסגעדריקט אַ מיינונג. דערפאַר האָבן זײַנע גרויסע, גוטע און תמימותדיקע אויגן

אָפּגעשפּיגלט זײַנע געפילן און שטימונגען. בײַ אַ געלט־אַקציע, איז ער געווען פון די ערשטע אַרײַנצולייגן די האַנט אין קעשענע . . .

חיים קעס איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט, אומאַן, אוקראַינע, בײַ יידישע־באַלעבאַטישע עלטערן. ער איז געקומען אַלס יונגער בחור צו אַ ברודער אין קאַנאַדע, שפּעטער זיך אַריבערגעקליבן קײַן שיקאַגע, וואו ער האָט געאַרבעט בײַ פאַרשיידענע מלאכות. ער איז געווען נאָענט צו די פּועלי־ציון און צום אַרבעטער־פאַרבאַנד און צום ייוואָ־קרײַז. אין מיאַמי ביטש איז ער געוואָרן אַ געטרײַער חבר פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס.

***

די ייוואָ־אויסשטעלונג אין מיאַמי־מוזיי

די אויסשטעלונג, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם נאָמען: „דאָס בילד פאַר מײַנע אויגן" פאַרכאַפּט דאָס אויג און דאָס האַרץ. מיאַמי האָט זוכה געווען צו זײַן די צווייטע שטאָט נאָך ניו־יאָרק, וואו זי איז געוויזן געוואָרן.

גורם געווען דערצו האָט אַ הי־געבאָרענער יונגערמאַן מיטן נאָמען לענאַרד ווין. ס'איז פאַרבונדן דערמיט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

לענאַרד ווין איז אַ סטודענט אין אַ היגער הויכשול, און איז אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין די אָפיסעס פון דער יידישער „וועלפעיר" און אין דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג, וואו ער טוט פאַרשיידענע וואָלונטיר־אַרבעט. ווען ער דערוויסט זיך פון אַ גרופּע יונגוואַרג וואָס לאָזט זיך אַרויס אויף אַ צוויי־וואָכיקן „שפּאַציר" קײַן פּוילן, שליסט ער זיך אָן אין איר. פון דאָרטן כאַפּט ער זיך אַראָפּ אויף עטלעכע טעג קײַן ישראל. אין ירושלים פירט אים דער גורל צונויף מיט אַ געוועזענעם תלמיד פון מאַקס ווײַנרײַך ע"ה, מיט וועלכן ער באַפרײַנדעט זיך. יענער עצהט אים זיך צו באַקאַנען אין ניו־יאָרק מיט די אויפטואונגען פון „ייוואָ". בקיצור, דער יונגערמאַן ווערט בײַ זײַן צוריקקער אַ הייסער אָנהענגער פון אינסטיטוט. ווען ער באַזוכט בשעתו די אויסשטעלונג אין יידישן מוזיי אין ניו־יאָרק ווערט ער פון איר שטאַרק באַאײַנדרוקט און ער באַשליסט, אַז זי זאָל אויך האָבן אַן „אויפטריט" אין מיאַמי. ער ווענדט זיך צו די „פּני" פון היגן מעטראָפּאָליטאַן־מוזיי און פועלט אויס ניט נאָר אַן אימפּאָזאַנטע היים פאַר דער אויסשטעלונג, נײַערט

זיי זאָלן אויך דעקן אַלע הוצאות פון דער אונטערנעמונג. אָבער ערשט אונטער דער לייטונג פון דעם היגן ייוואָ-פּרעזידיום (גיטל קאָהן און מ. גלייבערמאַן) האָט מען עס געקאָנט רעאַליזירן. ווײַל „ער" האָט צוגעשטעלט די נייטיקע טראַנספּאָרטאַציע קײַן „קאָראַל-גייבלס" וואו די אויסשטעלונג האָט זיך געפונען.

אײדער מיר גייען צו צום עצם-הענין, איז כדאי צו דערמאָנען אייניקע חשובע פאָרשטייער פון ניו-יאָרקער ייוואָ-צענטער, וועלכע זײַנען געקומען אויפקלערן און באַלײַכטן די געגנשטאַנדן. מיר האָבן דאָ אין זינען, דעם פריערדיקן פּאָרזיצער, משה לאָוב און זײַן פרוי, אַ פּראָפעסאָרין פון ישיבה קאָלעדזש, און דעם היסטאָריקער דר. ל. דאָבראָשיצקי. ער טאַקע האָט אונדז באַגלייט איבער די ברייטע רחבותדיקע זאַלן פון מוזיי און אָפּגעשטעלט אויף די אויטענטישע פאָטאָ-דאָקומענטן, וועלכע האָבן אויפגעלעבט פאַר אונדז אַ פּאַנאָראַמע פון יידישן לעבן אין פּוילן ערב דעם צווייטן וועלט-קריג.

די 400 בילדער און עטלעכע און צוואַנציק פּאַנעלן קאָנען אײַנגעטיילט ווערן אין דרײַ הויפּט-טיילן: דער ערשטער רופט זיך „אײַנגעשפּאַרטקײַט פון עבר". מיר זעען פאַר זיך די טראַדיציאָנעלע אינסטיטוציעס פון פּוילישן יידנטום דורך אַ סעריע פון 100 פאָטאָגראַפיעס. מיר ווערן באַקאַנט מיט יידישע שטעטלעך און ישובים, מיט זייער אַרכיטעקטור, מיט זייער יום-טוב און וואָך. אַגב, זייער זעלטן וועט איר באַמערקן אַ שמייכל בײַ אַ דערוואַקסענעם, אָדער בײַ אַ קינד.

די צווייטע סעריע באַשטייט פון 93 פאָטאָגראַפיעס און הייסט: „דער טאָפּאָגראַפישער אַפּאַראַט ווי אַ כראָניקער" און האָט צו טאָן מיט דער תקופה פון פּאָליטישע קאַמפן ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה. מיר זעען יידישע רעוואָלוציאָנערן אין דעם אויפשטאַנד פון 1905; די דײַטשע אָקופּאַציע פון פּוילן, דער פּויליש-רוסישער קריג פון 1920 און אַנדערע בילדער.

דער גרעסטער טייל פון דער אויסשטעלונג רופט זיך: „דער אויפקום פון אַ מאָדערנעם שטייגער לעבן" און פאַרמאָגט 192 פאָטאָס. פאַר אונדז אַנטפּלעקן זיך די יידישע אַקטיוויטעטן אין שטאָטישע צענטערס — דער אויפקום פון דער יידישער אינדוסטריע, האַנדל און פינאַנץ, די אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם מיטל-קלאַס, די אויפטואונגען פון דער קהילה, דער אויפבלי פון ציוניזם און פון „בונד", די קינדער-פאַרזאָרג-אינסטיטוציעס, טאַנץ-צענטערס, סאַנאַטאָריעס, באַזונדערע סעקציעס גיבן זיך אָפּ מיט יידישע שרײַבערס, פאָרשערס, מוזיקערס, אַרטיסטן און פילם.

אַט קומט אַ יידישע דעלעגאַציע צו יוזעף פּילסודסקי מיט ברויט און זאַלץ. און אַט איז אַ בילד פון אַ קאַפּעליע קלעזמער אויף אַ יידישער חתונה. אַ ביסל ווײַטער זעען מיר דעם גאָר יונגן נחום סאָקאָלאָוו מיט זײַן משפּחה. אויף אַן אַנדער אָרט באַטראַכטן מיר וולאַדימיר מעדעם מיט זײַנע חברים. אַ גרופּע יידישע שרײַבער מיט די פּאָעטן סוצקעווער און קאַטשערגינסקי אין צענטער. עס וואַרפן זיך אין די אויגן: חסידים, חדר־ייִנגלעך און ישיבה־בחורים. אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער פון דער פּרץ־שול אין ביאַליסטאָק אין 1924. די גרויסע „קעפּ" פון יידישע צײַטונגען: „מאָמענט", „טאָג" „הײַנט", „פאָלקסצײַטונג", „הצפירה", „הזמן". אַט דער לעצטער טייל ענדיקט זיך מיט אַן אָפּטיילונג וועגן די פאָטאָגראַפיסטן און זאַמלערס, וועלכע האָבן געטראָגן דעם אחריות פאַר רעקאָרדירן און פּרעזערווירן, דורך די דערמאָנטע מיטלען, די מאָדערנע געשיכטע פון יידן אין פּוילן.

אויף מאָרגן האָט זיך דער ייִוואָ־קאָמיטעט געטראָפן מיט די פרײַנד לאָוב און זײַן פרוי בײַ אַ „לאָנטש" אין דעם אַלזשיר־האָטעל. עס האָבן בײַגעוואוינט: פּראָפ. לערמער, שמעון דײַטש און מעלאַמדאָוויטש פון שיקאַגע, די פרידמאַנס פון דעטרויט, און די מאַרקוסעס פון קאַראַקעס. בעתן שמועס וועגן וויכטיקע ייִוואָ־פּראָבלעמען, האָט פּראָפ. לערמער פאָרגעשלאָגן, מען זאָל געפינען אַ וועג צו דער יידישער סטודענטנשאַפט אויף די קעמפּוסעס. מ'זאָל פאַר איר אָרגאַנזשירן לעקציעס אויף ענגליש מיט אַ יידישן אינהאַלט. אין דער דיסקוסיע האָבן אָנטייל גענומען, חוץ די פריער דערמאָנטע, די פרײַנד — גיטל קאָהן, מ. פעלדשטיין, מרים גינגאָלד, יצחק און רבקה וואָלק.

***

מנשה פעלדשטיין איז שוין בײַ אַ פריערדיקער געלעגנהייט דערמאָנט געוואָרן, אַלס אַ וויכטיקער טוער אין דער ייִוואָ־געזעלשאַפט. ער איז געווען אינסטרומענטאַל פון די געצײַלטע, וואָס איז באַשטאַנען, אַז דער איבערבײַט אין דער אָנפירערשאַפט זאָל אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ פּרעזידיום.

פעלדשטיין בטבע אַ פּראַקטישער און ביז גאָר פּאַרטרווילעכער מענטש, איז יאָרן־לאַנג דער פינאַנץ־סעקרעטאַר און קאַסירער פון דער היגער ייִוואָ־

פאַרוואַלטונג. מיט זײַנע עצות און אַנווײַזונגען רעכנט מען זיך, און זיי זײַנען, בדרך־כלל, שטענדיק לטובה.

מנשה פעלדשטיין שטאַמט פון שטעטל, ליפאָוויץ, אוקראַינע, פון אַ פרום־טראַדיציאָנעלער היים. ער האָט יונג פאַרלאָזן דאָס שטעטל, און איז אין 1922 געקומען קײַן אַמעריקע און האָט זיך באַזעצט אין שיקאַגאָ. ער איז גיך געוואָרן אַקטיוו אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג און אין די רייען פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. פעלדשטיין האָט אַ סך צײַט אָוועקגעגעבן דעם „יונײַטעד דזשואיש אַפּיל". ער איז געווען פאַרזיצער דאָרטן אַ לאַנגע צײַט.

מנשה פעלדשטיין איז דער אָנפירער פון יידיש־קלוב, „ווינקל" אין דער שטאָט פון „זון־און־פאַלמעס". ער האָט עס אָוועקגעשטעלט אויף גאָר אַ הויכער ניוואָ. צו די פאַרזאַמלונגען פון „ווינקל" קומען אַריבער הונדערט באַזוכער.

***

גאָדל דזשייקאָבסאָן איז געווען אַ צײַט פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר בײַם ייוואָ־קאָמיטעט. הגם ער וואוינט אַ מהלך־רב פון מיאַמי־ביטש איז ער געקומען פּינקטלעך צו די זיצונגען און געטאָן זײַן עובדה בשלמות.

דזשייקאָבסאָן איז אַ געבוירענער אין דער אינדוסטריעלער שטאָט קאַליש. זײַן פאָטער האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק. גאָדל האָט באַזוכט אַ חדר. אין זײַן משפחה, דערציילט ער, אין אַ בריוו צו „אויפן שוועל", זײַנען ניט געווען קײַן חסידים אָדער ישיבה־לײַט. אַלע זײַנע פעטערס, פרומע יידן, זײַנען געווען אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס. דערבײַ דערציילט ער אַ טשיקאַווע זאַך: די קינדער אין שטוב האָבן גערעדט צו טאַטע־מאַמע אין דער דריטער פּערזאָן למשל, „זאָל מיר דער טאַטע געבן". דאָס זעלביקע איז אָנגעגאַנגען בײַ די אַנדערע קרובים פון דער משפחה — מ'האָט ניט גענוצט דעם סופיקס . . .

***

יערלעכער ייוואָ־באַנקעט אין מיאַמי

אונטערן צייכן פון דעם יובל פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

●

דעם 5טן פעברואַר איז אין מיאַמי פאָרגעקומען דער יערלעכער ייוואָ־באַנקעט. העכער 300 ייוואָ־מיטגלידער און־שטיצערס פון איבער גאַנץ אַמעריקע האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דער יום־טובדיקער אונטערנעמונג.

פ׳ מאַקס גלייבערמאַן, אַן אַקטיווער ייוואָ־טוער האָט אָפיציעל געעפנט דעם באַנקעט און איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ פר׳ גיטל כהן.

פר׳ כהן האָט נאָך דעם פאָרגעשטעלט דעם גאַסטרעדנער ד״ר שיקל פישמאַן, וואָס האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אד״ט: „80 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ״. ד״ר פישמאַן האָט אָנגעוויזן, אַז הגם די קאָנפערענץ איז טאַקע פאָרגעקומען אין 1908, האָבן אָבער די צוגרייטונגען און פלענער פאַר דער קאָנפערענץ זיך אָנגעהויבן מיט 10 יאָר פריער. ער האָט גערעדט וועגן דער תקופה און די אומשטענדן וואָס האָבן געפירט צו דעם, מען זאָל פאַררופן די קאָנפערענץ. די סיבה פאַר וואָס מען האָט אויסגעקליבן טשערנאָוויץ ווי דעם פּאַסיקסטן פּלאַץ פאַר אַזאַ קאָנפערענץ, איז וואָס צו יענער צײַט האָבן פינף פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין דער עסטרײַך־אונגערישער אימפּעריע געקעמפט פאַר דעם, מען זאָל אָפיציעל אָנערקענען זייערע מוטערשפּראַכן.

אויך יידישע קולטור און כלל־טוערס האָבן געוואָלט אויסניצן די גינציקע געלעגנהייט און געגלייבט, אַז אפשר וועלן זיי אויך קענען אויסקעמפן מען זאָל אָנערקענען יידיש ווי איינע פון די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן פון יידישן פאָלק.

צו דער קאָנפערענץ זײַנען געקומען 70 דעלעגאַטן: 55 פון בוקאָווינע, 14 פון רוסלאַנד און איינער פון רומעניע. זיי האָבן פאָרטראָטן פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען — פון ציוניסטן־העברעיסטן ביז מיליטאַנטישע בונדיסטן־יידישיסטן. צווישן די דעלעגאַטן האָבן זיך געפונען אַ צאָל פּערזענלעכקייטן, ווי יעקב גאָרדין, דוד פּינסקי, י.־ל. פּרץ, שלום אַש, אַברהם

רייזען, חיים זשיטלאָווסקי וכד׳, וואָס האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפּעה אויף דעם פונאַנדערבלי פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. צוויי פון די חשובסטע יידישע שרייבערס, שלום־עליכם און מענדעלע מוכר־ספרים האָבן אָבער אויסגעפעלט. ביידע האָבן משמעות מורא געהאַט פאַר די קאָנפליקטן און דעם פּאָליטישן געראַנגל צווישן די פאַר־שיידענע פראַקציעס און האָבן די פאַרבעטונג נישט אָנגענומען צוליב געזונט־טעמים. דר. פישמאַן האָט אויך איבערגעגעבן אַ טשיקאַווען פּרט. איינער פון די הויפּט־איניציאַטאָרן און אַן איבערגעגעבענער טוער אויף דער קאָנפערענץ, ד״ר נתן בירנבוים, האָט קיין יידיש ניט געקענט, זיין מוטער־שפּראַך איז געווען דייטש. פונדעסטוועגן איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז יידיש איז אַ „זשאַרגאָן״ און נישט קיין שפּראַך. בירנבוים האָט געטענהט אַז אַ שפּראַך וואָס עס רעדן מיליאָנען מענטשן קען מען בשום־אופן נישט אָנרופן „זשאַרגאָן״.

***

שמואל נאָריך עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון ניו־יאָרקער „ייוואָ״ איז געווען דער גאַסט צום ערשטן מאָל ביים היגן ייוואָ־פאָרום. ער האָט גערעדט וועגן „די נייע אויפגאַבן, וועלכע שטייען אויפן סדר־היום פאַרן יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק״. ש. נאָריך איז געבוירן אין דייטשלאַנד. זיין משפּחה איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1957. ער איז דעמאָלט יונג געווען גאַנצע צען יאָר. ער האָט געקראָגן דאָ־הי זיין יידישע און אַלגעמיינע אויסשולונג. ער האָט שטודירט אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט און אין דער הויכשול פון וויסקאָנסין.

שמואל נאָריך איז זייט 1980 דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון ייוואָ (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) אין ניו־יאָרק. ער איז אויך געווען וויצע־פּרעזידענט פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס פון 1975 ביז 1981.

***



הרב דר. העשיל קלעפפיש

דר. העשיל קלעפפיש איז איינער פון די פּאָפּולערסטע און העכסט־פּאַרטיפּטע לעקטאָרן בײַם ייוואָ־פּאָרום. ער ציט גרויסע עולמס. ס'רוב פון זײַן טעמאַטיק איז וועגן דער „מזרח־אייראָפּעישער יידישער קולטור־ירושה". ער שילדערט זי מיט התלהבותדיקע אויבער טענער, מיט האַרציקער נאָסטאַלגיע און אָראַטאָרישער פּאַרנעמיקייט.

זײַן פּאָטער, ר' זלמן קלעפפיש, איז געווען אַן אָנגעזעענער ייד אין זשיראַרדאָוו, פּוילן. ער האָט געגרינדעט דעם ערשטן חדר־מתוקן אין שטעטל. זײַן שטוב איז געווען אַ מין „בית־ועד לחכמים". חסידים פלעגן קומען צו אים זיך לערנען חסידות און משכילים שמועסן וועגן דער העברעיִשער און יידישער

ליטעראַטור. ער האָט געשריבן מאמרים וועגן ייִדישע פּראָבלעמען אין דער „הצפירה" און אין „מאָמענט".

דר. העשיל קלעפּפיש האָט, אָן ספק, געירשנט דעם פֿאָטערס פּעדאַגאָגישע פֿעיִקייטן און טאַלאַנט צום לערנען. ער איז זייער פֿרי אָנגעקומען אין באַוואוסטן ראַבינער־סעמינאַר „תחכמוני", דאָס שיינדל פֿון מאָדערנעם, רעליגיעזן ייִדן אין פּוילן! דאָרטן בײַ די אָפּענע בלעטער פֿון דער גמרא און תוספות אַרויסגעוויזן גרויס חריפות.

אין 1929 איז העשיל קלעפּפיש געוואָרן אַן עקסטערן אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ס'איז ניט גרינג אָנגעקומען פֿאַר אַ ייִדיש בחורל מיט אַ ייִדישער הלבשה און ייִדישן אַקצענט צו דערגרייכן אַפֿילו אַזאַ מעמד. נאָך צוויי יאָר לערנען, האָט ער זיך געשטעלט צום עקזאַמען. פֿאַר די פּקידים מיט אַנטיסעמיטישע קעפּ און הערצער איז געווען קשה צו באַנעמען, אַז ער זאָל איבערשטײַגן די אַנדערע סטודענטן אין קענטענישן אין זייער פּוילישער ליטעראַטור. ניט אַנדערש, אַז דאָ ליגט פֿאַרבאָרגן אַ ייִדיש שפּיצל! מ'האָט אים לכן באַפֿוילן צו קומען צו אַ צווייטן עקזאַמען, און מ'האָט אים נאָך אַמאָל חוקר־ודורש געווען. בקיצור, ער האָט אויסגעהאַלטן אַלע עקזאַמענעס און באַקומען זײַן מאַגיסטער־דיפּלאָמע.

אין 1934 האָט ער געקראָגן זײַן דאָקטאָראַט אין דער ברעסלער הויכשול, און אין 36־טן יאָר אויפֿן אוניווערסיטעט אין ציריך (שווייץ) אַ דאָקטאָראַט אין ליטעראַטור. אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס ייִדיש בחורל, וועמען די וואַרשעווער פּראָפֿעסאָרן האָבן אַזוי געמאַטערט, האָט דערנאָך געשריבן קאָמענטאַרן איבער די ווערק פֿון פּוילישע קלאַסיקער, וועלכע זײַנען דערשינען אין אַ פּוילישן פֿאַרלאַג. ס'איז פֿאַראַן אַ יש־אומרים, אַז דער פּוילישער רעגירונג האָט ניט געפּאַסט, אַז אַ ייִדישער נאָמען ווי העשיל קלעפּפיש זאָל „באַצירן" די טאָוולען פֿון פּוילישע שריפֿטשטעלער. דער יונגער ערודיט איז אָבער באַשטאַנען אויף זײַנס און ס'האָט געהאַלטן בײַ אַ „גט". דער סוף איז געווען — מען איז אײַנגעגאַנגען אויף אַ פּשרה: ער זאָל זיך חתמענען מיט די ראשי־תיבות . . .

אָן ענלעכן פֿאַל האָט קלעפּפיש געהאַט שפּעטער זײַענדיק „טשאַפּליין" אין דער פּוילישער גלות־אַרמיי. דער ייִדישער נאָמען איז די פּוילישע פּאַנעס ניט אָנגעשטאַנען. אָבער אויך דעמאָלט האָבן זיי ניט אויסגעפֿירט.

דר. העשיל קלעפּפיש האָט זיך באַוויזן אין דער ייִדישער פּרעסע („דער

מאָמענט") אַזוי פרי ווי 1929 מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן בערנאַרד שאָו. אַן אינטערעסאַנטע פּאָלעמיק האָט זיך פאַרפירט צווישן קלעפּפיש און דעם באַרימטן היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער וועגן דעם אָפּשטאַם פון די פוילישע יידן. וואָכן־לאַנג האָט זיך געצויגן דער וויכוח. דר. שיפּער אין „היַינט" און זיַין יינגערער אָפּאָנענט אין „יידישן טאָגבלאַט". קלעפּפיש פלעגט גאָר אָפּט געלאַדן ווערן אויף רעפעראַטן אין פאַרשיידענע שטעט אין פוילן.

דעם ערשטן פעברואַר, 1939, איז קלעפּפיש אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אויף עטלעכע חדשים דורכצופירן אַ פאָרש־אַרבעט אויף אַ געשיכטלעכער טעמע אינעם ירושלימער אוניווערסיטעט. ער האָט געפּלאַנעוועט צוריקצוקומען אויף די ימים־נוראים אַ היים. אָבער די מלחמה איז אויסגעבראָכן, ווען ער האָט זיך געפונען אין פּאַריז. ער האָט געפּרואווט פאָרן דורך דער נייטראַלער שווייץ, נאָר אַלע פאַרבינדונגען מיט פוילן זיַינען געווען איבערגעריסן. נאָכן גרויסן חורבן, וואו זיַין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען, האָט ער שוין ניט געהאַט צו וועמען זיך אומצוקערן . . .

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט קלעפּפיש געדינט, ווי שוין דערמאָנט, אין דער פוילישער גלות־אַרמיי, שפּעטער איז ער געווען דער מיליטערישער ראַבינער ביַי די יידיש־פוילישע זעלנער אין פראַנקריַיך אין 1940, און אין די יאָרן 1940 — 1944 אין ענגלאַנד און סקאָטלאַנד.

דר. העשיל קלעפּפיש האָט געלעבט אַ געוויסע ציַיט אין דער שטאָט פון זון־און־פּאַלמעס. מיט אַ יאָר 25 צוריק איז ער פאַרבעטן געוואָרן קיַין פּאַנאַמאַ צו פאַרנעמען די מנהל־שטעלע פון דער „אַלבערט איַינשטיין שול". דאָרטן האָט ער באַוויזן אַסך פון זיַינע פּעדאַגאָגישע פעיקייַטן. ער האָט געפונען אַ גרויסן נאָמען אויף אַ קליינער קינדער־שול. ס'האָט זיך געפאָדערט פיל מוט, אויסדויער און בטחון און דער עיקר אַן איַיזערנעם רצון איבערצושאַפן דעם סדר־הלימוד, בכדי צו פאַראינטערעסירן אַ גרעסערע צאָל תלמידים און צוצוציען זייערע עלטערן צו אַקטיווער מיטאַרבעט. מען דאַרף געדענקען, ער האָט געהאַט צוטאָן מיט קליינע, אָבער דאָך פאַרשיידענע עדהס, וואו מנהגים, געוואוינהיַיטן, שפּראַך און סביבה לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויפן קינד. אין משך פון געציילטע יאָרן איז דער „אַלבערט איַינשטיין אינסטיטוט", ווי די שול ווערט היַינט גערופן, געוואָרן אַ שם־דבר אין לאַנד. זי פאַרמאָגט היַינט העכער זיבן הונדערט תלמידים, מיט אַ סטעף פון זיבעציק לערערס. ס'איז דערגאַנגען אַזוי וויַיט, אַז צען פּראָצענט פון די שילערס זיַינען ניט־יידישע. צווישן זיי אויך קינדער פון הויכע רעגירונגס־פּערזענלעכקייַטן. דאָס טשיקאַווסטע דערביַי

איז, וואָס אַלע ווײַסע־חברהניקעס, ייד צי ניט־ייד, מוזן בײַזײַן בײַ אַלע לימודים. האָט זיך טאַקע באַקלאָגט איין רעגירונגס־מענטש בזה הלשון: „מילא מאַטעמאַטיק קאָן איך אַרויסהעלפן מײַן תכשיט, אָבער ווי גיב איך זיך אַן עצה מיט די יידישע ימים־טובים, צי מיטן תלמוד?" ס'איז ניט שייך וואָס דער דירעקטאָר האָט אים געענטפערט, וויכטיק איז מיט וועלכן ערנסט מען באַציט זיך צו דער שול און צו די שול־לימודים.

ווען דר. העשיל קלעפפיש האָט באַשלאָסן צו מאַכן זײַן פּערמאַנענטע היים אין מדינת ישראל, האָט דער מיאַמי ייוואָ־קאָמיטעט אים אַרויסבאַגלייט מיט אַ צאתכם לשלום — באַנקעט, אין דעם עלעגאַנטן „אידען ראָק" האָטעל, דאָס איז פאָרגעקומען דעם 15־טן דעצעמבער, 1985. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם זיך געזעגענען מיט אים און אים אויסדריקן אָנערקענונג און דאַנקשאַפט פאַר די פילצאָליקע באַלערנדיקע לעקציעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין משך פון יאָרן. דעם פאָרזיץ האָט געפירט פּראָפ. אַרטור לערמער. עס האָבן אים געוואונטשן אַ פאָר־געזונט, דער פאָרשטייער פון היגן „אַרבעטער־פאַרבאַנד", ח' בערנהויט, מנשה פעלדשטיין פון „ייוואָ־קאָמיטעט", מרדכי גלייבערמאַן און ל. לאַסאווין. דער לעצטער האָט זײַנע פאָר ווערטער פאַרקליידט אין אַ משל: אַ פאָטער האָט שטענדיק שטאַרק געלויבט זײַן געראָטענעם זון און פאַרשוויגן זײַנע פעלערן, וועלכע יעדער מענטש באַזיצט. ווען מ'האָט אים אָנגעוויזן אויף זײַן פאַרזען, האָט ער דערקלערט: אַז זײַן זון האָט אַזוי פיל דרויסנדיקע פײַנט, ווער צוליב קנאה און ווער מחמת אַנדערע סיבות, און ער האָט מורא, אַז די שטוביקע זאָלן זיי איבערנעמען. דר. קלעפפיש האָט אַ התלהבותדיקע באַציונג צום יידישן פאָלק פאַר זײַנע גאונישע מעלות, אָבער איז אַרומגערינגלט פון אַן אַ שיעור שונאים, און אים שרעקט, טאָמער וועלן אויך יידן באַאײַנפלוסט ווערן פון זיי . . . דר. קלעפפישעס אַוועקפאָרן איז אַ פאַרלוסט פאַרן היגן יידישן ישוב — און אַ גרויסער געווינס פאַר מדינת ישראל!

***

אידית ווייס איז געווען אַ יאָר צײַט די סעקרעטאַרין פון ייוואָ־קאָמיטעט. זי האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס אין אַלע טעטיקייטן. זי איז געבוירן אין פילאַדעלפיע, געענדיקט דאָרטן די עלעמענטאַר־און „הײַ־סקול". זי האָט געקראָגן אַ יידישע דערציונג אין דער היים, און אין דער תלמוד־תורה, וואו דער באַקאַנטער מחנך, חיים באַרקאַן איז געווען פּרינציפּאַל,

מאָטל ווייס, איר מאַן, ע״ה, אַ מיטגליד אין דער ייוואָ־געזעלשאַפֿט, איז געווען אַ פֿײַנער פּאַרלייענער, האָט געשריבן לידער און איז געווען פֿעיִק אויף אַ סך געביטן. ער האָט געשטאַמט פֿון פּוילן. ער איז געקומען מיט זײַנע עלטערן, אַלס אַ בחור פֿון פֿופֿצן יאָר, קיין אַמעריקע. ער איז גיך באַקאַנט געוואָרן מיט זײַנע טאַלאַנטן, בײַ יידישע גרופּן אין פֿילאַדעלפֿיע און מיאַמי און זיי פֿלעגן אים פֿאַרבעטן צו זייערע מסיבות.

*****

דר. יצחק פֿיין איז געווען איינער פֿון די פּיאָנערן־לערערס פֿון די אַרבעטער־רינג שולן, און פּראָפֿ. פֿון געשיכטע אין דעם באַלטימאָר יוניאָן־קאָלעדזש. ער ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר איינעם פֿון אונדזערע בעסטע קענערס פֿון דער געשיכטע פֿון יידן אין אַמעריקע און ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטן אויף דער טעמע. די לעצטע יאָרן פֿירט ער אָן מיט קלאַסן וועגן אַמעריקאַנער יידישער געשיכטע אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט.

דר. יצחק פֿײַן איז מיט האַרץ און נשמה אַרײַנגעטאָן אין יידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט און ער שטייט אין פּערזענלעכער פֿאַרבינדונג מיט די וויכטיקסטע פּערזענלעכקײַטן אין פֿיל יידישע ישובים.

ס׳איז פֿאַרשטענדלעך, אַז דער „ייוואָ״ איז אים נאָענט. ער איז אַרויס־געטראָטן בײַ אונדזער ייוואָ־פֿאָרום אין ווינטער־סעזאָן פֿון 1972. זײַן טעמע איז געווען: „דער אויפֿשטײַג פֿון אַמעריקאַנער יידנטום און וואָס ווײַטער?״ און דאָנערשטיק, דעם 24־טן פֿעב. איז ער געווען דער הויפּט־רעדנער בײַם יערלעכן ייוואָ־באַנקעט. זײַן רעפֿעראַט וועגן דעם „לעבן און שאַפֿן פֿון ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער״, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

שלמה ווײַסמאַן פֿון מאָנטרעאַל האָט געהאַט אַן אַרײַנפֿיר־וואָרט, און אברהם קראַשינסקי, באַקאַנטער מוזיקער, האָט אָנגעפֿירט מיטן געזאַנג־בציבור. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט מרדכי גלייבערמאַן, אין 73־טן יאָר האָט דר. פֿײַן רעפֿערירט וועגן „יאַהודים און יידן אַמאָל און הײַנט״.

דר. יצחק פֿײַן האָט האַיאָר געפּראַוועט זײַן 85־טן געבוירן־יאָר. ווילן מיר אים בײַ דער געלעגנהײַט, האַרציק באַגריסן און אים ווינטשן אַ סך געזונטע־שעפֿערישע יאָרן.

*****

לעאָן יאַרמוס איז אַ צײַט געווען אַ מיטגליד אין דעם היגן ייוואָ־קאָמיטעט. ער קומט פון זאַראָמבּ, פוילן, פון אַ פרום־רעליגיעזער משפחה. ער האָט געלערנט אין לאָמזשער ישיבה בײַ הרב יחיאל גאָרדאָן און זיך אויסגעצייכנט ווי אַ מתמיד. ער האָט יונג פאַרלאָרן זײַנע עלטערן, איז ער מיט די אַנדערע קינדער־יתומים אַריבער געקומען קיין קובאַ. ניט געקוקט אויף די שווערע עקאָנאָמישע נסיונות האָבן די פיר ברידער זיך פאַרוואָרצלט אין נײַעם לאַנד. לעאָן יאַרמוס איז געוואָרן אַקטיוו אין אַלע קולטורעלע אינסטיטוציעס און סעקרעטאַר בײַ דער ציוניסט. אָרגאַניזאַציע. מיט דער איבערקערעניש אין קובאַ, באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק, שפּעטער אין מיאַמי, איז טעטיק אין „בני־ברית”, אין היגן קובאַנער יידישן קאָמיטעט. פאַר זײַן אַרבעט פאַר דער ישיבה „תורה ודעת” ווערט ער באַערט „אַלס מאַן פון דעם יאָר”. לעאָן יאַרמוס האָט באַשלאָסן עולה צו זײַן מיט זײַן פרוי קיין מדינת ישראל.

***

שיע יחסן איז געווען איינער פון די ראשונים־טוער בײַם ייוואָ־קאָמיטעט. ער איז אַ לאַנגע צײַט געווען דער פּראַקטאָקאָל־סעקרעטאַר און געטאָן זײַן אַרבעט בשלמות. ער האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק. זיין פאָטער — אַ לעדער־פאַבריקאַנט — האָט אים געשיקט אין חדר, שפּעטער אין אַ ישיבה אין דער שטאָט בריסק.

שיע יחסן האָט געהייראַט אין פוילן מיט גיטל קלעפּפּיש און איז אין 1922 אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון זײַן עלטערן ברודער קיין אַמעריקע. אין לאַנד האָט דעמאָלט געהערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס. די יחסנס האָבן, ווי אַסך אַנדערע אימיגראַנטן, שטאַרק געליטן. די לאַגע האָט שלעכט געווירקט אויף דעם איידעלן שיע און זײַן האַרץ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

שיע יחסן באַזעצט זיך, לויט דעם דאָקטאָרס רעקאָמענדאַציע, אין דער „שטאָט פון זון און פאַלמעס”. אַ דאַנק דעם מילדן קלימאַט ווערט שיע זייער אַקטיוו געזעלשאַפטלעך אין דער נײַער שטאָט. ער ווערט דער קאַסירער בײַ דער „הסתדרות”, פאָרזיצער בײַם „ביאַליק־צווײַג” און — ווי אויבן דערמאָנט — סעקרעטאַר בײַם ייוואָ. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז נאָך זײַענדיק אין ניו־יאָרק, האָט שיע געהאָלפן גרינדן דעם א. ר. „דוד בערגעלסאָן צווײַג”.

***

יודזשין אָרענשטיין איז בײַם ייִוואָ־פֿאָרום אַ פּנים־חדשות. זײַן ערשטע לעקציע „דוד בערגעלסאָן — זײַן לעבן און שאַפֿן" האָט שטאַרק אויסגענומען. עס וועט זײַן אינטערעסאַנט, גלויבן מיר, זיך צו באַקענען אַ ביסל מיט זײַן אַקאַדעמישן הינטערגרונט.

פּראָפֿ. אָרענשטיין איז געבאָרן אין ניו־יאָרק אין 1945. ער האָט שטודירט סאָציאַלע וויסנשאַפֿט אין סיטי־קאָלעדזש. ער האָט געקראָגן זײַן דאָקטאָראַט אין געשיכטע אין קאָלומביע. אין דער „מעקגילס־הויכשול" איז ער געווען פּראָפֿעסאָר פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז אַ גאַסט־לעקטאָר אין אָקספֿאָרד־אוניווערסיטעט, ענגלאַנד.

פּראָפֿ. אָרענשטיין איז אַ באַקאַנטער לינגוויסט, אַ קענער פֿון ענגליש, פֿראַנצויזיש, דײַטש און — ייִדיש. זײַן ליבע און פֿאַרערונג פֿון אונדזער לשון ציט זיך נאָך פֿון יענער צײַט, ווען ער האָט געלערנט אין דער אַרבעטער־רינג מיטלשול.

פּראָפֿ. אָרענשטיין האָט אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש אין דער צײַטשריפֿט „יוגנטרוף" אין 1964. דרײַ יאָר איז ער געווען איר רעדאַקטאָר. ער איז אויך אַ מיטאַרבעטער אין „ייִדישע קולטור" און אין אַ צאָל אַנדערע אויסגאַבן. ער שרײַבט אָפֿט אין ענגלישע פּעריאָדישע זאַמלונגען. ער איז באַרימט אַלס אַן אייגנאַרטיקער לעקטאָר, ספּעציעל וועגן געשיכטע, ייִדיש טעאַטער און דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

***

אברהם גאָלאָמב איז אויפֿגעטראָטן אַ פּאָר מאָל בײַם היגן ייִוואָ־פֿאָרום אויף זײַן ספּעציעלן וויזיט פֿון לאָס־אַנדזשעלעס. דער באַרימטער ייִדישער געלערנטער און מחנך, מיטגרינדער פֿון ייִדיש־וועלטלעכן שול־וועזן, פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. ער איז געווען איינער פֿון די חשובסטע ייִדישע פּעדאַגאָגן און אָנפֿירערס פֿון ייִדישע שולן אין פֿאַרשידענע לענדער אין דער ייִדישער וועלט. ער האָט מחבר געווען אַ גרויסע צאָל ווערק און לערנביכער, וואָס זײַנען באַנוצט געוואָרן אין ייִדישע שולן. א. גאָלאָמב האָט באַהאַנדלט עיקרדיק ייִדישע כּלל־פּראָבלעמען, וועלכע שטייען אויפֿן סדר־היום, און חינוך־פּראָגעס, וואָס פֿאַרנעמען אומעטום דעם אויבנאָן. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון כּמעט אַלע צײַטשריפֿטן אין דער ייִדישער וועלט.

און איז פון די ערשטע באַשאַפערס פון טערמינאָלאָגיעס אין יידיש, למשל, וועגן געוויקסן, וועלכע זײַנען געווען אַ באַשטאַנדטייל פון די לימודים אין יידישע גימנאַזיעס.

אַברהם גאָלאָמב איז געווען דער דירעקטאָר און הויפּט־לערער פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע, דער פּרינציפּאַל פון דער י. ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג, קאַנאַדע (1938 — 1944), אַ מיטאַרבעטער פון „דאָס יידישע וואָרט", „קאַנאַדער אָדלער", „יידישער זשורנאַל" (קאַנאַדע). שפּעטער איז ער געוואָרן דער פּרינציפּאַל פון דער יידישער שול אין מעקסיקע. פון זײַן פּען זײַנען דערשינען פּערציק ביכער: „יידן און יידישקייט" (1940), „די יידישע שול" (1941), „אונדזער שלום עליכם" (1941), „אומוועגן און אויסוועגן" (פּרוּוו צו פאָרמולירן אַ יידישן וועלט־באַנעם, 1942). ער איז אויך דער איבערזעצער פון העברעישן און אַראַמעישן מקור — די „אגדות פאַר שולן און היימען" (1943), און אויך אַ צאָל בראָשורן וועגן יידישע צײַט־פּראָבלעמען.

צו אברהם גאָלאָמבס אַכציק יאָריקן יובל איז דערשינען דער ספר „חסד לאברהם" (אונטער דער רעדאַקציע פון משה שטאַרקמאַן — 1969־1970), מיט אַרטיקלען, לידער און באַגריסונגען פון כמעט אַלע יידישע און אַ צאָל העברעישע שריפטשטעלערס אין דער וועלט. אין 78־טן יאָר איז אויך אַרויס אַ ספּעציעלער נומער פון זשורנאַל „חשבון", אין לאָס־אַנדזשעלעס, וואו אַברהם גאָלאָמב האָט געלעבט די לעצטע יאָרן.

„א. גאָלאָמבס בײַטראָג צום יידישן געדאַנק קאָן מען נאָר כאַראַקטעריזירן דורך זײַנע ווערק. זײַן גבורה ליגט אין זײַן טיפער אמונה און קיום פון יידישן פאָלק, אַ קעמפער פאַר יידיש, האָט ער זיך אויסגעהיטן פון נעגאַטיווער באַציונג צו העברעיש, ער אַליין שרײַבט אויך העברעיש" (משה שטאַרקמאַן). „עס שטעקט אַ סך העלדישקײַט צו זײַן איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ יידישער לערער בײַ יידן" (יודל מאַרק).

***

דר. יעקב שאַצקי, „היסטאָריקער פון די פּוילישע יידן" איז געווען אַן אָפטער גאַסט בײַם היגן ייוואָ־פאָרום. זײַנע רעפעראַטן איבער פאַרשיידענע צווײַגן פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור האָבן גוואַלדיק אויסגענומען און שטאַרק אָפּגעשאַצט געוואָרן. זינט דעם אויפקום פון דעם „ייוואָ" אין ווילנע, איז דר. שאַצקי געווען זײַן געטרײַסטער מיטאַרבעטער און שטיצער.

פאַר פולע 30 יאָר ביז זײַן פריציַיטיקן טויט אין 1956 האָט ער פאַרעפנטלעכט זײַנע אַרבעטן אין זײַנע וויסנשאַפטלעכע פובליקאַציעס, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט זעלבסטשטענדיקע ווערק פול מיט חריפות און ערודיציע.

דר. יעקב שאַצקי איז געווען דער ענערגישסטער און מיטפולסטער אָרגאַניזאַטאָר פון „ייוואָ“ אין אַמעריקע, און אומאויפּערלעכער זאַמלער פון מאַטעריעלע מיטלען און וויכטיקע דאָקומענטן פאַרן „ייוואָ“ אין ווילנע. „אין זײַן הויז איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג צו שאַפן דעם אַמעריקאַנעם צווײַג. אין זײַן הויז איז אָרגאַניזירט געוואָרן די רעדאַקציע פון דעם „פנקס“. ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם אַמעריקאַנער אָפּטייל פאַרן צענטער אין ווילנע, און זײַן לעצט בריוול פון שפּיטאָל, אַ טאָג פאַר זײַן פּטירה, איז געווען צום „ייוואָ“ און וועגן אַ „ייוואָ“־ענין“ (י. ליפשיץ).

דר. יעקב שאַצקי איז געבוירן אין וואַרשע. זײַן פאָטער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר און אַ משכיל. דאָס ייִנגל האָט זיך געלערנט אין חדר און האָט אויך באַזוכט אַ פּוילישע האַנדלס־שול. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אומגעוויינטלעכע כשרונות און מיט אַ שטאַרקן חשק צום לערנען. ווען ער איז געוואָרן צוועלף, געפינען מיר זײַן פאָטער קראַנק און די משפחה פאַראָרעמט. דאָס בחורל האָט געמוזט פאַרלאָזן די שול און זיך נעמען צו אַ מלאכה. ער איז געוואָרן אָנגעשטעלט אין אַ געשעפט און האָט אין אָוונט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס. פון זײַנע מאַגערע פאַרדינסטן האָט ער געקויפט ביכער און האָט שטענדיק געלערנט . . .

נאָכן פאָטערס טויט פלעגט ער גיין זאָגן קדיש אין דער טלאָמאַצקער שול. דאָס וויסנדאָרשטיק בחורל האָט אויסגעפונען, אַז דאָרטן געפינט זיך אַ רייכע ביבליאָטעק און האָט נאָכן דאַווענען דאָרטן פאַרבראַכט לאַנגע שעהען. דער ביבליאָטעקאַר האָט דערקאָנט אין דעם יונגן שאַצקי געניאַלע פעיקייטן און האָט אים אַ סך דערמוטיקט. צו פערצן יאָר איז ער שוין געווען אָנגעלייענט אין אַ סך ווערק פון ייִדישע געלערנטע, וועלכע האָבן געשריבן אויף פּויליש וועגן ייִדישער געשיכטע, עטנאָגראַפיע און קונסט. ס׳איז דעמאָלט געשטאָרבן מאַטיאַס בערסאָן, דער מעצענאַט און זאַמלער פון ייִדישע אַנטיקן. ער איז אויך געווען אַ מחבר פון ייִדישע קונסטווערק אין פּוילן. שאַצקי, זײַענדיק שוין באַקאַנט מיטן נפטרס אַרבעט, איז אויך געווען אויף דער לוויה. דער היסטאָריקער, אַלעקסאַנדער קרויזהאַר, אַן איידעם פון פאַרשטאָרבענעם, האָט געפרעגט דאָס בחורל, צי ער איז אַ קרוב פון נפטר. האָט שאַצקי געענטפערט:

ער איז געקומען אָפּגעבן כבוד דעם מחבר פון ווערק „די אַלטע בתי־מדרשים אין פוילן". דער ענטפער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויפן היסטאָריקער. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן באַגאַבטן יינגלינג און ער האָט אים רעקאָמענדירט צו וויכטיקע פערזענלעכקייטן, צווישן זיי רעגינא ליליענטאַל. נאָך אַ קורצן איבערשמועס מיט שאַצקין, האָט זי אים באַקאַנט מיטן ראַבינער פון דער סינאַגאָגע, דר. פאָזנאַנסקי. דער רעזולטאַט איז געווען מער ווי גוט. יעקב שאַצקי האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע אויף צען יאָר צו שטודירן אין קראָקע אין אַ פוילישער גימנאַזיע און אין דעם באַרימטן יאַגעלאָנער אוני־ווערסיטעט, ער האָט גראַדואירט די הויכשול מיט אויסצייכנונגען. זײַן דאָקטאָר־דיסערטאַציע איז געווען אויף דער טעמע: „די יידן־פראַגע אין פוילישן קעניגרײַך 1831 — 1863".

דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער, פּראָפ. שמעון אַשכנזי, האָט פּראָטעזשירט דעם יונגן שאַצקי. ער האָט געזען אין אים דעם „קינפטיקן היסטאָריקער פון די פוילישע יידן". נאָכן ענדיקן זײַן שטודיום, איז יעקב שאַצקי אַרײַנגעטראָטן, צום חידוש פון זײַנע עלטערע פרײַנד, אין פּילסודסקי־לעגיאָן (1918). „שאַצקיס בראשיתדיקע געשיכטלעכע אַרבעטן זײַנען געווען פאַרוואָרצלט אין זײַן ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט און אין שטורעמדיקע גע־שיכטלעכע פּאַסירונגען פון דער מערקווירדיקער היסטאָרישער תקופה, אין וועלכער דער יונגער און שטאַרק עמאָציאָנעלער בחור האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט ווי אַ יידישער היסטאָריקער. ס'איז געווען אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער שטורעם פון פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם פאַר פוילנס פרײַהײַטס־קאַמף האָט מיטגעריסן שאַצקין. אַ פועל יוצא פון אָט דער איבערלעבעניש איז געווען זײַן אינטערעס אויסצופאָרשן די יידישע באַטייליקונג אין די פוילישע מיליטערישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען — דער חלק פון די יידן אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות . . . און דעם פּאַרזוך פון אַדאָם מיצקעוויטש צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן אין דער צײַט פון דעם קרימער־קריג" (דר. פ. פרידמאַן).

דר. יעקב שאַצקי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע סוף 1922 שוין ווי אַן אָנגעזעענער היסטאָריקער, פונדעסטוועגן האָט ער געליטן דחקות. ער האָט זיך ניט געקענט דערשלאָגן צו קיין שטענדיקן פּאָסטן ווי אַ שרײַבער און פאָרשער. ער איז געווען אַ לערער אין די פאַרשיידענע יידישע סעמינאַרן, לערער־קורסן, אין מיטלשולן, און אין דער טעאַטער־סטודיאָ בײַם „טעאַליט", ווי אַ לעקטאָר וועגן דער געשיכטע פון טעאַטער. ווי אַ לערער האָט זיך

שאַצקי אויסגעצייכנט מיט זײַן טיפער ערודיציע, מיט זײַן מסביר־זײַן די קאָמפּליצירטסטע ענינים, און מיט זײַן וואונדערלעכער באַציונג צום סטודענט. מ׳האָט אים שטאַרק ליב געהאַט און געהאַט פאַר אים גרויס־דרך־ארץ.

⁂

ה. לייוויק האָט אין די זעכציקער יאָרן באַשײַנט דעם ייוואָ־פאָרום מיט זײַנע אויפטריטן. באַזונדערס האָט זיך אײַנגעקריצט אין זיכרון דער פאָרטראַג וועגן זײַן בוך „איוב״. דער גרויסער עולם איז געווען געשפּאַנט. לייוויקס טיפער ערנסט האָט באַהערשט דעם זאַל. תּוכן, פאָרעם און דיקציע האָבן זיך משתּתּף־געווען. עס זײַנען טאַקע געווען — „דברים העומדים ברומו של עולם״, אָבער די צוהערער האָבן אים מיט נחת־רוח נאָכגעפאָלגט און זיך געפילט דערהויבן. אויף יענער זײַט טירן, יענעם שבת אָוונט, האָבן יידן גע־שטראָמט צו „הינט־און־פערד־געיעגן״, צו עקזאָטישע רעסטאָראַנען און קאַבאַרעטן, נאָך דינע און גראָבע לוסט־אַוואַנטיורעס. וואו איז געקומען צום אויסדרוק ישראל סבא? מען פאַרשפאַרט צו ענטפערן אויף דער פראַגע . . .

איבערן שטעטעלע איהומען, מינסקער גובערניע, דרייט זיך אום אַ יינגעלע, אין אַ זײַט פון די שפּילנדיקע חברימלעך. ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ גרויסן, פאַרטיפט אין זיך האָט ער דאָך צוגעזען ווי מענטשן לײַדן, לײַדן און שווײַגן, און דאָס יינגעלע האָט פאַרנומען אין זיך זייער שווײַגן און זיך פאָרגעשטעלט, אַז עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכעס וועט אַמאָל אַרויסקומען פון זייערע לײַדן . . .

ער דערציילט ווי איינמאָל גייענדיק אין חדר (ער איז דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר) האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קלויסטער און האָט מיט קינדערשער קוריאָזיטעט אַרײַנגעקוקט אינעווייניק. פּלוצעם האָט אַ גוי אַראָפּ־געריסן ס׳היטל פון זײַן קאָפּ און עס אַ שלײַדער געטאָן אויף דער ערד. ער האָט אַ באַליידיקטער געפרעגט: „צי זאָגט דען אַ ייד, אַז אַ גוי מוז אָנטאָן זײַן היטל ווען ער גייט פאַרבײַ אַ שול? און לייוויק דערציילט ווײַטער ווי ער האָט אינעם זעלביקן טאָג געלערנט אין חדר די סדרה „וירא״, וואו ס׳ווערט געשילדערט די „יצחק־עקידה״, און ווי די אויגן פונעם יצחק־יינגעלע האָבן אומזיסט געזוכט דעם שעפּס־קרבן . . .

פאַרן זיבניאָריקן לייוויק איז גאָטס־ליבשאַפט און גאָטספאַרכטיקײַט

שוין דעמאָלט געווען אין שאַרפער סתירה . . . אויף זיין קינדישן גוף האָט לייוויק דערפילט די שטריק, און זיינע אויגן האָבן פלוצעם דערזען איבער זיך דעם בליאַסק פון חלף. אָט די לייוויקשע אויגן האָבן ניט אויפגעהערט צו פרעגן דעם אייביקן פאַרוואָס?

די טרייסט, אַז יצחק איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, האָט דעם ייִנגעלע לייוויק ניט געטרייסט, ווייל „וואָס וואָלט געווען ווען דער מלאך פאַרשפּעטיקט אויף איין רגע?״ — האָט ער דאַן אַ בלאָסער געפרעגט זיין רבין.

מיט אַן איינזערנעם רצון צו צערייסן די אייגענע שעפּסענע שטומקייט, האָט ער שפּעטער באַגעגנט די סאָציאַלע אומרעכטן און סתירות . . . ער טראָגט אויף זיך אַן אַחריות פאַרן אומשולדיק אומגעבראַכטן לעבן און עפּעס מאָנט אין אים דין־וחשבון . . .

אין 1932 זאָגט דער דיכטער אין זיין בוך „לידער״: „די כוונה מיינע איז צו שאַפן סיי אין זיך, סיי אין לייענער אַ פאַרשטעלונג פון עפּעס אַ גאַנצקייט אַזאַ, אַן אָנונג פון אַ דערנענטערן זיך צו יענעם צושטאַנד, צו וועלכן יעדער מענטש ציט זיך אַ גאַנץ לעבן, צו אָפּנקייט פון זיין אינערלעכן אמת און צו זיין רייפער קלאָרקייט. איך זאָג: דערנעענטערן זיך און ניט אָנקומען, ווייל אָנקומען — ווער ווייס ווען דאָס וואָלט געשען און ווען איז מען זוכה דערצו?״

„דאָס קול פון גאָט איז דאָס שטומע קול פון זיין פאָלק. דער בעל־חלום פון שלימות (לייוויק) נעמט צונויף אַלע זיינע „נאַכט־שטיקער״ און קריעות, די צעשליידערטע, און זוכט פאַר זיי אַ תיקון. זיין בענקשאַפט נאָך גוטסקייט איז מיט קאָלירפולע פעדעם און אין סובטילע ניואַנסן אַריינגעוועבט אין זיין אַלעגאָריע און נמשל. מיט ישעיהס זיבנפאַרביק ליכט שטראַלט דער משל פון זיין ליד, וואויל איז די, וועלכע זיינען זוכה מקבל צו זיין דאָס וואָרט און דעם דרך פונעם פּאָעט און עטישע פערזענלעכקייט ה. לייוויק״ (אברהם פּאָט).

***

ה. לייוויק

אונדזער חלום

אין דער וויסטעניש פון מדבר
שטייט משיח פארשמידט אויף א קייט,
ער שטייט און וואַרט אין האָפענונג
ביז מענטשן וועלן ווערן גרייט

מיט זייער האַרץ און מוח,
מיט זייער פאַרבענקטן בליק,
אַז ער, משיח, זאָל קומען
און ברענגען פרייהייט און גליק.

אַזוי פלעגן ביי אונדז אין שטעטל
דערציילן די אַלטע לייט,
און יעדער מאָל פלעגן זיי זאָגן:
— „אַ, הלוואי קומט שוין די צייט".

און איך, אַ יינגל, פלעג הערן
די רייד פון די אַלטע לייט,
פלעג איך טראַכטן פאַר זיך אין שטילקייט,
אַז ס'איז שוין לאַנג געקומען די צייט.

און אויב איטעדער דאַרף גרייט זיין —
בין איך יעדע רגע גרייט
צו גיין צו משיחן אין מדבר
און באַפרייען אים פון דער קייט.

נאָר זאָלן די לייט מיר זאָגן
ווי קומט מען צום מדבר צו?
אָבער קיינער קאָן מיר ניט זאָגן,
ווייל קיינער ווייסט ניט אַוואו.

פלעג איך תפילה טאָן אין הארצן:
— „זאָל מײַן וואָרט צו דיר דערגיין,
קיינער ווייסט ניט וואו דיך געפינען —
טאָ נעם און קום אליין.

ווײַל זעסט דאָך — עס וואַרטן אַלע
אויף דיר, פון קליין ביז גרויס,
זיי טראָגן דאָס הארץ דיר אַנטקעגן,
און קוקן זייערע אויגן אויס".

אַזוי פלעג איך טאָן תפילה —
כ׳געדענק עס פון קליינוויז אָן.
אַפילו איצט, ווען איך בין אַ גרויסער,
הער איך ניט אויף די תפילה צו טאָן.

אויך איצט חלום איך דעם חלום
צו באַפרײַען משיחן פון קייט,
איך זוך אים איבער אַלע וועגן,
און בין שטענדיק פאַר אים גרייט.

און אַז איך קען אים ניט געפינען —
רוף איך פון יעדן וועג:
— „איך וואַרט אַפילו אַז דו זאַמסט זיך,
וועל וואַרטן ביזן סוף פון די טעג".

דער חלום פון יונגע יאָרן
איז שטאַרקער פון אַלטער וואָר,
די וואָר אַליין זאָל ווערן
דער חלום פון אַ נײַעם דור.

אַ יידיש קינד זאָל קיין מאָל
ניט אויפהערן צו זײַן גרייט
צו זוכן די טריט פון משיח
און אָפּבינדן אים פון דער קייט.

**
*

סענדער מ. קאַפּלאַן האָט אַנטייל גענומען, הגם ניט צו אָפט, אין די אַקטיוויטעטן פון היגן ייוואָ־קאָמיטעט. ער שטאַמט פון פוילישן שטעטל רייגראַד. זײַן פאָטער איז דאָרטן געווען רב און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ציוניסטישע ענינים. אין 1928 ווערט ער אויפגענומען אַלס דער ערשטער אָרטאָדאָקסישער רב אין האַוואַנאַ, קובאַ. אַ יאָר שפּעטער קומט אויך אַריבער זײַן משפחה.

סענדער קאַפּלאַן האָט געקראָגן אַ רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע דערציונג. העברעיש האָט ער געלערנט בײַ אַ פּריוואַטן לערער. אין נײַעם לאַנד איז דאָס יונג בחורל ממשיך זײַן יידישע און אַלגעמיינע לימודים. ער ווערט גיך אַקטיוו אין יוגנט־קלוב בײַ די ציוניסטן. פון זײַן פריסטער יוגנט ווײַזט ער אַרויס אַ נייגונג צו שרײַבן. ער האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע קינדער־דערציילונגען אין ניו־יאָרקער „קינדער זשורנאַל", זיי ווערן שפּעטער איבערגעדרוקט אין „טאָג". אין די 30־סיקער יאָרן ווערט ער דער קובאַ־קאָרעספּאָנדענט פאַרן „מאָרגן זשורנאַל". ער ווערט אויך אַ פּערמאַנענטער מיטאַרבעטער פון ערשט־געגרינדעטן „האַוואַנער לעבן" און שרײַבט הומאָרעסקעס אונטערן פּען־נאָמען „אַ שטיפער" און אויך אַרטיקלען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אין 1936 ווערט ער איר רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער ביז דעם טאָג פון זײַן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

סענדער קאַפּלאַן האָט אָפּגעגעבן אַ סך צײַט, מי און ענערגיע דער עיקר, דער ציוניסטישער באַוועגונג אין קובאַ. אין 1941 ווערט ער דערווײלט אַלס איר פּרעזידענט. פאַר די צוויי יאָר פון זײַן קאַדענץ ווערט די ציוני. באַוועגונג דער פירנדיקער כוח אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. צו קאַפּלאַנס פאַרדינסטן ווערט צוגעשריבן די גרינדונג פון „קובאַנער פּראָ־פּאַלעסטינער קאָמיטעט", אַ גרופּע סענאַטאָרן, קאָנגרעסלײַט, פּראָפעסאָרן און זשורנאַליסטן פאַר די אינטערעסן פון אַ יידישן היימלאַנד, וואָס האָט געפירט בשעתו צו אַ דערנעענטערונג מיצד דער רעגירונג צום יידישן ישוב אין לאַנד. ווען ס'ווערט פּראָקלאַמירט די יידישע מדינה אין 1948, ווערט ס. קאַפּלאַן באַשטימט אַלס ערן־קאָנסול פון מדינת ישראל. אַ פּאָסטן, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט אַ סך חשיבות ביז זײַן באַזעצן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זײַן פּאָפּולאַריטעט האָט זיך געלאָזט פילן פיל פריער, ווען ער איז געפאָרן אַלס דעלעגאַט צום 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פיל אַנדערע קאָנפערענצן פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אין 1951 ווען גאָלדע מאיר האָט באַזוכט לאַטיין־אַמעריקע, באַקומט זי פון קאַפּלאַנען אַ באַריכט

ווען יידיש לעבן אין קובאַ אונטער דעם נײַעם רעזשים. אין 1960 ווערט ער פאַרבעטן פון דער רעגירונג קיין ישראל אַלס גאַסט, ווי אַן אויסדרוק פון טיפער אָנערקענונג פאַר זײַנע לײַסטונגען. צו די פאַרדינסטן פון מיפּולן און ענערגישן קאַפּלאַן, דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס אַרויסגעבן 18 בענד „האַוואַנער לעבן־אַלמאַנאַך", מיט דער מיטהילף פון דעם שרײַבער א. דובלמאַן.

סענדער קאַפּלאַן איז אין 1985 באַערט געוואָרן אין מיאַמי, וואו ער איז הײַנט אַ רעזידענט, מיט אַ באַנקעט פאַר זײַנע 50 יאָר אַרבעט לטובת־הכלל.

***

דר. אירווינג האַו. דער חשובער געלערנטער האָט געהאַלטן צוויי לעקציעס בײַם ייוואָ־פאָרום, די טעמאַטיק: „דאָס יידישע אימיגראַנטן־לעבן און די אַמעריקאַנער קולטור; די השפעה פון ה. לייוויק, מאַני לייב און מ. ל. האַלפּערן אויף דער יידישער פּאָעזיע".

דר. אירווינג האַו איז געווען געשיכטע־פּראָפעסאָר אין דעם „ניו־יאָרקער סיטי־קאַלעדזש" און אין „האָנטער־קאַלעדזש". ער איז דער מחבר פון גרויסן ווערק „די וועלט פון אונדזערע פאָטערס". ער איז באַקאַנט אַלס אַ גרויסער באַוואונדערער פון ייוואָ־אינסטיטוט און איז בכלל זייער אַ וואַרעמער ייד. ער איז דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטשריפט „דיסענט" און אַ מיט־רעדאַקטאָר פון אַנטאָלאָגיעס.

***

דר. שלמה ביקל עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט אין 1962 געהאַלטן דרײַ רעפעראַטן בײַם ייוואָ־פאָרום, אויף אָט דער טעמאַטיק: „ארץ־ישראל, חוץ־לארץ און גלות", „דער ריזשינער, דער קאָצקער און דער בראַצלאַווער", און דער סאַמע אינטערעסאַנטער, וואָס האָט אַרויסגערופן פיל פראַגן און וויכוחים, און אויף וועלכע דער רעפערענט האָט מיט אַ סך געדולד און פּרטימדיק געענטפערט, איז געווען „דרײַ לעצטע ווערטער פון דרײַ פאָרשטייער פון דער אַנטיקער וועלט, נעמלעך — אויגוסטוס פון רוים, סאָקראַטעס פון אַטען, רבי עקיבא פון בני ברק".

אין 67־טן יאָר האָט דער היגער ייוואָ־קאָמיטעט אַראַנזשירט לכבוד דעם זיבעציקסטן געבוירניאָר פון דר. שלמה ביקל, פּאָרזיצער פון דער וויסנ־שאַפטלעכער קאָלעגיע בײַם ייוואָ־צענטער אין ניו־יאָרק, אַ פאַרנעמיקן באַנקעט. אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָט זיך דעמאָלט באַטייליקט סידאָר בעלאַרסקי. בײַם יערלעכן ייוואָ־באַנקעט אין 1968 האָט דר. ש. ביקל גערעדט וועגן „אוריאל ווײַנרײַכן". ער האָט געשילדערט דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם געלערנטן ווי אַ פילפאַרביקע פּערזענלעכקײַט . . .

דר. שלמה ביקל שטאַמט פון בוקאָווינע. „ער האָט אַפילו אין זײַנע עסייען געוויזן, אַז ער איז באַשאָנקען מיט אַ בעלעטריסטישן אָטעם. יעדעס מאָל ווען אים האָט זיך פאַרוואָלט דערמאָנען אַ מענטשן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אויף זײַן וועג, אָדער האָט דורכגעשפּרײַזט זײַן זכרון, האָט ביקל זיך גענומען צו אים און אים „אָפּגעפּאָרטרעטלט" אַ לעבעדיקן פון אַלע זײַטן, פּראָפיל, „אַנפאַס", פון לינקס און רעכטס, אַז מ'האָט דעם מענטשן געמוזט דערזען און דערשפּירן" (יעקב גלאַטשטיין).

מען דאַרף געבן גרויס אָנערקענונג דעם עסייאיסט דר. שלמה ביקל פאַר זײַן בעלעטריסטיש ווערק „משפחה אַרטשיק", אַ געשיכטע פון פשוטע דאָרפישע בוקאָווינער יידן (אַרומגערינגלט פון דײַטשע שכנים), מיט אַרטשיקן בראש, וועלכע ווילן אַריבערקליגלען די גזירה, אַז אַ ייד טאָר ניט זײַן קיין ערד־באַזיצער בעת דעם קייזערס פראַנץ יאָזעפס אימפּעריע . . .

ס'איז פאַראַן אַ יש־אומרים, אַז דאָס ווערק איז ניט פאַרענדיקט. אָבער אַפילו ווי די „משפחה אַרטשיק" דערשײַנט פאַר אונדז אַצינד — איז אַ גרויסער קינסטלערישער אויפטו! . . .

***

שמואל בוגאַטש איז געווען ניט פון די אַפּטע רעפערענטן בײַם ייוואָ־פאָרום, אָבער זײַן אויפקלערונג וועגן דער „אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון יידישער פאָלקס־מוזיק" אין ווינטער 1978, איז געבליבן פעסט אין זכרון.

ש. בוגאַטש, קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט שטאַמט פון ראָגאַטשאָוו, ווייס־רוסלאַנד. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ מוזיקאַלישער סביבה. ער האָט געזונגען אַלס ייִנגל אין שול־כאָרן אין זיין היימשטאָט ראָגאַטשאָוו. צו דרייצן יאָר איז ער געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיך באַזעצט אין באַלטימאָר, וואו ער האָט

אַנגעהויבן צו דיריגירן כאָרן אין גאָר אַ פריען עלטער. שפּעטער איז ער אַנגעקומען אין דער „פּיבאָדי־קאָנסערוואַטאָריע", און האָט באַקומען אַ דיפּלאָם אַלס לערער פון האַרמאָניע און קאָמפּאָזיציע. אַ צײַט האָט ער אָנגעפירט מיטן „בית־תפילה" שול־כאָר אין באַלטימאָר, שפּעטער אין דער „עדת־ישראל" סינאַגאָגע, אין די בראָנקס.

ש. בוגאַטש האָט געשריבן אַ צאָל ליטורגישע און וועלטלעכע קאָמפּאָזיציעס פאַר כאָרן, און סאָלאָ־שטימען. ער האָט פאַרפאַסט מוזיק פאַר פּיאַנאָ, אָרגל אויף טעקסטן פון יידישע פּאָעטן. זיינע וויכטיקסטע קאָמפּאָזיציעס זענען: „דזשודיאַ" (1943), אַ קאַנטאַטע פאַר טענאָר, באַריטאָן (ווערטער פון לאָרד בייראָן), „ישראל — אַ חלום, וואָס איז געוואָרן וואָר" (1950), אַ קאַנטאַטע „די יידישע לעגענדע" (אל־האגדה פון ח. נ. ביאַליק).

ש. בוגאַטש האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיטן באַרימטן חזן, משה קוסעוויצקי, אַ פּלאַטע וואוביידע רעפּרעזענטירן אַ געוויסן טייל פון ליטורגיש געזאַנג. ער האָט אויך געשאַפן מוזיק פאַר קינדער־כאָרן.

ש. בוגאַטש האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן מוזיק און מוזיקערס פאַר פאַרשיידענע זשורנאַלן און צײַטונגען. ער איז ביז זײַן קראַנק־ווערן געווען דער מוזיק־קריטיקער פון „פאָרווערטס", וואו ער האָט אויך געדרוקט אַ סעריע אַרבעטן וועגן יידישע מוזיקער, וועלכע ער פלעגט אינטערוויואירן. צווישן די סאַמע באַקאַנטסטע לידער, וועלכע ווערן געזונגען עד־היום איז „זאָג מאַראַן" פון אַברהם רייזען און אַ „זמר" פון אַהרן צייטלין. ביידע לידער זײַנען הײַנט פּאָפּולער אַ דאַנק בוגאַטשעס אינטערפּרעטאַציע.

***

שמואל ניגערס אַן אויפטריט בײַם ייוואָ־פאָרום איז געווען אַ גרויס געשעעניש. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און פון יידישן קולטור־קאָנגרעס (1948). אין ביידע אָרגאַניזאַציעס האָט ער פאַרנומען אַבֿפירנדיקע אַמטן. אין משך פון פיל יאָרן איז ער געווען לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערסיטעט, ער איז געווען אַ חשובער מיטגליד פון י. ל. פּרץ־שרײַבער־פאַראיין" און פון פּען־קלוב, פּרעזידענט פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט.

שמואל טשאַרני ניגער שטאַמט פון שטעטעלע דוקאָר, מינסקער גובערניע. דרײַ ברידער זײַנען זיי געווען: דרײַ מענטשן פון דער פען! — ער, ברוך טשאַרני וולאַדעק און דניאל טשאַרני. זיי זײַנען געקומען פון אַ חסידישער משפחה, אָבער יעדער איינער פון זיי האָט געבראַכט אַן אַנדער ניואַנס, אַן אַנדער אויסדרוק פון חסידיזם. וואָרן אין חסידיזם האָבן זיך דער עיקר אָנגעזען דרײַ פאַרשיידענע דרכים: חב״ד — חכמה, בינה, דעת. טײַטש: לערנען! (שניאור זלמן פון ליאַדי), אַ צווייטע שיטה — אהבת ישראל (בעל־שם־טוב), די דריטע — אישיות, פּערזענלעכקייט (רבי נועם אלימלך). איז מיט די דרײַ ברידער פון דוקאָר אַזוי געשען: דער ייִנגסטער, דניאל טשאַרני, האָט דורך זײַנע שריפטן געשפּריט גוטסקייט און וואַרעמקײַט בין־אדם־לחברו, ברוך טשאַרני וולאַדעק האָט אַרויסגעבראַכט מיט זיך, אָדער פון זיך, דעם דריטן ניואַנס, און שמואל טשאַרני ניגער האָט אויך אײַנגעשלאָסן אין זײַן חריפותדיקער ליטעראַטור־קריטיק די מידות־טובות פון די אַנדערע ברידער . . . (ב. י. ביאַלאָסטאָצקי „חלום און וואָר״־עסייען).

ש. ניגער האָט געשמט אין ישיבה אַלס עילוי. ער האָט געהאַלטן בײַ סמיכה אויף רבנות. ס׳איז אָבער דעמאָלט געווען אַ שטורעם־און־דראַנג פּעריאָדע (1903). דאָס ייִדישע לעבן האָט אַרויסגערוקט אַלץ מער נײַע פּראָבלעמען. אין דער לופטן האָט זיך געפילט אומרו, צעררודערונג, ס׳האָט געשמעקט מיט ערב רעוואָלוציע . . . ניגער האָט זיך פאַרנומען מיט שרײַבן אומלעגאַלע ליטעראַטור און אויפרופן פאַר דער ס. ס. פּאַרטיי (סאָציאַליסטן־ציוניסטן), וואו ער איז געווען אַ פירנדיקער חבר.

אַרום 1906 האָט שמואל ניגער אָנגעהויבן ווי אַ פּובליציסט אין דער העברעישער פּרעסע, אָבער ס׳האָט ניט גענומען לאַנג, און ער איז אַריבער צו ייִדיש. ווייל אין ייִדיש און אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ער דערזען אַ געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע שליחות, וואָס איז בכוח אויפצוהייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון ייִדישן פאָלקס־מענטשן. דער ייִדישער לייענער האָט געגאַרט נאָך נײַע קוואַלן און פרישע זאַפטן, נאָך אַ נײַ וואָרט . . . (גבריאל וויסמאַן — „פען פּראָפילן״).

ש. ניגער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצוברייטערן די גרענעצן פון אונדזער ליטעראַטור, דאָס הייסט, אַרײַננעמען אַלע מענטשלעכע, און דער עיקר אַלע ייִדישע ווערטן. ער איז גיך אַריבער צו ליטעראַטור־קריטיק. דורך אָט דעם מיטל האָט ער טאַקע אַרײַנגעבראַכט פרישע טענער און נײַע פאַרבן

אין דער ליטעראַטור. ניגער איז צוגעגאַנגען צו אַ ווערק מיטן גרעסטן יראת־הכבוד, מיט דער טיפסטער פאַרשטענדעניש סײַ פאַרן שרײַבער, סײַ פאַר זײַן שאַפונג. ער איז אַרײַנגעדרונגען אינעם קינסטלערס געפילן־וועלט און האָט אַרויסבאַקומען פון דאָרטן די דינסטע שטריכן פון זײַן נשמה, דעם תמצית פון זײַן קרעאַטיוויקײַט. ער האָט נאָכגעפאָלגט יעדן טראָט פון שרײַבער. ס'איז געווען גענוג, ער זאָל באַמערקן אַ קינסטלערישן ניצוץ אין אַ דערציילונג, אין אַ ליד, ער זאָל זיך אָפּשטעלן אויף דעם, ער האָט דעמאָלט אָנגעוויזן אויף די פּאָטענציעלע כוחות, וואָס דרימלען אין זיי . . .

ש. ניגער האַלט אַז קלאָרקייט אין קונסט איז אַ מעלה, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען זי איז אַ מיטל אויפצודעקן עפּעס פאַרבאָרגנס. ער האָט געשעצט די קינסטלערישע קלאָרקייט, וואָס רופט אַרויס אין אים אַן אַנטציקונג: „אָ, איך האָב עס פריער ניט געזען! דאָס וואָס מיר זעען אַליין אין לעבן זוכן מיר ניט אין ליטעראַטור. מיר פאַרלאַנגען פון קינסטלער, ער זאָל מאַכן פון לעבן ניט ווידער אַמאָל — „לעבן", נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער, און אַנדערש ווי די געוויינטלעכעווירקלעכקײַט. מיר פאָדערן פון קינסטלער דעם אָריגינאַל, ניט קיין קאָפּיע" . . . (דערציילונגען און ראָמאַניסטן).

פונקט ווי ש. ניגער האָט געקנעלט מיט די מחברים צו שרײַבן שיין, עכט און קינסטלעריש, אַזוי האָט ער אויך געלערנט דעם לייענער זיך פונאַנדערקלײַבן צווישן קונסט און איר היפוך. זײַן ליטעראַטור־קריטיק איז געוואָרן, אויב מען וויל, אַ שול הן פאַרן שרײַבער, הן פאַרן לייענער.

ש. ניגער איז געווען אַ מאמין אין אונדזער לשון, אָבער ער נעגירט ניט קעגן עברית, פאַרקערט, ער ברענגט פיל ראיות פון אונדזער אַלטער (העברעישער) ליטעראַטור, וואו ער באַווײַזט, אַז צוויי שפּראַכיקייט בײַ יידן איז אַ טראַדיציע פון קדמונים. ער האַלט ווי ח. נ. ביאַליק, אַז אונדזערע ביידע שוועסטער־שפּראַכן, העברעיש און יידיש זײַנען אַ זיווג מן השמים!...

***

דר. אליהו שולמאַן עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער האָט רעפערירט אַ פּאָר מאָל בײַם ייוואָ־פאָרום אויף ליטעראַרישע טעמעס און האָט אַרויסגערופן גרויסן אינטערעס מיט זײַנע מסקנות. דר. שולמאַן שטאַמט פון סלוצק, ווײַס־רוסלאַנד. ער האָט געלערנט אין אַ חדר־מתוקן, אין אַ רוסישער גימנאַזיע און אויף די אָוונט־קורסן פון תרבות. ער האָט אימיגרירט

קיין אַמעריקע אין 1922. ער האָט געענדיקט אין ניו־יאָרק אַ מיטלשול און דעם שטאַטישן אוניווערסיטעט. אין 1935־36 ווערט ער אַן אַספּיראַנט אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ) אין ווילנע, וואו ער האָט אונטער דער השגחה פון מאַקס ווײַנרײַך אָנגעשריבן זײַן „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״.

דר. שולמאַן האָט אין 43־טן יאָר געלערנט העכערע יודאַיסטישע וויסנשאַפטן אין דער דראָפּסי הויכשול, וואו ער האָט באַקומען זײַן דאָקטאָראַט פאַר זײַן דיסערטאַציע „געשיכטע פון יידישער דערציונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד״, אַרױסגעגעבן אין בוך־פאָרעם פון בראַנדײַס־אוניווערסיטעט אין 1971 (ענגליש).

ער האָט דעביוטירט אין 1931 אין „די פרײַע אַרבעטער שטימע״, און זײַט דעמאָלט האָט ער פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען און שטודיעס אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, „ייִוואָ־בלעטער״, „צוקונפט״, „אונדזער צײַט״, „קולטור און לעבן״, „די גאָלדענע קייט״ און „בײַ זיך״ וואו ער האָט אָפּ־געדרוקט אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע „אַברהם רייזען ווי אַ רעדאַקטאָר״. ער האָט געשריבן שטודיעס „צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע״. ער האָט מיטגעאַרבעט אין „זאַמלבוך לכבוד דעם 200 און פופציקסטן יובל פון דער יידישער פּרעסע״, אין שטיינבערגס, ש. ביקלס און אַברהם גאָלאָמבס יובל־ביכער, אין „פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע״, און אין אַ צאָל אַנדערע ענלעכע אויסגאַבעס. ער האָט אָנגעשריבן אַ היפּש ביסל ביאָגראַפיעס פון יידישע שרײַבער פאַרן „לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור״, און פאַר דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ״.

דר. שולמאַן איז פון 1971 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, וואו ער פאַרעפנטלעכט ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען יעדן זונטיק. זײַט 1977 שרײַבט ער דעם יערלעכן איבערבליק איבער נײַע יידישע ביכער אין יאָרבוך פון דער ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ. אַ טייל פון זײַנע אַרבעטן אין די צײַט־שריפטן און פון די זאַמל־ביכער, האָט ער אָפּגעדרוקט אין זײַנע ביכער: „יונג־ווילנע״ (1946), „ישראל צינבערג״ (1971), „די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור״ (1971), „פּאָרטרעטן און עטיודן״ (1979). אין זעלביקן יאָר האָט ער באַקומען די „אַטראַן־פּרעמיע״ פאַר זײַנע שעפערישע דער־גרייכונגען.

***

איציק מאַנגערס אויפטריט בײַם ייוואָ־פאָרום האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר דעם דיכטער. די ליבע צווישן אים און דאָס פאָלק איז אַלע מאָל געווען אַ קעגנזײַטיקע. ער האָט זיך דאָך שטענדיק אָפּגעגעבן מיט די פאָלקס־שאַפונגען, מיט זײַנע ווערטלעך און מעשיות, מיט זײַנע לידער און לעגענדעס. רעדנדיק בײַ אַ געלעגנהײַט וועגן יידישער פאָלקסשאַפונג, האָט מאַנגער געזאָגט: „ניטאָ קיין גרעסערער דיכטער בײַם יידישן פאָלק, ווי דאָס איז דאָס פאָלק אַליין".

איציק מאַנגער איז געבאָרן אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. אַ גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן זײַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אַליין גע־געבן אין אַ רעפעראַט וואָס ער האָט געהאַלטן בײַ זײַן זעכציקסטן יובל־באַנקעט אין ניו־יאָרק: „מײַן געמיט איז פון אָנהייב־אָן געווען פול מיט באַלאַדישע שאָטנס. איז דאָס אַ וואונדער? איך בין אויסגעוואַקסן אין אַ לאַנד פון קלאַסישן אַנטיסעמיטיזם. אין רומעניע האָבן די קירכן, די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע, געשאָטנט איבערן יידישן ישוב מיט סם און געפאַרן. פוילן, דאָס לאַנד וואו איך האָב געוואוינט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דאָס שאָטנדיקע נאָך מער פאַרשאָטנט. הינטער יעדן ייד אין פוילן האָבן זיך געצייכנט צווי שאָטנס: איינער, דער דערשראָקענער שאָטן פונעם ייד גופא און דער צווייטער — אַ שאָטן אַ פרעמדער מיט אַ מעסער צווישן די ציין".

„אָט די אַלע שאָטנס, וועלכע האָבן אַרײַנגעשאָטנט אין מײַן יידישן געמיט, האָב איך געפּרוווט לײַטערן אין מײַן באַלאַדע און דאָס באַלאַדישע אין מיר און אַרום מיר פאַרוואַנדלט אין מוזיק".

„נאָר וועגן איין עפּיזאָד וויל איך דערציילן אַ ביסל אויספירלעכער, ווײַל ער האָט געהאָט אויף מיר אַ דעצידירנדיקע ווירקונג און האָט ערגעץ־וואו באַלאַנסירט דאָס שאָטנדיקע און באַלאַדישע אין מײַן שאַפן".

„איינמאָל בין איך געזעסן שפּעט בײַנאַכט אין אַ בוקאַרעשטער קרעטשמע. מיט מיר איז געווען אַ גאַסט פון בערלין, דר. ישראל רובין. נאָך מיטנאַכט איז אַרײַנגעפאַלן אַן אַלטער מאַן פון אַרום זיבעציק. ער איז געווען גוט בגילופין. דאָס איז געווען דער לעצטער פון די „בראָדער זינגער" — דער אַלטער לודוויק".

„מיר האָבן אים פאַרבעטן צו אונדזער טיש. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גרויס גלאָז ווײַן, געמאַכט אַ מין פאַריידישטן קידוש און באַלד אָנגעהויבן זינגען פון זײַן בראָדער רעפּערטואַר. ווען ער האָט פאַרענדיקט זינגען וועלוול

זבאַרזשערס ליד „דער מצבה־שלעגער״, האָט ער אימפּראָוויזירט אַן אייגענע סטראָפע . . .

ס׳איז אים, מאַנגערן, ליכטיק געוואָרן אין די אויגן! „אָט דאָס איז עס!״ האָט ער געזאָגט צו זיך.

די געשטאַלטן פון די „בראָדער זינגער״ האָבן אויפגעליכטיקט אין זײַן דמיון. אַלע בדחנים, גראַמען־מאַכערס און פּורים־שפּילערס, וועלכע האָבן פאַרוויילט דורות יידן, זײַנען געוואָרן לעבעדיק פאַר אים. ער האָט געוואָלט ווערן איינער פון זיי! דאָס וואָס זיי האָבן געשאַפן, איז אפשר געווען פּרימיטיוו, אוודאי ניט קיין געהויבענע פּאָעזיע, אָבער זיי אַליין זײַנען געווען, אין מאַנגערס אויגן, פּ אָ ע ז י ע!

ער האָט זיך דערמאָנט אין די פאָלקסלידער, וואָס ער האָט געהערט אין זײַן טאַטנס וואַרשטאַט. ס׳אַראַ אַרגיע פון פאַרב און קלאַנג! אַ ירושה, וואָס איז געווען פאַרוואַרלאָזט, גאָלד האָט זיך געוואַלגערט, לפי זײַן מיינונג, אונטער די פיס . . .

מאַנגער האָט פאַרענדיקט דעם אויבן־דערמאָנטן רעפעראַט מיט אָט די ווערטער: דאָ, בײַ אײַך, אין אַמעריקע, האָט מען אַ פאַלשן באַגריף וועגן יידישן לעבן אין מזרח־איראָפּע. דאָ מיינט מען, אַז אַלץ איז דאָרט געווען ישיבה־און־תורה יידישקייט, אָבער וואָס איז דער אמת? אין יעדן שטעטל איז געווען איין רב און הונדערט פּורים־שפּילערס. דאָ, אין אַמעריקע, האָבן מיר אין יעדער שטאָט הונדערטער ראַבאַיס און אַפילו ניט קיין א י י ן פּורים־שפּילער . . . מאַכט ניט אָוועק דעם פּורים־שפּילער מיט דער האַנט. אין זײַן זכות האָב איך אָנגעשריבן די „חומש־לידער״ און די „מגילה־לידער״ . . .

מאַנגער האָט זיך פיל אָנגעמאַטערט און איז אויסגעשטאַנען אַ סך צער, יסורים און באַליידיקונגען בעת דעם היטלער־חורבן. מיר דערוויסן זיך פון זײַנע צוויי בריוו צו יעקב גלאַטשטיינען, אַז ער האָט זיך נאָך פיל אומ־שלעפּעניש געפּונען אין פראַנקרײַך. נאַצי־דײַטשלאַנד איז שוין דעמאָלט גע־שטאַנען בײַ אירע טויערן. דער קראַנקער דיכטער האָט געוואָרט מ׳זאָל אים אַרויסראַטעווען. ער האָט זיך געריסן קיין ארץ ישראל. ענדלעך האָט ער זיך ווי ס׳איז דערשלעפּט קיין ענגלאַנד, אויסגעשעפּט ביז צום דנאָ, צעטומלט פון אייגענע און פרעמדע צרות. אין זײַנע שלאָפלאָזע נעכט זעט ער געטוהען מיט אַ „קומיקניפּעל״ אין האַנט, קאַנטן אין אַן עס־עס מונדיר, פאַסטן מיט אַ סוואַסטיקאַ אויפן רעכטן אָרעם . . .

מאַנגער האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט זײַן ציל! נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעוואָלגערט יאָרן אין דער פרעמד, איז ער געפאָרן זיך „וואָלגערן״ אין דער היים. ער וועט ניט קושן איר שטויב, כאָטש זײַן האַרץ איז פול מיט ליבֿ, געזאַנג און געוויין. וואָרן ער, דער דיכטער, איז איר שטויב, איז ווי קושט מען עס זיך אַליין?

*****

איציק מאַנגער

לאָמיר־זשע זינגען

לאָמיר זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ, וואָס איז היימיש, ליב און טײַער:
פון אַלטע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פּראָסט
און פון מאַמעס, וואָס בענטשן דאָס פײַער.

פון אָרעמע כלות, וואָס שטייען מיט ליכט
פאַר בלינדע שפּיגלען שפּעט בײַנאַכט,
און יעדע זוכט דאָס נאָענטע געזיכט,
וואָס האָט איר ליבע אויסגעלאַכט.

פון גורל־וואַרפער, וואָס רעדן פאַרשטעלט
און נאַרן די לעצטע גראָשנס אויס
בײַ עגונות, וואָס שעלטן די וועלט,
און גייען דורך הינטערטירן אַרויס.

פון דינסטן, וואָס האָרעווען ביטער־שווער
און באַהאַלטן דעם בעסטן ביסן
פאַר די זעלנער, וואָס קומען בײַנאַכט,
די באַלעבאַטים זאָלן ניט וויסן.

לאָמיר־זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פֿון אַלץ, וואָס איז היימיש, ליב און טײַער:
פֿון אָרעמע מאַמעס, וואָס שעלטן דעם פּראָסט
און פֿון בעטלערס, וואָס בענטשן דאָס פֿײַער.

פֿון קאַטערינקעס, וואָס סקריפּען שווער
פֿרײַטיק בײַטאָג אין אָרעמע הויפֿן,
פֿון גנבים, וואָס האָבן פֿאַרפּאַסט,
און מוזן איבער די דעכער אַנטלויפֿן.

פֿון שמאַטע־קלויבער, וואָס גראַבלען אין מיסט,
און מיינען: זיי וועלן אַן אוצר געפֿינען,
פֿון דיכטער, וואָס האָבן געגלויבט אומזיסט
די שטערן — און זענען אַראָפּ פֿון זינען.

***

הירש אַשעראָוויטש באַגאַבטער דיכטער פֿון ווילנע, וואָס האָט זיך נאָך פֿיל לײַדן און נע־ונד באַזעצט אין מדינת ישראל, איז געווען דער גאַסט בײַם היגן ייִוואָ־פֿאָרום זײַן רעפֿעראַט וועגן „דער לאַגע פֿון די סאָוועטישע ייִדן" האָט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט און עמאָציאָנעל גערירט דעם גרויסן עולם . . .

ה. אַשעראָוויטשעס בוך „בײַם עץ־הדעת" גיט טיילווײַז אַ שליסל צו זײַן דיכטערישע פּערזענלעכקײַט. דער קריטיקער ד. וואָלפּע גיט אָט די כאַראַקטעריסטיק וועגן זײַן אָרט שאַפֿן: „ . . . מיט אַ בלינצל חכמה, מיט אַ שמיצל אומעט, מיט אַ שפּריצל פֿרייד און אַנדערע שכלדיקע בשׂמים, וואָס ווערן אינטעגרירט אין אַ קאָנדעסירט־געפּרעסטן שטח פֿון געציילטע ווייניקע סטראָפֿעס — דער סך־הכל: גענישפּולע און וויסנרײַכע לידער" (גאָלדענע קייט 109).

הגם „דעת — וויסן" איז איינער פֿון די הויפּט עלעמענטן פֿון זײַן ליד, וואָס איז מיט אַנדערע ווערטער — די קרוין פֿון בן־אדם, האַלט דער דיכטער, אַז:

„צוויי לאַפּיטוטן האָבן זיך אין אונדז באַזעצט,
וואָס יעדערער טוט אויף דאָס זײַניקע באַשטיין
און ס׳ביסל, וואָס נאָך געטלעך איז אין אונדז, פאַרגעצט...

און ווײַטער זאָגט דער דיכטער:

מיר זײַנען זין פון אַ זיך וואַקלענדיקער וועלט.
מיר זײַנען זין פון אַ פאַרבײַפליאיקער צײַט.
און כאָטש ס׳איז שוין פון שטיין אַצינד אונדזער געצעלט.
איז אונדזער שוץ אין דעם ווי הינטער פאַרהענגלעך פון זייד...

איינפאַכער גערעדט: הגם דער בן־אדם האָט שכל און פאַרשטאַנד, איז ער ניט דער באַלעבאָס איבער זיך אַליין, און דער דיכטער פרעגט איראָניש:

וואו זיינען געבליבן דײַנע געטער,
וואָס פאַר זיי האָסטו פאַרטריבן גאָט?"

און ווײַטער זאָגט דער דיכטער:

„וואויל איז דעם וואָס פרײַנדלט זיך מיט חרטה.
אַ נשמה מוז געוואַשן ווערן
(גרעסטער צדיק איז דערפון ניט פּטור)
צו דעם חטא־הקדמון מיר געהערן.
וואַשן מיר און וואַשן דאָס געוויסן,
זויבערן די אײַנגעפלעקטע מידות,
מיט צונויפגעטשאָבעטע נשמה־ריסן
מאַכט מען זיך פאַר העלדן פון מרידות...

***

פעסיע פאַמעראַנץ־האַניקבוים האָט זיך געפונען די לעצטע יאָרן פון איר לעבן אין דער עיר הבירה. זי איז געווען אַקטיוו אין יידישע קולטור־קרײַזן, באַזונדערס טאָקע אין דער ייוואָ־געזעלשאַפט, וואָס איר מאַן, משה האַניקבוים, איז געווען איר גרינדער און אַ צײַט, איר אָנפירער. איר היים איז געוואָרן אַ „בית־ועד לחכמים" פאַר יידישע שרײַבער און קינסטלער, פונקט ווי אַמאָל אין שיקאַגע, וואו זי האָט יאָרן־לאַנג געלעבט. זי האָט זיך באַצויגן צו זיי ווי אַ „מאַמע און אַ שוועסטער", ווי ס׳זינגט זיך אין

ביאַליקס ליד. אין אירע פינף לידער־זאַמלונגען, וואָס זי האָט באַוויזן אַרויס־צוגעבן, שפּיגלט זיך אָפּ אָט דער סענטימענט. איר טעמאַטיק איז, דרך אגב, פאַרשידנאַרטיק. פיל לידער זײַנען דורכגענומען מיט צער און טרויער אויפן גורל פון יידיש. דאָך טליעט ביי איר דער יידישער בטחון. זי טרוימט: „כאָטש עס ווערט שיטערער אונדזער יידיש־וואַלד. נאָר אייביק וועט דאָך לעבן די גבורה פונעם דעמב; דער אַראָמאַט פון דער סאָסנע, די גרינקײַט פון טאָפּאָל, און דער פלאַטער פון די בלעטער — דער גײַסט פון הויכן קלעטער . . .״

פּעסיע, ווי אַלע האָבן זי גערופן מיט ליבשאַפט, האָט געשטאַמט פון קאַמענאָבראָד. איר פאָטער, אַ משכיל, איז געווען פון פאַך אַ גראַווירער, הגם ווײַט פון אַ גביר. האָט ער געהאַלטן פאַר זײַנע קינדער פריוואַטע לערער אין העברעיש און רוסיש. זי איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1913. זי האָט דעביוטירט מיט אַ ליד פינף יאָר שפּעטער. אין 1926 האָט זי אַרויסגעגעבן איר ערשטע לידער־זאַמלונג „קאַרעלן״. אין 1939 איז דער־שינען איר צווייט בוך לידער „רויטער טוי״, „געקליבענע לידער״ (1931), „רגעס פון גענאָד״ (1957).

***

פּעסיע־הערשפעלד־פּאַמעראַנץ

געביין פון מיינע עלטער־זיידעס

דאָס נײַע מעבל אין מײַן וווינונג
האָט אַ שלאָג געטאָן אויף מיר מיט בלאָנדקײַט,
מיט זוניקע פרימאָרגנס,
מיט הונדערט־יאָריק וואַלדיק לעבן.

איך גלעט דעם טיש, דעם פּשוטן און גלאַטן,
מיר דוכט ער רעדט צו מיר:
אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר —
פאַרוואַנדשאַפט פון דײַנע עלטער־עלטער זיידעס.

נאָך דאָן,
ווען כ׳האָב געלעבט מײַן וואַלדיק לעבן,
האָב איך דורך מײַנע וואָרצלען
אַרײַנגעזויגן דאָס געביין
פון דײַנע עלטער־עלטער־זיידעס.
אָ, היט מיך אָפּ.
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר.

איך שטיי פאַרשטומט,
מיט וווּנדער אין מײַן האַרצן,
און גלעט מיט ליבשאַפט
דעם גלאַטן, בלאַנדן טיש.

(פון בוך: „רגעס פון געןאָד״)

***

שלמה בערקאָוויטש איז געווען זייער אַקטיוו אין ייוואָ־קאָמיטעט. זײַן אַרבעט האָט אינספּירירט אַנדערע. עס געדענקט זיך ווי אין די פופציקער יאָרן איז זײַן נאָמען געווען אויף „אַלעמענס״ ליפּן. ער איז געבאָרן אין פּערעיאַסלעוו, אוקראַינע. ער איז געקומען קיין קאַנאַדע אין 1903. די די ערשטע יאָרן איז ער געווען אין שנײַדער־פאַך און אַ מיטגרינדער פון דער שנײַדער־יוניאָן געווען אַ מיטגליד פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. שאַפער פון דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער שול אין מאָנטרעאַל (1910).

ש. בערקאָוויטש איז געווען לערער פון די אַרבעטער־רינג שולן אין פאַרשידענע שטעט, מיטגרינדער פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט אין ניו־יאָרק (1923), אָנגעפירט מיטן ש״ע פאָלק־אינסטיטוט אין דעטרויט. ער האָט לאַנגע יאָרן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן שול־פּראָבלעמען און זכרונות וועגן יידישע פּערזענלעכקייטן אין כמעט אַלע שול־אויסגאַבעס פון אונדזער לאַנד און קאַנאַדע. צוזאַמען מיט יודל מאַרק האָט ער רעדאַקטירט דעם „שול־פּנקס לכבוד צוואַנציק יאָר ש״ע פאָלק־אינסטיטוט״ (שיקאַגע 1948). ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט „סתירות צווישן טעאָריע און פּראַקטיק אין אונדזער יידישער שול״.

ש. בערקאָוויטש האָט די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געוואוינט אין לאָס־אַנדזשעלעס און איז דאָרטן נפטר געוואָרן.

אברהם שולמאַן עסייאיסט און אינטערעסאַנטער לעקטאָר איז אַ פּאָר מאָל געווען דער גאַסט בײַם ייוואָ־פּאָרום. ער איז געבאָרן אין וואַרשע. ער האָט דאָרטן געענדיקט אַ גימנאַזיע און האָט שטודירט אין דער זשורנאַליסטן־שול, האָט מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פּרעסע, וואו ער האָט געדרוקט באַריכטן און פעליעטאָנען.

בײַם אויסברוך פון קריג איז שולמאַן אַנטלאָפן פון וואַרשע און איז אין 40־טן יאָר אָנגעקומען קיין מעלבורן, אויסטראַליע. דאָרטן האָט ער רעדאַקטירט די חודש־שריפט „אויפבוי" און מיטרעדאַקטירט דעם זשורנאַל „צושטײַער". פון 1950־1960 האָט ער געלעבט אין פּאַריז. ער האָט דעמאָלט געשריבן פאַר דער טאָג־צײַטונג „אונדזער שטימע" אַרטיקלען און הומאָרעסקעס. אין 1954 איז ער געוואָרן דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", מיט זיבן יאָר שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און איז ביז הײַנט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך מיט טאָג־נײַעס און אַרטיקלען. ער פירט אויך אָן מיט דער הומאָריסטישער זײַט „דאָס שטיפקינד" אונטער דעם פעדער־נאָמען „אַברהמטשע".

שולמאַנס פעליעטאָנען זײַנען איבערזעצט געוואָרן אויף ענגליש און זײַנען אַרויס אין בוך־פאָרעם אונטערן נאָמען: „דערפאַרונגען פון אַ יידישן לעקטאָר (1980). ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן: „דאָס בינטל בריוו". ער האָט באַאַרבעט אָסיפּ דימאָווס דראַמע „בראָנקס עקספּרעס", און האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער „געלעכטער אין דער נאַכט" (פּאַריז, 1953), „צווישן שוואַרץ און ווײַס" (פּאַריז, 1955). אַ חוץ מיטן פריער דערמאָנטן נאָמען באַנוצט זיך שולמאַן מיט די פאָלגנדיקע פּסעוודאָנימען: א. יאַקובזאָן, אידעם, א. ראַווידאָוויטש און בן־יעקב.

***

מרדכי חלמיש — עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז אַ תּושב אין ישראל איז, פאַרשטייט זיך, אַ זעלטענער גאַסט בײַם היגן ייוואָ־פּאָרום. ער איז אויפגעטראָטן אין 1982 מיט אַ רעפעראַט: „חסידות און פאָלקלאָר אין דער יידישער ליטעראַטור" און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

מרדכי חלמיש האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרבעטן וועגן יידישע שרײַבער,

באַזונדערס איז כדאַי צו דערמאָנען זײַנע עסייען: „די שרײַבערישע שליחות פון יהודה עלבערג", „דער ראָמאַנטישער רעאַליזם פון יעקב זיפּער", „פּאַטעטיק און דערציילערין רחל קאָרן" און „די מיסטעריע פון חוה ראָזענפּאַרב".

**

דר. גרשון ווײַנער איז געווען דער גאַסט־רעדנער בײַם 1965 ייוואָ־באַנקעט. ער האָט אויך רעפערירט אין יענעם ווינטער־סעזאָן צוויי מאָל: וועגן „דעם מאָדערנעם יידנס צוגאַנג צו דער תורה" און וועגן „די גײַסטיקע ווערטן פון דער יידישער ליטעראַטור". אין 69־טן יאָר איז זײַן רעפעראַט געווען: „צום זעכציק־יאָריקן יובל פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ", אין 72־טן — וועגן „די סאָציאַלע פּראָבלעמען אין ישראל — אַשכנזים און ספרדים" און אין 86־טן: „וואָס די העברעישע שפּראַך און ליטעראַטור קאָן לערנען פון יידיש".

דר. גרשון ווײַנער איז געבאָרן אין ווילנע און איז דערצויגן געוואָרן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. ער האָט געקראָגן סמיכה אויף רבנות אין שעכטערס בית מדרש לרבנים (ניו־יאָרק). ער האָט שטודירט אין די ישיבה און קאָלאָמביע, אוניווערסיטעטן און האָט באַקומען זײַן דאָקטאָראַט פון דער מישיגען שטאַט־הויכשול.

דר. ג. ווײַנער האָט פאַרנומען רבנות־שטעלעס אין גרענד רעפּידס, מיש. און אין ניו־יאָרק. עלף יאָר איז ער געווען דעקאַן פון יידישן לערער־סעמינאַר און פון פאָלקס־אוניווערסיטעט, פּאַראייניקט מיטן בית־מדרש למורים — הרצליה (ניו־יאָרק).

זינט 1970 געפינט ער זיך אין ירושלים, וואו ער איז שטאַרק אַקטועל אין די אינטעלעקטועלע קרײַזן. ער איז דער גרינדער (1982) און פּראָפעסאָר פון דער יידיש־קאַטעדרע אויפן נאָמען פון „רינאַ־קאָסטאַ" אין בר־אילן אוניווערסיטעט.

דר. ג. ווײַנער איז געווען פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון „גרויסן יידישן ווערטערבוך", און סעקרעטאַר פון „הקדמיה של הלשון העברית" (מדינת ישראל). ער איז דער מחבר פון אַן ענגלישן בוך: „די

גרינדער פון מדינת ישראל״. ער האָט פאַרעפנטלעכט עסייען אין יידיש, העברעיש און ענגליש אין פאַרשידענע זשורנאַלן.

*****

יצחק נאַטורמאַן באַלאַנגט שוין יאָרן־לאַנג צום ייוואָ־קאָמיטעט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַ סך אָרגאַניזאַציאָנעלע טואונגען, באַזונדערס אינעם פאַרקויף פון בילעטן. ער שטאַמט פון וואַרשע. האָט דאָרטן געלערנט אין חדרים. ער איז געקומען אין 1952 קיין אַמעריקע. זיך באַזעצט מיט אַ יאָרצענדליק צוריק אין מיאַמי־ביטש.

נאַטורמאַן געהערט צו די שטילע, באַשיידענע טוערס, וועלכע טוען זייער אַרבעט ניט זוכענדיק קיין פירסום. לײדער, איז ער לעצטנס ניט בײַם בעסטן געזונט, און ער קען זיך ניט באַטייליקן אין אַקטיווער אַרבעט.

די

גיטל קאַהן

פעריאָדע

גיטל קאַהן

פראָפ. אַרטור לערמער איז אַ נאָענטער און פאַראינטערעסירטער מיטאַרבעטער פון היגן ייווא־קאָמיטעט. ניט געקוקט אויף זײַן פאַרנומענקייט העלפט ער אַרויס, ווי ס׳ווערטל גייט, „מיט ראַט־און־טאַט״. דאָס איז טאַקע געווען זײַן אידייע אַרויסצוגעבן דעם „געדענק־בוך״ לכבוד דער פערציק־יאָריקער עקזיסטענץ פון דער ייווא־געזעלשאַפט אין מיאַמי. פראָפ. לערמער באַשײַנט די ייווא־פּלאַטפאָרמע זײַט 1977. זײַנע לעקציעס זײַנען באַלערנדיקע, פילזײַטיק און סטימולירנדיק.

פראָפ. לערמער שטאַמט פון קראָקע, פוילן, ער איז אַ געענדיקטער פון ווילנער לערער־סעמינאַר, דערנאָך שטודירט עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין דער „פרײַער פוילישער וושעכניצע״ אין וואַרשע. ער איז אייניקע יאָרן געווען לערער אין די „צישאָ־שולן״. ער איז געווען אַקטיוו אין „בונד״, „קולטור־ליגע״ און אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ער איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן פון לאָדזשער שטאָטראַט אַלס ראַטמאַן. בעת נאַצי־דײַטשלאַנד האָט פאַרנומען פוילן, איז ער אַוועק קיין ווילנע און איז פון דאָרטן איבער יאַפּאַן געקומען קיין קאַנאַדע.

פראָפ. לערמער איז געוואָרן איינער פון די אַקטיוויסטע און אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן אין יידישן, און ניט נאָר אין יידישן לעבן, פון נײַעם לאַנד: ער איז אַ מיטגליד פון וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד״, איז טעטיק אין אַרבעטער־רינג, יידישן וועלט־קאָנגרעס, קולטור־קאָנגרעס, עקזעקוטיוו־מיטגליד פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, מיטגרינדער, און שפּעטער נאַציאָנאַלער פאָרזיצער פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש. אין שײַכות מיט דער פײַערונג פון הונדערט יאָר קאַנאַדער אומאָפּהענגיקייט, האָט פראָפ. לערמער באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל און אַן אויסצייכענונג פאַר זײַן וויכטיקן בײַטראָג אין קאַנאַדער אַנטוויקלונג. ער איז געווען „דין״ און לעקטאָר איבער עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין „סער דזשאָרדזש וויליאַמס־אוניווערסיטעט״, אין מאָנטרעאַל, און אַ וויזיט־פּראָפעסאָר אין „עם.איי.טי.״ אין „קעמברידזש און מעקגיל״, אין פראַנצויזישן פילאָסאָפישן אינסטיטוט, אין מאָנטרעאַל און פון „מאַטאַ־אינסטיטוט״ אין איטאַליע. ער איז אַרומגעפאָרן איבער אויסטראַליע מיט רעפעראַטן וועגן יידישע פּראָבלעמען און וועגן יידיש־ליטעראַרישע ענינים, אַראַנזשירט פון דער דאָרטיקער „קדימה״ געזעלשאַפט.

„און אַט אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן", שרײַבט מ. ראַוויטש אין זײַן „לעקסיקאָן", „אַז אַ פּראָפעסאָר פון אַ גרויסער אוניווערסיטעט אין דער מעטראָפּאָליע פון קאַנאַדע־מאָנטרעאָל — זאָל ווערן ידישיסט נומער איינס, אָבער ניט ידישיסטיש־נאַציאָנאַליסט, ניט שאָוויניסטיש, אַ קולטור־מענטש, וואָס באַלאַנגט צו אַ פאָלק מיט אַן אוראַלטער נאַציאָנאַלער געשיכטע, וועלכע האָט געהאַט אַ השפעה אויף אַלע פעלקער פון כדור־הארץ". און מ. ראַוויטש שרײַבט ווײַטער: לויט ענייוות־דעתי האָט אַ. לערמער, דער אידעאַלער מענטש אין דער סאָציאָלאָגיע דרײַ מדרגות, דרײַ אַטריבוטן: ער איז אַ קינד פון זײַן פאָלק, דורכגעדרונגען מיט זײַן קולטור, וואָס ער וויל זי ממשיך זײַן; ער איז אַ געטרײַער בירגער פון דער מלוכה, וואו ער וואוינט; ער איז אַ מענטשלעכער מענטש! און ראַוויטש סומירט: „אייגנטלעך וואָלט דער דריטער אַטריבוט געדאַרפט שטיין אויפן ערשטן אָרט, מחמת מענטשלעכער מענטש שליסט אײַן אין זיך אינטעגראַל אַלע אַטריבוטן צוזאַמען.

ווי ערנסט עס באַציען זיך צו פּראָפ. לערמער די אַקאַדעמישע קרײַזן פון דער הויכשול, וואו ער איז לעקטאָר — זאָל דינען דער פאַקט, וואָס מ'האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען אַ האַלב יאָר, אַלס פאָרשער און לערער אויפן סאָציאָלאָגישן פאַקולטעט אין דער עלטסטער אוניווערסיטעט אין אייראָפּע, איטאַליע. און מ. ראַוויטש דריקט אויס זײַן האָפנונג, אַז פּראָפ. אַרטור לערמער וועט געלינגען צו געפינען דאָרטן די מיסטעריעזע שליסעלעך צו די קעסטעלעך, וואו ס'ליגן באַהאַלטן די סודות פון די רעצעפּטן בעסער צו מאַכן די נשמה פונעם מענטש־יחיד, וואָס דאָס איז דער עיקר און ממילא העלפן די מענטשהײַט ווי אַ ציבור . . .

און ראַוויטש דערמאָנט זײַן חשובן פרײַנד און קאָלעגע, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אין די טעג פון דער טשערנאָוויצער ידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. און אויך אויף דעם געביט האָט ער אַ שליחות! מיט אַט די ווערטער פאַרענדיקט ראַוויטש זײַן באַגייסטערטן לערמער־אַרטיקל.

דעם אַרטיקל האָט ראַוויטש געשריבן אין 1970. אין משך פון די אָפּגעלאָפענע זעכצן יאָר, האָט פּראָפ. לערמער באַוויזן ניט נאָר צו דערפילן דעם שרײַבערס האָפענונג, נײַערט צו ווערן איינער פון די אָנגעזעענסטע אָפּיציאָזן פון דער ידישיסטישער אידייען־וועלט.

**
*

דר. פיליפ פרידמאַן איז געווען דער גאַסט־רעדנער ביים ייוואָ־באַנקעט אין יאָר 1959. ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „יידישע נעמען אין דער היסטאָרישער פערספעקטיוו". עס האָבן אים דעמאָלט באַגריסט די שריפטשטעלער — מענדל מאַן, לייב פיינבערג און ברוך שעפנער. דר. פרידמאַן איז נאָך צוויי מאָל אויפגעטראָטן מיט לעקציעס ביים פאָרום אויף דער פאָלגנדיקער טעמאַטיק: „קריסטן, וואָס האָבן גע־ראַטעוועט יידן פון נאַציס". און „די כוזרים און דער אויפקום פון מזרח־איראָפעישן יידנטום".

***

רחל קאָרן איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביים ייוואָ־פאָרום, ווי בכלל אין דער עיר הבירה, ח' ליסאָוואָדער האָט שוין געהאַט אַ „חזקה" אויפן גאַסט, און נאָר ביי אים פלעגט זי איינשטיין בעת איר אויפהאַלט אין מיאַמי.

רחל קאָרן שטאַמט פון אַ דאָרף אין גאַליציע. זי איז געבליבן יונג אַ יתומה נאָכן פאָטער, אַ שרייבער, וואָס האָט געשריבן העברעישע עסייען וועגן פילאָסאָפישע פראָבלעמען. די ערשטע יאָרן האָט דאָס מיידל געלערנט ביים דאָרפישן לערער אין דער פוילישער שפּראַך, שפּעטער אין דער פּראָוויזאָרישער גימנאַזיע אין מאַזשייסק. די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי איבערגעלעבט מיט דער מוטער, ווי פּליטים, אין ווין. אין 1918 האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין שטעטל. ווען די נאַציס האָבן פאַרנומען דעם געגנט, זיינען זיי אַנטלאָפן קיין לעמבערג, פון דאָרטן קיין קיעוו, דערנאָך איז געגאַנגען זייער וואַנדער־וועג קיין טאַשקענט און מאָסקווע (1944־1946), פון דאָרטן קיין לאָדזש, פוילן, וואו רחל קאָרן ווערט אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון באַנייטן יידישן שרייבער־פאַראיין און אַ דעלעגאַט צום פּען־קאָנגרעס אין שטאָקהאָלם, שוועדן, און זייט 1948 איז זי אַ שטענדיקע איינוואוינערין אין מאָנטרעאָל.

רחל קאָרן האָט אָנגעהויבן איר ליטעראַרישן דעביוט מיט אַ ליד אין פּויליש און מיט אַ דערציילונג אין יידיש־פּוילישן „נאָווי דזשענניק" (1918). אין דעם זעלביקן יאָר מיט אַ שאָפונג „דער פידלער" אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט „גלאָס פּרזשעמיסקי". צוליב דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין נייעם פּוילן באַשליסט זי אינגאַנצן אַריבערצוגיין צו יידיש. איר ערשט יידיש ליד „וואו זיינען די שטאָלצע חלומות פון לעבן?" און אַנדערע לידער זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט.

רחל קאָרן האָט זיך באַרימט געמאַכט ווי אַ דיכטערין און אַ פּראָזע־קינסטלערין זינט 1923. אירע לידער אין זאַמלבוך „וואַרשעווער אַלמאַנאַך" האָבן באַוויזן איר אינערלעכע באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור, און געעפנט פאַר איר אַ טיר צו די וויכטיקסטע זשורנאַלן און אויסגאַבן אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט. אויף אירע שאַפונגען האָבן זיך אָפּגערופן — אַהרן ציטלין, יצחק באַשעוויס־זינגער, א. אויערבאַך, דר. ש. ביקל, י. גלאַטשטיין, אליעזר וויזעל, ה. לייוויק, יעקב זיפּער און מלך ראַוויטש.

רחל קאָרנס לידער זיינען איבערזעצט אין העברעיש, פּויליש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש. זי האָט באַקומען פּרעמיעס אויפן נאָמען פון — ה. לייוויק, איציק מאַנגער, י. י. סיגאַל, חיים גרינבערג, יידישער ביכער־ראַט און פון יידישן קולטור־קאָנגרעס.

„ . . . שוין מיט אירע ערשטע לידער איז זי געווען אַ חידוש און אַ מחדש. זי איז געווען אַ נייע פּאָעטישע דערשיינונג און אין דער זעלביקער צייט, אַ באַנייערין אין דער יידישער ליריק. זי איז געקומען מיט אַ ניי וואָרט, מיט אַ נייעם ניגון, מיט נייע בילדער און שטימונגען. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זי מיטגעבראַכט אַ באַנייאונג אויפן געביט פון יידישן באַנעם פון דער נאַטור. אַ נייע אויסמעסטונג אין דער באַציונג צום פּאַסטאָראַלן פּייזאַזש, וואָס האָט זיך אויסגעזונגען מיט זיין גאַנצער פילפאַרביקייט אין אירע לידער . . ." (י. יאַנאַסאָוויטש).

***

דר. מרדכי שעכטער אַנגעזעענער פילאָלאָג איז געווען דער גאַסט־רעדנער ביים יערלעכן ייוואָ־באַנקעט אין 1977, און האָט געלאָזן אַ לאַנג־דויערנדיקן איינדרוק.

דר. מ. שעכטער שטאַמט פון אַ יידיש־וועלטלעכער משפחה. ביז 1940 איז ער געווען אַ שילער אין אַ רומענישער שול און גימנאַזיע. ער האָט געלערנט חומש און יידיש שרייבן ביי אַ פּריוואַטן לערער. סוף 1944 איז ער אַוועק קיין בוקאַרעשט, געמאַכט מאַטורע און שטודירט געאָגראַפיע אין בוקאַרעשטער אוניווערסיטעט. 1946־1945 געלערנט יידישע פילאָלאָגיע ביי חיים גינינגער. אין 1951־1947 איז ער געווען אין ווינער פּליטים־לאַגער. גלייכצייטיק האָט ער שטודירט פאַרגלייכיקע לינגוויסטיק אין דער ווינער

הויכשול, וואו ער האָט באַקומען אין 1951 זײַן דאָקטאָראַט. סוף 1951 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. אין די יאָרן 1958 / 1960 האָט ער געלערנט יידיש־קורסן אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר (נ. י.). אין 1960־1975 איז ער געוואָרן אַ יידיש־לערער, שפּעטער געהילף פּראָפּ. פון יידיש אין יידישן לערער־סעמינאַר (נ. י.). פון 1972 איז ער לעקטאָר פון יידישער שפּראַך און לינגוויסטיק־דעפּאַרטמענט פון קאָלומביע־אוניווערסיטעט. זינט 1951 איז ער אַקטיוו און אָנפירעריש אין „פריילאַנד־ליגע" (איצט יידיש ליגע). ער איז דער פּאַקטישער גרינדער פון „יוגנטרוף". ער איז זייער טעטיק בײַם העלפן דורכפירן דעם איינהייטלעכן יידישן אויסלייג. ער האָט אָנגעפירט דעם יידיש־רעדנדיקן קינדער־קלוב „ענגע־בענגע". ער האָט געהאָלפן שאַפן עטלעכע פונדאַציעס צו שטיצן יידיש און די יידישע קולטור.

דר. מ. שעכטער האָט דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל אין „אויפן שוועל" (1948) אויף שפּראַך־וויסנשאַפטלעכע טעמעס. געשריבן (1951) אין „יידישע שפּראַך". געדרוקט דער עיקר לינגוויסטישע שטודיעס אָבער אויך פּובליציסטיק, רעצענזיעס, מעמואַריסטיק, פאָלקלאָריסטיק אין „גאָלדענע קייט", „דווקא", „צוקונפט", „ייוואָ־בלעטער", „יוגנטרוף", „אלמאַנאַך יידיש". רעדאַקטירט „אויפן שוועל", „יידישע שפּראַך", „יידיש לעבן", מיטרעדאַקטירט „יצחק־נחמן שטיינבערג־בוך", מ. אַסטורס „געשיכטע פון דער פריילאַנד־ליגע" און פון „טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק".

***

שואל גוטמאַן, עסייאיסט, פּובליציסט און פּעדאַגאָג, שטאַמט פון אַ לומדיש־משכּילישער משפּחה אין שטעטל באַדזאַנאָוו (לעבן פלאָצק, פוילן), וואו ער האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע און וועלטלעכע בילדונג; ווי אַן עקסטערן האָט ער געלערנט אין וולאָצלאַוועק (פוילן). אין 1921 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, און דאָ האָט ער באַקומען זײַן העכערע בילדונג — יידישע און אַלגעמיינע — אין יידישן לערער־סעמינאַר (ניו־יאָרק), אין באָסטאָן־אוניווערסיטעט, אין „ניו־סקול פאַר סאָשעל־ריסוירטש" (אונטער דער השגחה פון פּראָפעסאָר האַראָס מ. קאַלען), אין האַרוואַרד און קאָלומביע־אוניווערסיטעט.

אין 1928 איז ער געוואָרן אַ לערער אין די שולן און מיטלשולן פון אַרבעטער־רינג. במשך די יאָרן 1944־1949 איז ער געווען דער עקזעקוטיוו־

דירעקטאָר פון דער טעריטאָריאַליסטישער „פריילאַנד־ליגע", און דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון איר שריפט „אויפן שוועל", אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יצחק נחמן שטיינבערג. אין זשורנאַל האָט ער פאַר־עפנטלעכט אַרטיקלען איבער יידישע און אַמעריקאַנישע פּראָבלעמען.

זינט זיינע סטודענטישע יאָרן איז גוטמאַן געווען אַקטיוו אין דער יידיש־אַמעריקאַנער קולטור־באַוועגונג ווי אַ לעקטאָר און שרייבער. פון 1949 ביז 1974 איז ער געווען דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט. אין דער דאָזיקער קאַפּאַציטעט האָט ער צוגעגרייט פּעדאַגאָגישע מאַטעריאַלן, געגרינדעט און געהאַט השגחה איבער די שלום־עליכם פאָלק־שולן; איז געווען דירעקטאָר פון דער שלום־עליכם מיטלשול; רעדאַגירט דעם יידיש־ענגלישן צוויי־חודשלעכן זשורנאַל „דרך". גלייכצייטיק איז גוטמאַן, פון 1950 ביז סוף 1978, געווען פּראָפעסאָר פון יידישער מחשבה און יידישער ליטעראַטור אין יידישן לערער־סעמינאַר־הרצליה, און אין דער גראַדויר־אָפּטיילונג.

שואל גוטמאַן איז דער מחבר פון אַ ריי ביכער אין יידיש און ענגליש איבער יידישער פּראָבלעמאַטיק, יידישע פילאָסאָפיע, פּאָעזיע און דערציאונג. פאַר זיין בוך „טראַדיציע און באַנייאונג" (דערשינען אין 1967) האָט ער באַקומען דעם „צבי קעסל־פּריז" אין מעקסיקאָ; אין 1972 איז דערשינען דאָס יידיש־ענגלישע בוך „דער דרך פון שלום עליכם אינסטיטוט" אַ היסטאָרישער איבערבליק פון 1913־1971; ער האָט אויך רעדאַגירט און זיך באַטייליקט אין די יאָרביכער פון שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט פאַר די יאָרן 1954, 1963 און 1968. אין 1976 איז דערשינען זיין ענגליש בוך „דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן", וואָס האָט אַרויסגערופן זייער אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין דער יידישער פּרעסע אויף יידיש און ענגליש אין אַמעריקע, ענגלאַנד און ישראל. „דאָס בוך רעפלעקטירט גוטמאַנס ברייטן וויסן און דערפאַרונג אין דער הומאַניס־טישער יידישער טראַדיציע . . . דער אינטערעסאַנטסטער טייל פון בוך (50 זייטן) איז זיין גוט־דאָקומענטירטער אַריינפיר, וואָס דריקט פּערפעקט אויס דעם גאַנצן הינטערגרונט פון דער יידישער מחשבה וואָס איז אַרויס פון געטאָ און איז געוואָרן טראַנספּערירט און פאַרטיפט אין דער הייסער אַטמאָספערע פון ניו־יאָרק. וועלטלעכקייט אין די דאָזיקע טערמינען איז נישט געגאַטיוו, נאָר אַן אַנטשלאָסנקייט אויסצודריקן אַ גלויבן אין יידישע ווערטן ווי עס איז אָנגענומען ביי אַ סך יידן אין ישראל" (חיים ראַפּאַעל אין „לאָנדאָן דזשואיש קראָניקל", דעצ. 1977). „דאָס בוך איז אַן אויסגעצייכנטער

אַרײַנפיר צו יידישער וועלטלעכקייט פון צוואַנציקסטן י. ה. מיט אַ תמציתדיקן אַרײַנפיר און אַן אַנטאָלאָגיע וואָס דעקט אַ העטעראָגענעם און קאָמפּליצירטן ענין... עס קאָנצענטרירט זיך אויף פיר ברייטע אינטערעסן: אוניווערסאַליזם און די יידישע ירושה; יידישקייט, נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע; ישראל און די תפוצות; שפּראַכן און ליטעראַטור... ס'איז פאַר יעדן איינעם וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע: צי קען אַ לעבנס־פעיקע און וויטאַלע יידישע קולטור עקסיסטירן אין די תפוצות, נייטיק ווי דאָס לעבן" (דוד שאַני אין „דזשואיש פרעס פּיטשורס").

אין 1980 איז דערשינען גוטמאַנס עסייען בוך „די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום". דאָס בוך האָט באַקומען די „ש. ניגער־פּרעמיע" פון אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. שלמה סוס־קאָוויטש, דער פאָרזיצער פון דער זשורי, און דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „דווקא" האָט אויף אַ ספּעציעלן אָוונט געווידמעט דער צוטיילונג פון דער פּרעמיע געגעבן אַ ברייטערע אָפּשאַצונג וועגן דעם פּרעמירטן בוך „וואָס ברענגט אַרויס אָריגינעלע געדאַנקען און מיינונגען וואָס זיינען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק".

גוטמאַן איז אויפגעטראָטן מיט יידישע און ענגלישע רעפעראַטן אין די גרויסע שטעט פון אַמעריקע, קאַנאַדע, מעקסיקאָ און אין תל־אביב.

ער באַנוצט זיך מיט פּסעוודאָנימען: ש. בראַנסאָן, ש. גיפּס, ש. ח. לעדערמאַן, ש. ברײַנעס.

שאול גוטמאַן האָט געהאַלטן אַ צאָל פאָרטראַגן און לעקציעס בײַם ייווא־פאָרום אין 1977 וועגן „קולטור־פּלוראַליזם", „די נײַע עטנישע באַוועגונג און דאָס אַמעריקאַנער יידנטום", „אַהרן צייטלין — דער פּאָעט, דענקער און זײַן צײַט". אין 78־טן יאָר האָט ער רעפערירט וועגן „שמעון דובנאָוו און דר. חיים זשיטלאָווסקי, זייער ירושה פאַר אונדזער צײַט". ער איז אויך אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן אין ענגליש פאַר די מיטגלידער פון „טעמפּל בית שלום".

**
*

דער פאַראיין „יידישע קולטור״ וואָס האָט אָרגאַניזירט די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908. עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: י.־ל. פרץ, פרי׳ העלענאַ פרץ, אַברהם זינגער (פאָרזיצער פון סטודענטן־פאַראיין), פרי׳ ברינבוים, נתן בירנבוים; עס שטייען אין דער לעצטער ריי פון רעכטס: (1טער) חיים זשיטלאָווסקי, (4טער) הערש־דוד נאָמבערג, (5טער) אַברהם רייזען, (8טער) שלום אַש.

לייבוש לעהרער איז געווען דער גאַסט־רעדנער בײַם ייוואָ־באַנקעט אין 1955, זיין טעמע איז געווען „מיר און אונדזערע קינדער", זײַן צווייטער רעפעראַט האָט געהאַט צו טאָן מיט „יידישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע", און דעם דריטן האָט ער געהאַלטן אין 63־טן יאָר, אויף דער טעמע „גלויבן און איבערצײַגונג".

ל. לעהרער איז געבוירן אין וואַרשע. ער האָט געלערנט אין חדרים און ישיבות פון מאָקאָוו און נאָוואָמינסק. אין 1903 איז ער צוגעשטאַנען צו דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט גרינדן קאָאָפּעראַטיווע־לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. אַ צײַט איז ער געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, שפּעטער אין דער ס.ס.־פּאַרטיי. אין 1906 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין בעלגיע, וואו ער איז געווען אַ פרײַער צוהערער אין „אוניווערסיטעט נואוועל" (1906־1907), איינצײַטיק געאַרבעט בײַ פאַרשיידענע טוואונגען. סוף 1907 איז ער צוריק געקומען קיין וואַרשע. אין אַ יאָר אַרום לאָזט ער זיך קיין אַמעריקע. אין נײַעם לאַנד טוט ער פאַרשיידענע מלאכות, און שרײַבט — לידער. זײַן ערשט ליד איז דערשינען אין אַ פּאַריזער זשורנאַל. אין 1912 קומט ער קיין וואַלפּעראיזאָ, אינדיאַנאַ און ענדיקט דאָרטן די „פּריפּערעטאָרי־סקול" ביים שטאַטישן אוניווערסיטעט. אין 1916 האָט ער געקראָגן זײַן בי־איי טיטל אין „קלאַרק־הויכשול". אין 1918 ווערט ער אַ לערער אין דער ש. ע. שול־3.

לייבוש לעהרער איז געווען אַ מיטגרינדער פון שלום עליכם־אינסטיטוט און פון קעמפּ „בויבעריק", וואו ער איז געווען דירעקטאָר העכער 40 יאָר. ער האָט געפּרוּווט איינפלאַנצן אין דער יוגנט יידישע טראַדיציעס און מנהגים און פּראָווען צערעמאָניאַל שבתים און יום־טובים, וואָס זײַנען ברייט קאָמענטירט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע.

ל. לעהרערס אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען האָבן געהאַט דעם ציל אויס־צוטייטשן דעם גייסטיקן גאַנג פון יידישן פאָלק, זײַן מחשבה און מעשה. ער האָט געדרוקט זײַנע עסייען אין „טאָג", „אידישער קעמפער", „פר. א. ש.", „צוקונפט". ער איז געווען פון די הויפּט־איניציאַטאָרס צו גרינדן דעם אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייוואָ אין אַמעריקע. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע ביים ייוואָ און אין די לעצטע יאָרן איינער פון די וויכטיקע טוערס פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָלעגיע פון ייוואָ. ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרבעטן אין די „ייוואָ־בלעטער" אויף

אַזוינע אינטערעסאַנטע טעמעס, ווי למשל: „דאָס יידישע אין דער פּסיכיק פון דעם אַמעריקאַנעם יידישן קינד", „זיגמונד פרויד", „פּראָבלעמען פון יידישן פאָלקס־כאַראַקטער".

ל. לעהרער האָט מחבר געווען אַט די ביכער: „די מאָדערנע יידישע שול" (1927), „די פּסיכאָלאָגיע פון ליטעראַטור", „אַזוי זײַנען מענטשן" (1934), „פּסיכאָלאָגיע פון דערציאונג", „יידישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען" (1940), „אַזוי זײַנען יידן" (1959), „פון דור צו דור" (1959), „מענטש און אידעע" (1959), „די פּסיכאָלאָגיע פון וויליאַם מעקדוגל". (איבערזעצונגען: „די ראָמאַנטישע שול אין דײַטשלאַנד" — געאָרג בראַנדעס).

ל. לעהרער איז געווען לערער אין יידישן לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערסיטעט, געווען דירעקטאָר פון דער שלום עליכם מיטלשול. ער איז געווען אַ דעלעגאַט צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" (1059). אין 1960 איז געפײַערט געוואָרן לעהרערס פופציק יאָר דערציערישע, וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. צו דער דאָזיקער געלעגנהייט זײַנען דערשינען אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אין דער יידישער פּרעסע פון פאַרשיידענע לענדער. אין 1961 האָט ער באַקומען די „לאַניע בימקאָ פּרעמיע" פאַר זײַנע ביכער־עסייען. לכבוד זײַן זיבעציק יאָריקן יובילײ זײַנען דערשינען אַ שלל אָפּשאַצונגען פון זײַן לעבן און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן . . .

***

בצלאל שערמאַן סאָציאָלאָג און פּובליציסט איז געווען דער גאַסט־רעדנער בײַם ייוואָ־באַנקעט אין 1955. און אין 69־טן יאָר האָט ער זיך באַטייליקט מיט צוויי רעפעראַטן: „דער אַמעריקאַנער ייד — אַ קאָלעקטיווער פּאָרטרעט" און „נחמן סירקין און בער באָראָכאָוו".

ב. שערמאַן שטאַמט פון אַרום פּינסק. ער האָט געלערנט אין חדרים און אין אַ רוסישער שול. אין 1911 איז ער געקומען קיין שיקאַגאָ. ער האָט געאַרבעט און שטודירט מערערע יאָרן. אין 1932 האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין ניו־יאָרקער שטערן־קאָלעדזש און אין יידישן לערער־סעמינאַר. ער איז געווען אַקטיוו און אָנפירנדיק בײַ די לינקע פּועלי־ציון, דערנאָך בײַ די רעכטע.

ב. שערמאַן האָט געשריבן פּאַרטיי־פּאָליטישע און טעאָרעטישע אַרטיק־לען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך קאָנצענטרירט אויף סאָציאָלאָגישע פאָרשאַרבעטן וועגן יידן אין אַמעריקע. ער האָט זיך באַטייליקט אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק", אין „אידישן קעמפער" „צוקונפט". ער האָט אויך געשריבן אין ייִדיש־ענגלישע זשורנאַלן. ער האָט מחבר געווען: „יידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן", „אונדזער וועג" 1948. בראָשורן: „דער וועג פון יידישן אַרבעטער קלאַס", שיקאַגא 1934. „וואָס ווילן די לינקע פּועלי ציון?", קאַנאַדע, „אַ יידיש לאַנד אָדער אַ נייַע געטאָ?" און אַ צאָל בראָשורן אין דער ענגלישער שפּראַך.

**
*

מענדל עלקין טעאַטראַל און הויפּט־ביבליאָטעקאַר פון דער צענטראַלער ייוואָ־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק, איז געווען אָפט אַ גאַסט בייַם היגן ייוואָ־פאָרום. ער האָט זייער אַ רייַכע ביאָגראַפיע. ער איז געבוירן אין אַ דאָרף אין ווייַס־רוסלאַנד, אין אַ פאַמיליע פון אָרעמע ישובניקעס. אין 1891 איז זי אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דאָרף און זיך באַזעצט אין באָברויסק. ניט געקוקט אויפן דלות אין שטוב, האָט דער פאָטער געהאַלטן אַ מלמד פאַר די קינדער. צו 11 יאָר איז מענדל אַוועק קיין באָברויסק זיך לערנען בייַם ראש־ישיבה, „געגעסן טעג", ווי געוויינטלעך, און געלערנט. שפּעטער איז ער געקומען צו זייַן טאַטנס אַ ווייַטן קרוב, אַ וואַלד־סוחר, און יענער האָט אים געגעבן אַ שטעלע אין זייַן געשעפט. גלייַכצייַטיק האָט מענדל ווי אַן עקסטערן, אין אַ זעקס־זיבן יאָר אַרום, געענדיקט אין כאַרקאָוו אַ דענטיסטן־שול.

מענדל עלקין האָט פּראַקטיצירט זייַן פאַך ניט מער ווי 6 יאָר. זייַן אַמביציע איז געווען — טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט. דער עיקר, טעאַטער. ער האָט געשפּילט אַ צייַט אין אַמאַטאָרישע גרופּן אין יידיש און אין רוסיש. ער איז אַפילו אויפגעטראָטן מיט דער באַרימטער רוסישער אַקטריסע פערראָטאָוואַ. זייַן הויז איז דאָרטן געוואָרן אַן אַדרעס פאַר יידישע אַקטיאָרן און יידישע שריפטשטעלערס. זיי האָבן דאָרטן געקאָנט בלייַבן ווי לאַנג זיי האָבן געוואָלט. ער איז בשעתו געוואָרן אינטים פריינדלעך מיט אַ. ווייטער און פּרץ הירשביין און זייער מעצענאַט . . . עלקינס פריינדשאַפט מיט הירש־

ביינען האָט זיך אויך געצויגן אין אַמעריקע ביזן סוף פונעם דראַמאַטורגס לעבן . . .

מענדל עלקין האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1900 אין דער רוסישער פּרעסע פון באָברויסק און מינסק, אין די אויסגאַבעס „נאַוואָסטי", „רעטש", ראַדינאַ", „טעאַטער אי איסקוסטוואָ". אַ יאָר איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דער רוס. סאָציאַליסטישער צייטונג „סעווערא־זאַפּאַדני־קראַי". דער צאַרישער גובערנאַטאָר האָט דעמאָלט אַרעסטירט די גאַנצע רעדאַקציע, אָבער עלקינען איז געלונגען צו פאַרשווינדן אין דער געהעריקער צײַט. ער איז שוין געווען טעטיק אין „בונד" . . . בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געלעבט אין סיביר, האָט אָנגעפירט מיט אַ וואַלד־קאָנצעסיע און אייג־צײַטיק געקליבן מאַטעריאַל פאַר זײַן מאָנאָגראַפיע וועגן די מינוסינסקער גרים. נאָך דער רעוואָלוציע אין 1917 האָט ער צוזאַמען מיט אַ. וויטערן געשאַפן דעם יידישן קאַמער־טעאַטער, צוגעצויגן דעם רעזשיסאָר אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי. אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט איז עלקין געווען דער פאַרוואַלטער פון דער קונסט־אָפּטיילונג בײַם בילדונגס־קאָמיסאַריאַט פון דער ווײַס־רוסישער סאָוועטן־רעפּובליק און אָנגעהאַלטן דעם פּאָסטן ביז 1919. ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרכאַפּט באָברויסק, איז ער אַנטלאָפן קיין ווילנע, דאָרטן אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־געזעלשאַפט. אין 1920 האָט ער אויפ־געפירט מיט די „ווילנער" אין וואַרשע שלום אַשס „אַמנון און תמר" און „דער זינדיקער". אַ יאָר שפּעטער ווערט עלקין אויסגעקליבן פאַר פאָרזיצער פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין.

אין 1923 האָט פּרץ הירשביין אַריבערגעבראַכט עלקינען קיין אַמעריקע. ער איז געוואָרן איינער פון די גרינדערס פון דער „יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט". ער ווערט באַשטימט אַלס לערער אין איר דראַמאַטישער סטודיע און האָט אינאיינעם מיט דר. מוקדוני רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „טעאַליט". ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער שריפט „אונדזער טעאַטער". דאָס נײַע טעאַטער האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים. עלקין האָט אויך געשאַפן אַ קינדער־טעאַטער, וואָס האָט אויך ניט לאַנג עקזיסטירט.

מענדל עלקינס צאָלפילע אַרטיקלען וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען זײַנען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע זאַמלונגען, צײַטונגען און זשורנאַלן. אין דער שריפט „לעבן" האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ מאָנאָגראַפיע וועגן די מינוסינסקער גרים. אין „אַמעריקאַנער" „די ווילדע

שבטים פון סאַיטאַ־מאַגנאַלער געגענט״ און „סיבירער יידן״. ער איז געווען פון די גרינדערס פון דער „צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק און אַרכיוו״ 1936. פון עלקינס שריפטן אָריגינעלע און איבערזעצטע, זענען אַרויס אין בוכפאָרעם: „בום און דריידל״ 1921, „קאַנדידאַ״ מיסטעריע אין 3 אַקטן פון בערנאַרד שאָו, „דאָקטאָר קאַן״ פון מאַקס נאָרדאַו (אַלע דריי פון אים איבער־זעצטע). „מאָטל טרעמפּ״ איינאַקטער 1928, „דער גליקלעכער פּרינץ״ לויט אָסקאַר ווײַלד, „דיליידן פון עדיפּוס״ (טרויער שפּיל), „פּאַר פרעמדע זינד״ (ראָמאַן).

צו מענדל עלקינס זעכציק־יאָריקן יובילײ איז אַרויס אַ „מענדל עלקין־בוך״, מיט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען פון די סאַמע פּני פון דער יידישער ליטעראַטור. מ. עלקין איז נפטר געוואָרן אין 1944 אין ניו־יאָרק. אין זײַן עזבון, וואָס היט זיך אויף אין ייוואָ־אַרכיוו, געפינט זיך אַ גרויסער מאַנוסקריפּט „זכרונות״ זײַנע.

דוד פּינסקי האָט געזאָגט אָט די שבחים וועגן עלקינען: „...אַ טאַלאַנטירטע נאַטור אין אַ מאָס, אַן אויסגעצייכנטער פאַרלייענער און דעק־לאַמאַטאָר. אַן ערשטער אויפפירער פון ספּעקטאַקלען, אַ רעזשיסאָר מיט אַ סך פאַנטאַזיע און קאַנטשאַפט, אַ גוטער איבערזעצער, אַ שניצער, אַ בויער, אַ מאָלער, אַ צייכענער, אַ וואונדערלעכע פּערזענלעכקייט, איינער וואָס איז גע־בוירן צו טאָן זאַכן״. אהרן גלאַנץ שרייבט: „...מענדל עלקין — זאָל זײַן אָנדענק זײַן געאַכפּערט און געבענטשט! איז געווען אַ שטיק פון אונדזער אַלעמענס לעבן...וועגן יעדער פאַזע פון זײַן לעבן־עשירות וואָלט מען געקאָנט שרײַבן גאַנצע ביכער, ניטאָ, מיין איך, קיין אין וויכטיקער נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור, יידישן טעאַטער, יידישער מוזיק, אין יידישער קולטור־טועריי, וואָס זאָל ניט האָבן געקאָנט אים פּערזענלעך און מיט וועמען ער זאָל ניט האָבן געהאַט קיין פאַרבינדונג...״

**
*

שמואל ראָזשאַנסקי איז אין 1986 אויפגעטראָטן בײַם מיאַמי ייוואָ־באַנקעט מיט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די יידישע ליטעראַטור אין די פערציקער יאָרן נאָכן 2טן וועלט קריג״. דער גרויסער זאַל אינעם „דאָוויל״־האָטעל איז געווען איבערפילט. ס׳האָט זיך געפילט אַ פײַערלעכע שטימונג. אינעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם האָבן אײַנטיילגענומען דרײַ באַקאַנטע קינסטלער,

מינאַ בערן און די צוויי עמוד־ווירטואָזן, משה בורין און משה פרידלער.ביידע געבאָרענע אין אַרגענטינע און ביידע גראַדואירטע פון „יידישן לערער סעמינאַר", אונטער דער דירעקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי.

שמואל ראָזשאַנסקי איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1922. אין 82־טן יאָר איז פאָרגעקומען אין בוענאָס־איירעס אַ פייערונג לכבוד זיינע זעכציק יאָר טעטיקייט אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, ווי אויך לכבוד זיינע 25 יאָר פון אומדערמידלעכער אַרבעט ביי די „מוסטער־ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור". עס איז דעמאָלט אויך דערשינען זיינע ליטעראַטור־היסטאָרישע אַריינפירן „יידישע ליטעראַטור — יידיש לעבן".

ש. ראָזשאַנסקי האָט אין משך פון יאָרן געהאָלפן גראַדואירן פון דער־מאָנטן לערער־סעמינאַר אַרום 14 הונדערט תלמידים, וועלכע זיינען היינט יידיש־לערער אין ירושלימער אוניווערסיטעט, אין פּאַריז און אין געוויסע שטעט אין אַרגענטינע. ער איז ערן־פּאָרזיצער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז אין יענעם לאַנד געוואָרן אַ יידיש־פעסטונג. ער איז געגרינדעט געוואָרן מיט דריי יאָר שפּעטער ווי דער „ייוואָ" אין ווילנע. ס'האָט ניט גענומען לאַנג ווי די אָפּטיילונג אין אַרגענטינע האָט זיך פאַרנומען מיט אייגענער איניציאַטיוו און זיך פאַרמאָסטן לויטן ווילנער מוסטער. אין 1938 האָט די דאָרטיקע „ייוואָ" אָרגאַניזירט די ערשטע „בוך־און פּרעסע אויסשטעלונג". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָרטיקער „ייוואָ" האָט אָנגעזאַמלט אַ פאָלקס־אוצר וועגן דעם ישוב אין אַרגענטינע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די פאַרצווייגטע מעשים־טובים פון פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס, פּאַרטייען און קולטור־אַקטיוויטעטן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן.

אין 1940 איז געעפנט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס די ביבליאָטעק ביים „ייוואָ", און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שאַפונג פון אַרכיוו און קונסט־מוזיי. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט די ביבליאָטעק פאַרמאָגט 5400 ביכער אין פאַרשיידענע לשונות, זינט 1945 געפינט זיך דער „ייוואָ" אויף אַ ספּעציעלן שטאָק, וואָס די יידישע קהילה האָט אויסגעבויט פאַר דעם צוועק. אין זיין אַרכיוו געפינען זיך זעלטענע יידישע אויסגאַבעס, ספּעציעל אינטערעסאַנט איז אַ בוך, וואָס איז דערשינען אין 1873 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין אַלט־שפּאַניש מיט יידישע אותיות, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דאָס געזעץ־בוך פון די נביאים און פון די הייליקע שריפטן". דער „ייוואָ"־מוזיי אויפן נאָמען פון מאָלער, מאָריץ מינקאָווסקי, פאַרמאָגט חוץ די אויל־בילדער פון מאָלער,

אַ גרויסע צאָל ווערטפולע חפצים פון יידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, בילדער, סקולפטורן און אַנדערע טײַערע עקספּאָנאַטן. דער פאַרלאַג גיט אַרויס רעגלמעסיק וויכטיקע ביכער אויף יידיש און שפּאַניש. זינט 1941 דערשײַנען „אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן”, וואו עס ווערן באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון יידישער אימיגראַציע, דעמאָגראַפיע, ליטעראַטור, טעאַטער און שול־וועזן. עס איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן דער ערשטער באַנד פון מאָדערנעם יידיש־שפּאַנישן ווערטער־בוך און עס ווערט איצט געגרייט דער צווייטער באַנד.

ש. ראָזשאַנסקי האָט אָנגעהויבן דעם געוואָגטן פּראָיעקט אין 1957, מיט דער הילף פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט בײַם „ייוואָ” אין אַרויסגעבן די 100 בענדיקע ביבליאָטעק: „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור”. די ריזיקע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ סובסידיע פון דרום־אַפריקאַנער מעצענאַט יוסף ליפשיץ. שפּעטער זײַנען צוגעשטאַנען אַנדערע מעצענאַטן. פאַר פיל האָט עס צו יענער צײַט אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיע. די אַרבעט איז אָבער אָנגעגאַנגען ווײַטער, אָן איבעררײַס, אין די שווערסטע צײַטן . . .

דעם 11־טן נאָוועמבער 1984 איז פאָרגעקומען די סיום־פײַערונג צום דערשײַנען פון הונדערטסטן באַנד פון די מוסטערווערק. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אין 1984 די „ייוואָ”־פונדאַציע, וואָס דאַרף פאַרזיכערן פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, דורך אויסטיילן סטיפּענדיעס פאַר יידישע אינטעלעקטואַלן און זיי געבן אַ מעגלעכקײַט צו פאַרעפנטלעכן זייערע אַרבעטן אויף פאַרשידענע געביטן.

קורץ און גוט! ווען מען שמועסט, צי מען שרײַבט, וועגן דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע, מוז גלײַך קומען אויפן זינען די שעפערישע פּערזענ־לעכקייט פון שריפטשטעלער, פּעדאַגאָג און פאַרנעמיקער קולטור־טוער, שמואל ראָזשאַנסקי!

***

בלומע שאַפּיראָ געהערט פאַר די לעצטע פאַר יאָר צום היגן ייוואָ־אַקטיוו. זי שטאַמט פון כעלם, פּוילן. אַלס יונג קינד האָט זי באַזוכט די דאָרטיקע יידישע־פאָלקשול, איר לערער, משה לערער, אַ גוט באַקאַנטער פּעדאַגאָג אין יענע מקומות, האָט געלאָזן אויף איר אַ דויערנדיקן אײַנדרוק און געהאַט אויף איר אַ שטאַרקע השפּעה. אין 1937 איז זי געקומען קיין

קובאַ, איז דאָרטן געווען טעטיק אין־און־אַרום די יידישע שולן. נאָך דער קאַסטראָ־קאַטאַסטראָפע האָט זי עמיגרירט קיין ניו־יאָרק. דאָרטן געווען אַקטיוו בײַם „דוד בליס פאַרבאַנד צווײַג". מיט זיבן יאָר שפּעטער, האָט זי זיך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש.

***

דר. משה שולוואַס האָט אין 1978 געהאַלטן אַ לעקציע בײַם ייִוואָ־פאָרום אויף דער טעמע: „דאָס רוסישע יידנטום — אַ היסטאָרישער סך־הכל", אַ יאָר שפּעטער וועגן „די יידן אין דער מערבדיקער־וועלט — די פאַרגאַנגנהײַט און די צוקונפט". די רעפעראַטן האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס און אַ היפּש ביסל מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן . . .

דר. שולוואַס איז געבאָרן אין פּלאָנסק, פּוילן. ער האָט געקראָגן סמיכה אויף רבנות אין וואַרשעווער תחכמוני־סעמינאַר, אַ „פּי ה. ד."—טיטול פון בערלינער אוניווערסיטעט; אַ „די. ה. ל." פון ספּערטוס קאָלעדזש אין שיקאַגע (1974). דר. שולוואַס האָט געלעבט אין מדינת ישראל צווישן 1927־1935. איז געווען דאָרטן אַקטיוו ווי אַ לעקטאָר, מחבר און רעדאַקטאָר. צווישן 1948־1951 האָט ער פאַרנומען אַ פּראָפעסאָר־שטעלע אין היברו־קאָלעדזש אין באַלטימאָר, אונטערריכטנדיק רבנישע ליטעראַטור און יידישע געשיכטע; אַ וויזיט־אינסטרוקטאָר אין געשיכטע אין דער „הערי פישל שול פאַר העכערער יידישע־שטודיעס, אין ישיבה־אוניווערסיטעט (1948־1949), פון 1951 צוריק אין „ספּערטוס קאָלעדזש־אָף־דזשודאַיקאַ", חשובער מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר יידישע פאָרשונג.

דר. שולוואַס איז דער מחבר פון די פאָלגנדיקע ווערק:

1. „די יידן אין ווירצבורג אין משך פון מיטל־אַלטער", (דײַטש, 1904), 2. „ביבליאָגראַפישער־וועג־ווײַזער צו יידישע שטודיעס" (יידיש, 1935), 3. „רוים און ירושלים" (העברעיש, 1944), 4. „קאַפּיטלעך פון לעבן פון שמואל דוד לוצאַטו" (העברעיש, 1951), 5. „די יידן אין דער רענעסאַנס־צײַט" (העברעיש, 1955), 6. „אינעם אָנהאָלט פון יאָרהונדערטער" (העברעיש, 1960), 7. „צווישן דעם רײַן און דעם באָספּאָרוס" (1964), 8. „פון מזרח צו מערב" (1971), 9. „די יידן אין דער רענעסאַנס־וועלט (ענגלישע ווערסיע, 1955), 10. „יידישע קולטור אין מזרח־איראָפּע: דער קלאַסישער פּעריאָד" (1975), 11. „די

געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 1: אַלטצײַט" (1982), „די געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 2: פריער מיטל־אַלטער" (1982), „די געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 3: די שפּעטע מיטל־עלטער" (1985).

דר. שולוואַס האָט רעדאַקטירט „די יידישע היסטאָרישע טעקסט־סעריעס" פון די איטאַליענישע יידן" (1945), פּערספּעקטיוון אין יידישן לערנען", באַנד 2 (1966). ער האָט מיטגעאַרבעט אין וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע זשורנאַלן אין ענגליש, העברעיש, יידיש און דײַטש. ער איז פּרעמירט געוואָרן פון די פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: למד־פּרייז (1956), „סאָלאָמאָן גאָלדמאַן" (1987), „פונדאַציע פאַר יידישע קולטור" (69־1968).

(1948־1952), „איטאַליע, אַ פּערטל־יאָריק בוך פאַר דער קולטור און געשיכטע

דר. מ. שולוואַס איז געווען פאַרש־סעקרעטאַר בײַם קאָמיטעט וועגן דער „געשיכטע פון חסידיזם" ייוואָ־אינסטיטוט (1949), אַ מיטאַרבעטער אין „צענטער פאַר יידיש־קריסטלעכע שטודיעס" (שיקאַגער טעאָלאָגישער סעמינאַר).

דר. משה שולוואַס איז אַ מיטגליד פון רבנים־ פאַרבאַנד אין שיקאַגע, פון יידישן און העברעישן „פּען־קלוב", אין דירעקטאָריום פון „ישראלס היסטאָרישער געזעלשאַפט" (45־1948). ער איז פאַרצייכנט אין: „ווער איז ווער אין דער יידישער וועלט", „ווער איז ווער אין דער יידישער אַמעריקע", „ווער איז ווער אין דער אַמעריקאַנער דערציונג", „ענציקלאָפּעדיאַ דזשודאַיקאַ", „אינטערנאַציאָנאַלער וויסנשאַפטלער אַדרעסן־בוך", „ענציקלאָפּעדיע פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור", „דער אַדרעסן־בוך פון די חשובסטע אַמעריקאַנער", „אינטערנאַציאָנאַלע אויטאָרס און שריפטשטעלערס — ווער־איז־ווער".

***

מאַשאַ בעניאַ די טאַלאַנטירטע אויסטײַטשערין פון יידישן ליד איז אויפגעטראָטן בײַ פיל געלעגנהײַטן בײַם היגן ייוואָ־פאָרום און האָט שטענדיק אויסגענומען בײַם עולם. בעניאַ קומט פון אַ יידיש־מוזיקאַליש הויז. זי איז געבוירן אין ליטווישן שטעטל ווירבאַליס. איר פאָטער האָט געשטאַמט פון ווילנע און איז געווען אַ ליבהאָבער פון נגינה. פּאַקטיש האָט די גאַנצע משפחה פאַרמאָגט אַן אויער פאַר מוזיק. ווען מאַשאַ איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע האָט זי נאָכגעזונגען יאָסעלע ראָזענבלאַטס תפילות. זי האָט אימיטירט די

אַריעס פון גאַלי קורטשי. ווען זי האָט געענדיקט גימנאַזיע, האָט זי געלערנט ביי אַ פּריוואַט לערערין געזאַנג אין מזרח־פּרייסישן שטעטל איינדקונען. אויף דער אינציאַטיוו פון דער לעצטער איז מאַשאַ אָנגעקומען אין דער שטערנשער קאָנסערוואַטאָריע אין דייטשלאַנד.

דער „יידישער קולטור בונד״, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט אַ קורצע צייט נאָך היטלערס קומען, האָט זיך געגרייט אויפצופירן די אָפּערע „דאָן פּאַסקוואַלע״, און די קאָלאָראַטור זינגערין האָט שוין דעמאָלט אויסגעוואַנדערט פון נאַצי־דייטשלאַנד, האָט מאַשאַ בעניאַ פאַרנומען איר אָרט צו זינגען די הויפּט־ראָל, שפּעטער האָט זי אויך געזונגען אין דער פראַנצויזישער אָפּערע „מי זשעטע רוא״ (ווען כ׳וואָלט געווען אַ מלך).

פאַר איר אָפּפאָרן קיין אַמעריקע (1938) איז זי אויפגעטראָטן אין יעקב ווײַנבערגס אָפּערע „החלוץ״ וואָס דער דיריגענט נחמיה ווינאַווער האָט אויפגעפירט אין קאָנצערט־פאָרעם. אין נײַעם לאַנד האָט סידאָר בעלאַרסקי מיט איר און מיט יוסף מלאָטעקן געמאַכט אַ פּלאַטע „אַמאָל איז געווען אַ מעשה״. מאַשאַ בעניאַ איז אויפגעטראָטן ווי אַ סאָליסטין מיט אַזוינע מוזיקער ווי לעאָ ליאָוו און לאַזאַר ווײַנער.

***

ישראל עמיאָט איז געווען אַן אינטערעסאַנטער לעקטאָר. דער עולם איז געווען פאַרכאַפּט פון זײַנע שילדערונגען! ער האָט פיל אַרומגערײַזט און געוואוסט ווי אַזוי איבערצוגעבן זײַנע אײַנדרוקן.

י. עמיאָט שטאַמט פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, פוילן. ער ציט זײַן יחוס פון „יוד הקדוש״. זײַן פאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער די השכלה האָט אים „קאַליע״ געמאַכט. אין 1919 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. ער האָט געוואָלט שטודירן מעדיצין, איז אָבער מחמת אָרעמקייט, געוואָרן אַ פרעסער און איז יונגערהייט געשטאָרבן.

עמיאָטן האָט דערצויגן זײַן באָבע, אַן אשת־חיל און אַ צדיקת. ער האָט געלערנט בײַם גאון ר׳ מאיר פון פּלאָצק, אויך בײַם זיידן, ר׳ מרדכי־לייב, וואָס האָט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט „עוסק געווען אין תורה און חסידות״. נאָך יאָרן לערנען אין ישיבות האָט זיך עמיאָט גענומען צו וועלטלעכער בילדונג, געלייענט אַ סך אין יידיש, העברעיש, פויליש און דײַטש,

שפּעטער, ווען ער איז מגולגל געוואָרן קיין רוסלאַנד, האָט ער אויך באַהערשט רוסיש.

עמיאָט האָט אָנגעהויבן זײַן שרײַבערישע קאַריערע מיט העברעישע לידער. זײַן אמתן אַרײַנטריט אין דער ליטעראַטור איז פאָרגעקומען אין 1926 אין ווײַסנבערגס „אונדזער האָפענונג". זײַנע לידער זײַנען געווען שטילע תפילות פון אַ חסידישן יונגערמאַן. ער האָט דעמאָלט געטראָגן באָרד־און־פּיאות, אַ חסידיש היטל מיט אַ קליינעם דאַשעק, אַ לאַנגע קאַפּאָטע. זײַן פּאָעטישע סמיכות האָט ער דעמאָלט באַקומען פון מאַרקישן און י. י. זינגער. ער האָט זיך פיל געדרוקט אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע אויף יידיש און העברעיש. באַלד האָבן זיך אין אים, ווי אין זײַן פאָטער אַמאָל, אָנגעהויבן צו ראַנגלען די טראַדיציאָנעלע יידישקייט מיט דער וועלטלעכקייט. ער האָט זיך אָנגעפאַנגען דרוקן אין די „ליטעראַרישע בלעטער", „שריפטן" (וואַרשע); „צוקונפט". אין משך פון 5 יאָר האָט ער וואָכנטלעך פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג אין „יידיש טאָגבלאַט". אין איינע פון זיי, אַ גרויסע דערציילונג „די לבנה איבער אונדזער הויף" פון 1932—1938 האָט ער אַרויסגעגעבן פיר זאַמלונגען לידער. דער צווייטער וועלט־קריג האָט אים געכאַפּט אין וואַרשע. ער איז אַנטלאָפן אַהיים, אַ וואָך צײַט איז ער דאָרטן געווען אונטער דײַטשער אָקופּאַציע. די דײַטשן האָבן דערשאָסן זײַן מוטער, איז ער אַנטלאָפן צו די רוסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סאָוועטישן ביאַליסטאָק. אַהין איז אַראָפּגעקומען אַ צאָל יידישע שרײַבער. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער יידיש־סאָוועטישער פּרעסע. אין 1941 נאָכן איבערפאַל פון די נאַציס אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, איז ער עוואַקואירט געוואָרן קיין קאַזאַכסטאַן. ער האָט דאָרטן געלעבט אין גרויס דחקות. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו שרײַבן, ער האָט געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס וועגן דעם לעבן פון די יידישע פּליטים. דער מאָסקווער „יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט" פלעגט די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס אויך איבערגעבן פאַר דער יידישער פּרעסע אין אויסלאַנד. אין פעברואַר 1944, האָט מען אים און אַנדערע יידישע שריפטשטעלערס גערופן קיין מאָסקווע צו פּראָטעסטירן קעגן די דײַטשע רדיפות אויף יידן. עמיאָט איז דעמאָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם סאָוועטישן פּלאַן אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַלע יידישע רעפּובליק אין ביראָבידזשאַן און ער האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג צו פאָרן אַהין ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. עמיאָט איז אָנגעקומען אין ביראָבידזשאַן אין יולי, 1944. די דאָרטיקע יידישע צײַטונג „ביראָבידזשאַנער לעבן" האָט אים אויפגענומען

פרײַנדלעך. אָבער אין 1948 איז ער אַרעסטירט געוואָרן. ער איז אָפּגעזעסן אין געפענקענישן און לאַגערן ביזן 53־טן יאָר.

ישראל עמיאָט האָט נאָך דער באַפרײַאונג נאָך געלעבט אַ צײַט אין ביראָ־בידזשאַן. אין 1957 איז ער אַוועק קײַן פּוילן און שפּעטער זיך באַזעצט אין ראָטשעסטער (נ. י.) וואו ער איז געווען זייער אַקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס" און אין די חדשים פעברואַר־אַפּריל 1959 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע סעריע אַרטיקלען וועגן זײַנע איבערלעבענישן אין ביראָ־בידזשאַן און זײַנע אַרעסטן, אונטערן נאָמען „דער ביראָ־בידזשאַנער ענין". די סעריע איז אַרויס אין בוך־פאָרעם טאַקע אין ראָטשעסטער 1960.

עמיאָט האָט געדרוקט סיסטעמאַטיש דאָרטן דערציילונגען, לידער און אַרטיקלען וועגן שרײַבער און ביכער. אַ טייל פון דער אַרבעט איז אַרײַן אין זיין ווערק „אין מיטעלע יאָרן". 1963. „דער ביראָ־בידזשאַנער ענין" איז אויך אַרויס אין ענגליש.

**
*

שמעון דייטש

משה און שרה פרידמאַן

יעקב גלאַטשטיין

רעד צו מיר יידיש!

רעד צו מיר יידיש, מײַן יידישלאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית, ממילא.
אַברהם מיט שׂרהן קומען מיר אַנטקעגן,
פון דער מערת־המכפלה.

— גאָט־העלף, זיידע־באָבעשי.
אברהם גייט שווײַגנדיק די גאַס אַריבער.
— נעם זיך ניט צום האַרצן, יאַנקעלע.
זאָגט שׂרה, ער איז מבין כל דיבור.

ס'איז אַזוי דאָ אָנגענומען.
אַ מאַנסביל דאַרף יידיש שטומען.
אָבער אַ יידענע פון יידיש־טײַטש
האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.
זאָג איך דיר גאָט־העלף, מײַן קינד.
זאָלסט מיר אַלדאָס גוטס פאַרמאָגן.

גלייב מיר, יאַנקעלע, ס'וועט קומען אַ צײַט,
אין באַמישאָסער־לאַנד פון ראָזשינקעס און פײַגן,
אַז אַלע עברית־קינדער
וועלן אויפהערן יידיש שווײַגן.

און אַז זיי וועלן זיך צערעדן,
וועלן זיי, וועט אַ נחת זײַן צו הערן.
אַזוי וועט געשען, יאַנקעלע, מײַן קינד.
אַ שבועה קאָן איך דיר שווערן.

דער זיידע, אברהם, פון יענער זײַט גאַס,
ווינקט צו מיר און פאָכעט מיט דער פאַטשיילע.
אָ, רעד צו מיר יידיש, מײַן יידיש־לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עברית, ממילא.

שמואל בוגאַטש איז געווען אַ זעלטענער גאַסט בײַם ייוואָ־פֿאָרום, אָבער זײַן לעצטער אויפֿטריט איז געבליבן אין זכרון. ער האָט דעמאָלט, אין ווינטער פֿון 1978, געגעבן אַ געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער „אַנשטייאונג און אַנטוויקלונג פֿון יידישער פֿאָלקס־מוזיק" און ס'האָט געמאַכט אַ רושם. ס'איז געווען אַ נײַער ענין פֿאַרן דורכשניטלעכן באַזוכער. יידן האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס אין מוזיק, אין נגינה, און פֿראַגן האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זײַטן.

שמואל בוגאַטש האָט געדולדיק פֿאַרענטפֿערט אַלע שווערע קשיות און דער עולם איז געבליבן, ווי עס געדענקט זיך, זייער צופֿרידן.

***

בימי ישראל שטיינבוים איז צוגעקומען אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער אין ייוואָ־אַקטיוו, — מ ש ה פ י ש ע ר, אַ מענטש מיט אַ סך דערפֿאַרונג אין יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ער איז אין משך פֿון 35 יאָר געווען געהילף גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד, אַ מיטגליד פֿון נאַציאָנאַלן דירעקטאָריום פֿון דער הסתדרות־פֿונדאַציע, פֿאָרזיצער פֿון ספּעציעלן קאָמיטעט צו זאַמלען פֿאָנדן פֿאַר די דרײַ יידיש־זשורנאַלן: „די גאָלדענע קייט", „די צוקונפֿט" און „אידישער קעמפֿער", און איז איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון „קאָאָרדינײַר־קאָמיטעט" פֿון די יידישע קולטור־קלובן אין שטאָט.

משה פֿישער קומט פֿון אוקראַיִנישן שטעטל, בערשאַד. ער האָט געהאַט אַ שווערע קינדהײַט, האָט גאָר יונג פֿאַרלאָרן זײַן מוטער און דעם פֿאָטער האָט ער זעלטן געזען, מחמת ער איז געווען שטענדיק פֿאַרהאָוועט מיט דאָגות־פּרנסה פֿאַר זײַן גרויסער משפּחה. אין 1925 איז פֿישער, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. אויך דאָרטן האָט ער אַ סך יאָרן ניט געלעקט קיין האָניק, אָבער נאָך פֿיל מי און ענערגיע האָט ער זיך דערוואָרבן יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. ער האָט געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר. און האָט זײַן פֿרײַע צײַט געווידמעט, ווי דערמאָנט, לטובת הכלל.

אַצינד, אין זײַנע גבורה־יאָרן, איז ער שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דער לעצטנס־אויפֿגעקומענער יידיש־קאַטעדרע אין בר־אילן אוניווערסיטעט, און

אין שאַפן אַ פאָנד פון פופציק טויזנט דאָל. פאַר דעם צוועק. אים איז ליב צו געדענקען פיר פריידיקע פעריאָדן אין זײַן לעבן: א. ווען די שיף האָט אים געבראַכט אין דער גרויסער און פרײַער אַמעריקע. ב. זײַן פאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. ג זײַן לערנען אין יידישן לערער־סעמינאַר. ד. זײַן הייראַט מיט קלאַראַן, וואָס איז אים געווען אַלע יאָרן אויך אַ געטרײַע מאַמע! . . . אין 1986 האָט דער בר־אילן אוניווערסיטעט באַערט משה פישער בײַ אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. מיט איינשטעלן אַ קורס אין דער הויכשול אויף דער טעמע: „ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור״.

***

איסאַק הורוויטש איז געווען אַן איבערגעגעבענער ייוואָ־טוער. ער איז אָפט געווען פאָרזיצער בײַ די ייוואָ־פאַרומס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט סײַ מיט אַ גוטן ראָט (עצה), סײַ מיט אַ גוטן טאָט (האַנדלונג), ווי ס׳ווערטל גייט. ער האָט געשטאַמט פון דער ליטע, האָט אין די חורבן־יאָרן געלעבט אין האַוואַנאַ, קובאַ. איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין דאָרטיקן „פאַטראָנאַט״, אין דער פאַרוואַלטונג פון בית־הכנסת, און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

בעת דער קאַסטראָ־קאַטאַסטראָפע האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע יידן, געמוזט פאַרלאָזן דעם אינדזל און זיך אַריבערקלײַבן קיין מיאַמי־ביטש.

***

ראַבאַי הערי דזשאָלט האָט שוין אין די אָנהייב יאָרן פון דער ייוואָ־געזעלשאַפט אַרויסגעוויזן צו איר אַן אויסערגעווינטלעכן אינטערעס און טיפע פאַרשטענדעניש. מ׳האָט עס אַרויסגעזען פון אַלע זײַנע האַנדלונגען, ער איז געווען די רעכטע האַנט בײַם הויפט ראַבאַי פון טעמפל בית־שלום לעאָן קראָניש, און האָט אַ סך מעשים־טובים אויפגעטאָן אויף זײַן אייגענער אחריות.

די ייוואָ־גרופע האָט די ערשטע צײַט אָפגעהאַלטן אירע זיצונגען אין באַשיידענע לאָקאַלן. ווען די גרופע איז זיך צעוואַקסן, הן אין צאָל, הן אין אַקטיוויטעטן, האָט זיך גענומען פאָדערן אַ גרעסערער און אַ מער באַקוועמערער זאַמלונג זאַל. מ׳האָט זיך דעמאָלט אָנגעשטויסן אויף שוועריקײַטן.

אין יענעם קריזיס־יאָר האָט זיך באַוויזן דער „מלאך־הגואל" אין געשטאַלט פון ראַבאַי הערי דזשאָלט. ער האָט, מיט דער דערלויבעניש פון ייִוואָ פריינד, ראַבאַי לעאָן קראָניש, געעפנט ברייט די טירן פונעם טעמפל בית־שלום, וואָס איז, אגב, אַרכיטעקטאָניש דאָס קונסט־ווערק פון אַ מײַסטער־האַנט, און האָט צוגעטיילט דער־שוין־דעמאָלט אויסגעוואַקסענער ייִוואָ־געזעלשאַפט דעם סאַמע „קדשי־קדשים", דאָס־הייסט, דעם הויפּט מקום־תפילה, וועלכער איז באַצירט מיט פּרעכטיקע קאָלירפולע פענצטער און רופט אַרויס אַ יראת־הכבוד געפיל... און ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז דער טעמפּל טוט עס לשמה, אָן אייגננוציקע סיבות, קומט דאָך אַוודאי אַ יישר־כח דעם גוטן און אידעלן ראַבאַי דזשאָלט!...

***

לעאָן סיגאַל איז כל־ימיו געווען אַ העברעישער לערער און אַן אַקטיווער חבר. אַ דאַנק די ברייטע יידיש־וועלטלעך, וועלכע בלאָזן גינסטיק לעצטנס פון מדינת־ישראל, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט אונדזער יידיש־סעקטאָר, קודם־כל־מיטן היגן ייִוואָ־קאָמיטעט. ער איז אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין „קאָאָרדינאַציר־קאָמיטעט" פון די יידיש־קולטור קלובן, און האָט גאַנץ אָפט געהאַלטן בײַ זיי לעקציעס וועגן דער העברעישער ליטעראַטור, און רעפעראַטן אויף ענגליש אין געוויסע קרײַזן, וועגן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. לעאָן סיגאַל האָט, ליידער, פאַרענדיקט זײַן לעבן זייער טראַגיש. די חולאת וואָס איר בלויזער נאָמען וואַרפט אָן אַ שרעק אויפן מענטשן, האָט אים אַ לאַנגע צײַט געמאַטערט און דערפירט צו זײַן יסורימדיקן סוף...

איינער פון די מספידים האָט בײַ דער לוויה דערמאָנט צווישן אַנדערע שבחים, אויך סיגאַלס אידעלע באַציאונג צו עברית און צו איר ייִנגערער שוועסטער־יידיש!...

***

שרה און חיים פערשקאָ זײַנען געווען פון די סאַמע ערשטע אַרטיסטן, וועלכע זיינען אויפגעטראָטן ביי די ייִוואָ־פאָרומס. אָט דער שטייגער, אַז נאָך דער לעקציע זאָל נאָכפאָלגן אַ מוזיקער קאָנצערט איז איינגעפירט

געוואָרן אין דער „גיטל קאַהן־פּעריאַדע". דאָס פּאָרל האָט אויך אָפּט באַשיינט די יערלעכע ייווא־באַנקעטן.

שרה און חיים פּערשקאָ שטאַמען פון לוצק, פּוילן. זיי האָבן זיך באַגעגנט ס'ערשטע מאָל, ווי אַרטיסטן, אין דער וואַרשעווער סימפאָניע־אָרקעסטער. זי — אַ יונג־שיינע פידל־שפּילערין, ער — אַ באַגאַבטער פּיאַניסט. ווען די נאַציס זײַנען באַפאַלן פּוילן, האָט זיך זייער אכזריות אויסגעגאָסן, קודם־כל, אויף די יידישע גייסטיק־שעפערישע עלעמענטן. מיט פאַרשיידענע שלויאיק־מיאוסע קונצן האָבן זיי אַריינגענאַרט זייערע קרבנות. זיי האָבן, איין טאָג, גערופן יידישע מוזיקער כלומרשט אָפּצוגעבן אַ קאָנצערט פאַר דער דייטשער עליטע אין שטאָט. און שוין, גלײַך, ביים סאַמע אָנהייב, איבערגעריסן דאָס שפּילן מיטן אויסרייד, אַז יידן פאַרשטייען ניט קיין מוזיק. מ'האָט פאַרכאַפּט זייערע אינסטרומענטן, און ווער ס'האָט געוואַגט זיך קעגנצושטעלן, האָט אײַנגעשטילט אַ קויל. די פּערשקאָס האָבן אין דער בהלה פאַרלאָרן זייערע לינקע אָרעמס...

נאָכן קריג האָבן די פּערשקאָס מיט אויסערגעוויינטלעכער עקשנות צוריקגעשטעלט זייערע לעבנס. חיים האָט מיט איין האַנט באַהערשט די פּיאַנאָ, און שרה האָט אַנטדעקט אין זיך אַ לירישע סאָפּראַנאָ, וואָס האָט מיט איר מעלאָדישקייט באַגייסטערט מענטשן. אָט צו יענער צייט האָט זיך צוגעטוליעט צו זיי אַ דריטער אומגליקלעכער מענטש מיטן נאָמען עלזאַ פראַנק, וועמענס מאַן, אַ דאָקטאָר, די „עס־עס" האָבן דערשאָסן פאַר אירע אויגן פאַר זײַן ווערן העלפן איינעם פון זייערע קרבנות, אין לאַגער, די פּערשקאָס האָבן זי מקרב געווען. זייער אָרעם שטיבל איז געוואָרן איר היים. זייביידע — איר משפחה, און וואָס ס'איז אַריינגעפאַלן פון זייער מאָגערן פאַרדינסט — מיט דעם זיינען אַלע דריי דורכגעקומען. נאָכן קעלצער פּאָגראָם האָבן זיי „די טריאָ", פאַרלאָזן פּוילן. ס'איז געווען אַ שטיקל צייט נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן זיך געצויגן אַהין פון אַלע עקן וועלט אויף לעגאַלע און אומלעגאַלע וועגן. די פּערשקאָס און עלזאַ זיינען געווען צווישן זיי. דאָס לאַנד איז דעמאָלט געווען אַרומגעכאַפּט פון חבלי־לידה און פון אַ מיסטישער התלהבות, געפּאָרט מיט אומרו, אומזיכערקייט און אַ שלל אומגעלייזטע פּראָבלעמען. פינעף אַראַבישע אַרמייען האָבן זיך פאַרלייגט אומצוברענגען אַ טויזנט־יאָריקן חלום, אָפּווישן אַ פאָלקס־בענקשאַפט נאָך אַ היים, נאָך אַ מקום־מנוחה... מענטשן פון יעדן עלטער האָבן זיך געזוכט נוצלעך צו מאַכן, ווער דירעקט אויפן קריגס־פראָנט

און ווער ביי פרידלעכע טוּאונגען. די פערשקאָס זיינען גיך, נאָך זייער אָנקום, אַוועק צו די זעלנער אויפן שלאַכטפעלד, זיי צו מוטיקן מיט ליד און שפּיל. ניט איינמאָל האָט דער טויט געלויערט אויף זיי. ס׳האָט זיך זיי באַזונדערס איינגעקריצט אין געדעכעניש אַ נאַכט אויפן צפונדיקן הויכפּונקט פון לאַנד. ס׳איז געווען קאַלט, אַ שאַרף דורכנעמענדיקער ווינט האָט געשמיסן אין פּנים און איז זיך אַלע ווילע פאַרגאַנגען אין אַ יאָמער. ס׳איז ניט געווען וואוהין צו ווענדן די בליקן נאָך אַ פונק ליכט, נאָך אַ ביסל טרייסט. דער הימל איז געהאָנגען אַ שווער־באַלאָדענער איבערן קאָפּ און ניט צוגעזאָגט קיין גוטס... ביי אָט דער „סצענאַריע" האָבן זיך די צוויי קינסטלער באַוויזן אויף אַ לאַסטוואָגן. דער מיטגעשלעפּטער קלאַוויר האָט נעבעך מער געקרעכצט ווי אַקאָמפּאַנירט. נאָר שרהן האָט עס ניט געאַרט. איר מעלאָדישע שטימע האָט זיך אַלצאיינס דורכגעבראָכן אַ וועג צו דער יונגער חברה אַרום, האָט געוועקט ביי איר מוט, אויסדויער און בטחון... פּלוצעם איז די לופט פאַרהילכט געוואָרן פון קאַנאָנען־שאָסן און מאַשינביקסן. אין דער לויערנדיקער סכנה זיינען די צוויי ניט אָפּגעטראָטן פון זייער פּאָסטן. אַ שפּראָץ אויף טאָג, ווען די באָמבאַרדירונג האָט זיך איינגעשטילט, איז אונטערגעקומען דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג צום פּאָרל, האָט גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן דעם פּיאַניסט אין פּלייצע און געזאָגט צו שרהן: „את בחורה מאנשי שלומינו, יישר כח לך!" (ביסט אַ בחורטע פון אונדזער גלייַכן, אַ יישר כח דיר!)...

אויך אין אַמעריקע האָט זיך דער „דריילינג" געהאַלטן צוזאַמען. עלזאַ האָט געפירט די שטוב: איינגעקויפט, געקאָכט, געראַמט, געהאָלפן די צוויי ליב־געוואָרענע מענטשן זיך אָנטאָן. און ווען זיי האָבן זיך געגרייט צו אַן אויפטריט, האָט זי זיי אָבסערווירט פון איר ווינקל. זי האָט געקאָנט אויסנווייניק די מאָטיוון, די מעלאָדיעס, די אַריעס. אירע בליקן האָבן נאָכגעפאָלגט שרהן און אירע ליפּן האָבן זיך באַוואויגן אין אוניסאָן מיט יענערס, שרעקנדיק זיך טאָמער מאַכט זי, חלילה, אַ טעות... אויך צום דעליקאַט־געבויטן פּיאַניסט, וואָס פּלעגט צוליב זיינע שווערע איבערלעבונגען אין לאַגער, פּלוצעם באַקומען הויכן פיבער, האָט זי געהאַט אַ מאַמעשע באַציונג. זי האָט אים, אָן צערעמאָניעס, אַריינגעלייגט אין בעט און ניט אַראָפּגעלאָזן ביז דער טערמאָמעטער האָט געוויזן נאָרמאַלע טעמפּעראַטור...

נאָך אין די וויטע הויכן קען מען, אַפּנים, ניט דערלאָזן אַ צו לאַנגע שלווה און האַרמאָניע ביי מענטשן, און אין איין טאָג האָט די אַליין־קראַנקע עלזאַ אויסגעהויכט איר איידעלע נשמה. אויפן שטאַרק־סענסיטיוון חיימען

האָט די אבדה טיף געווירקט. ער האָט עלזאַן איבערגעלעבט בלויז מיט איין יאָר...

ניין, מיר וועלן פאַר אייך ניט שילדערן, וואָס שרה פערשקאָ האָט איבערגעלעבט נאָך די צוויי שרעקלעכע אַבדה׳ס. ניייערט מיר וועלן גערנער פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ ליד, וואָס זי האָט ביים פינאַל פון אירן אַ קאָנצערט געזונגען מיטן נאָמען: „איך גלייב״.

איך גלייב — פון יעדן טראָפּן רעגן
וואַקסט אויס אַ בלום!
איך גלייב, אַז ערגעץ אין דער נאַכט —
ציטערט אויף אַ ליכט!
איך גלייב, אַז יעדער איינער וואָס בלאָנדזשעט
וועט עמעץ קומען און ווייַזן אים דעם וועג.

איך גלייב — אין אומענדלעכן חלל
פאַרנעמט ווער יעדעס וואָרט.
און ווען צו מיר דערטראָגט זיך
דאָס געוויין פון אַ ניי־געבוירן קינד.
צי איך באַריר אַ בלעטל פון אַ בוים
דאַן פאַרשטיי איך — פאַרוואָס איך גלייב!

חיים פערשקאָ

שרה פערשקאָ

אברהם ליס באַקאַנטער עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער, איז געווען דער גאַסט ביים היגן ייִוואָ־פאָרום אין 1982. ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: — „ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור״.

אַ. ליס איז געבוירן אין ביאַליסטאָק. ער האָט דאָרטן געענדיקט אַ העברעישע גימנאַזיע. הגם די העברעישע אַטמאָספער איז אים געווען אייגן און נאָענט, איז ער צוגעשטאַנען צו דער מחנה חובבי־יידיש, און צוגעשטאַנען איז ער עס אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געזען ווי אומיושרדיק יענער צד באַציט זיך צו יידיש און צום יידיש־שאַפן. זייַן ערשטער דעביוט אין יידיש איז געווען אין דער אָרטיקער פרעסע.

אברהם ליס האָט עולה־געווען מיט עטלעכע־און פערציק יאָר צוריק קיין ארץ־ישראל וואו ער האָט געפונען אַ קליינע גרופע יידישע שרייבער. אין יענע שווערע, ביז גאָר פיינטלעכע באַדינגונגען פאַר יידיש, האָט ער אונטערגענומען און אויסגעטראָגן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש אין לאַנד. ער ווערט באַטראַכט ווי איינער פון די בויערס און שאַפערס פון דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור. ליס האָט רעדאַגירט אַ ריי ליטעראַרישע אויסגאַבן. לאַנגע יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט אין די יידיש־אוידיציעס פון קול־ישראל. אַ צייט געווען פאַרוואַלטער פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג, אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין און זינט אַכצן יאָר איז ער דירעקטאָר פון „בית שלום־עליכם״ אין תל־אביב, וועלכן ער האָט געהאָלפן אויפשטעלן.

אברהם ליס האָט אַרויסגעגעבן פיר ביכער, אין וועלכע ער האָט אייַנגעזאַמלט זייַנע אַרבעטן וועגן שריפטשטעלער און זייערע ווערק: אין 1960 „היים און דויער״, אין 1969 „אין זכות פון וואָרט״, אין 1978 „אין דער מחיצה פון שאַפער״, און דאָס פערטע בוך „שמועסן בכתב״ אין בוך גייען אַריין מער ווי דרייסיק אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע פראָזאַאיקערס און דיכטערס. „שוין דער טיטל אַליין, שרייבט שלמה שווייצער, איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן אופן ווי אַזוי דער מחבר נעמט אויף זיין ראָל פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער. ער קומט ניט ווי אַ מוכיח בשער, ווי אַ קטיגור כלפּי דעם באַהאַנדלטן שרייבער און זיין שאַפונג. ער שמועסט זיך דורך מיט זיך אַליין, ער פירט מיט זיך אַ מין דיאַלאָג וועגן דעם שרייַבער און זייַן ווערק און לאָזט זייַן שמועס הערן אויך פאַר אַנדערע. ער שטייט טאַקע אין דער מחיצה פון שאַפער, אָבער ניט איבער אים אָדער קעגן אים. ער בלייבט ערלעך, שטרענג, אָביעקטיוו, כדי צו בלייבן געטריי דער וויכטיקער פונקציע, וואָס ער איז באַרופן אויסצופירן אין דער הייַנטצייַטיקער יידישער ליטעראַטור . . .

שמואל לאַפּין איז געווען עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון „ייוואָ" (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) ניו־יאָרק. ער האָט אָנגעהאַלטן זיבן יאָר דעם אַמט. ער איז נפטר געוואָרן אין יונגן עלטער פון 43. ער האָט פאַרמאָגט זעלטענע קוואַליפיקאַציעס און אַ רײַכע קענטעניש אין אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן און האָט אַרויסגעוויזן ממש אַ מסירת־נפשדיקע באַציונג פאַר יידיש און זײַן המשך . . .

שמואל איז געווען דער זון פון יידישן דיכטער בערל לאַפּין. ער האָט געקראָגן אַ פילזײַטיקע דערציונג אין יידישע שולן. ער האָט געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר. ער האָט שטודירט אין דראַפּסי און סיטי־קאַלעדזש. אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט האָט ער באַקומען דעם „מאַגיסטער־טעזיס" איבער די שאַפונגען: ה. לייוויק, יעקב גלאַטשטיין און איציק פעפער.

שמואל לאַפּין איז פריער געווען דירעקטאָר פונעם יוגנט־אָפּטייל בײַם יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. ער האָט אויך פאַרנומען אַן ענלעכע שטעל בײַ דער זעלביקער אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע. ער האָט אומעטום אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס ענערגיע און אַ הויכע פאַרשטענדעניש פאַר יידיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

שמואל לאַפּין האָט געהאָלפן שאַפן און באַפעסטיקן דעם „מאַקס וויַנרײַך־צענטער" פאַר העכערע יידישע שטודיעס; אויסברייטערן די „אוריאל וויַנרײַך־פּראָגראַמען פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור" אין דער קאָלומביע־הויכשול.

***

דאַריאָ קאָסיני איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־פאָרום מיט גרויס דערפאָלג. ער איז אַן אָנערקענטער טענאָר, וואָס איז וואויל־באַקאַנט אין די הויפּטשטעט פון שפּאַניע און איטאַליע. ער האָט געזונגען אויך דאָ אין לאַנד אין דער סימפאָניע־וועלט פון סעאַטל, פּאָרטלאַנד, שיקאַגע און ניו־יאָרק. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער „עד סאַליוואַן פּראָגראַם". מ'האָט אָנגע־קוואָלן פון אים אין דער „דזשעקי גליסאָן־אויפפירונג" און מ'האָט אים באַוואונדערט אין דעם „דעני טאָמאַס ספּעקטאַקל".

דאַריאָ קאָסיני איז געבאָרן אין לינדז, עסטרײַך. ער איז געווען אַ קרבן, ווי אַ סך יידן, פון היטלער־חורבן. ער האָט זיך געראַטעוועט, ווי דורך אַ נס קײַן סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרטן איז אים געלונגען צו שטודירן

מוזיק, שפּעטער האָט ער פאַרגעזעצט זײַן שטודיום אין איטאַליע אונטער דער השגחה פון באַרימטן טענאָר בעניאַמינאָ דזשילי. פון איטאַליע איז ער געקומען קיין אַמעריקע און דאָ געמאַכט זײַן פּערמאַנענטע היים . . .

***

הדסה קעסטין איז אַ קינסטלערין אין פּולן זין פון וואָרט. אירע אויפטריטן בײַם ייזווא־פאָרום האָבן געלאָזן אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אַזוי אין ווינטער־סעזאָן פון 1979, אַזוי אין 1985, ווען זי האָט געגעבן „אַ וואָרט־קאָנצערט פון דער יידישער ליטעראַטור".

הדסה קעסטין שטאַמט פון פּוילן. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי פאַרבראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט אירע עלטערן — חוה סלוצקי־קעסטין און חיים קעסטין.

נאָכן קריג איז די משפחה צוריקגעקומען קיין פּוילן. אין 1952 האָט הדסה געענדיקט מיט אויסצייכנונג די פּוילישע טעאַטער־אַקאַדעמיע, וואו זי האָט געלערנט טעאַטער־קונסט בײַ אַזעלכע מײַסטערס פון פּוילישן טעאַטער ווי שילער און זעלווערעוויטש. נאָכן ענדיקן ווערט זי אַנגאַזשירט אין פּוילישן קאַמער־טעאַטער, אָנגעפירט פון ערווין אַקסער. זי שפּילט דאָרטן אין קלאַסישע און מאָדערנע פּיעסעס. אין די יאָרן 1954־1956 טרעט זי אויף אין וואַרשעווער יידישן מלוכה־טעאַטער א"נ פון א. ר. קאַמינסקאַ. זי פירט דאָרטן אויף מיט דערפאָלג די גאָר וויכטיקע ראָלן פון אין „די געלע לאַטע" ביילקען פון „טביה דער מילכיקער" א׳אַנד.

הדסה קעסטין האָט אין 86־טן יאָר עולה געווען קיין מדינת ישראל צוזאַמען מיט איר מאַן, דער דיכטער, בינם העלער און טאָכטער, דינה. זי איז דעמאָלט אַנגאַזשירט געוואָרן אין טעאַטער „אהל". מיט צוויי יאָר שפּעטער שפּילט זי יידיש־טעאַטער מיט מאָריס שוואַרץ, יוסף בולאָוו, מיט זיגמונט טורקאָוו טרעט זי אויף אין העברעישן טעאַטער „זוטא" פון אירע פריסטע יאָרן האָט הדסה קעסטין געהאַט אַ פאַרלאַנג און דעם טאַלאַנט פאַרצולייענען ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. אין 1969 האָט זי אָנגעהויבן אויפטרעטן מיט זעלבסטשטענדיקע רעציטאַציע־פּראָגראַמען, צווערשט מיט אַ וואָרט קאָנצערט פון איציק מאַנגערס לידער און באַלאַדן. זי האָט באַזוכט מיט אָט דעם פּראָגראַם פאַרשיידענע שטעט און קיבוצים אין ישראל און מיט אײַנגעשלאָסענע פּראָזע־מוסטערן פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור האָט זי באַזוכט די גרויסע יידישע צענטערס אין אייראָפּע און אַמעריקע.

הדסה קעסטין האָט באַקומען אַ פּריז פון דער יידישער קהילה אין מעקסיקע און דעם „רובינליכט־פּריז" פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין מדינת־ישראל.

***

בינם העלער אַנגעזעענער דיכטער איז אויפגעטראָטן בײַם היגן ייוואָ־פאָרום און האָט שטאַרק אויסגענומען. ער איז געבוירן אין וואַרשע, אין אַ רעליגיעזער משפּחה, ער האָט געלערנט אין חדר און ישיבה, שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער, ווי ער גיט אָן אין זײַן ביאָגראַפישן נאָטיץ.

בינם העלער האָט דעביוטירט אין 1931 אין דער „פאָלקסצייטונג פאַר ליטעראַטור" אונטער דער רעדאַקציע פון מלך ראַוויטש. זײַן ערשט בוך לידער „שטאָכעטן" איז אַרויס אין וואַרשע אין 1932. אין 73־טן יאָר עמיגרירט ער קיין פּאַריז. פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קערט ער זיך אום אין דער פּוילישער הויפּשטאָט. ווען נאַצי־דייטשלאַנד אָקופּירט פּוילן, איז העלער אַריבער קיין ראַטן פאַרבאַנד. אין 1947 איז ער ווידער אין פּוילן. ענדלעך נאָך פיל וואַנדערונגען און נע־ונד זײַן באַזעצט ער זיך מיט זײַן פרוי, הדסה קעסטין און טאָכטער דינה, אין מדינת ישראל.

בינם העלערס לידער זײַנען איבערזעצט אין פיל שפּראַכן. צווישן זיי: פּויליש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און אוודאי עברית. ער איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער „ליטעראַרישע טריבונע" (וואַרשע), „פּאַריזער שריפטן", ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „ביאַליסטאָקער שטערן" און „פאָלקשטימע" (וואַרשע), מיטגרינדער און ערשטער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „ישראל־שטימע". די לעצטע צוואַנציק יאָר איז ער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ אין תל־אביב.

בינם העלער האָט אַרויסגעגעבן די פאָלגנדיקע ביכער: „שטאָכעטן", וואַרשע 1932, „אין אומרו פון טעג", וואַרשע 1933, „אויפן ווינט" וואַרשע 1936, „לידער", מינסק 1940, „די ערד האָט געציטערט", מאָסקווע 1947, „דער וועג אויף וואַרשע", מאָסקווע 1948, „דורך שאָטן און שיין", לאָדזש 1948, „אַ פרילינג אין פּוילן", וואַרשע 1950, „היימערד", וואַרשע 1951, „אין אונזער צייט", וואַרשע 1954, „דאָס ערשטע ליד", וואַרשע 1956, „קלאָרקייט" וואַרשע 1957, „בײַם ראַנד", ירושלים 1957, „נײַע לידער", תל־אביב 1964, „דור און דויער", תל־אביב 1967, „אַ בוים אין אָוונט", תל־אביב 1971, „אין וואַרשעווער

געטאָ איז חודש ניסן", תל־אביב 1973, „ביחידות", תל־אביב 1975, „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט", תל־אביב, 1980, „זיי וועלן אויפשטיין" 1984.

בינם העלער האָט באַקומען פּריזן: איציק מאַנגער־פּריז, פיכמאַן־פּריז, מענדעלע־פּריז, שלום אַש, מ. ז. טקאַטש, אַטראַן און שטוטשינסקי פּריזן (יידישער קולטור־קאָנגרעס).

***

בען באָנוס באַרימטער אַרטיסט און קינסטלערישער אויסטייַטשער פון יידישן ליד איז אויפגעטראָטן פיל מאָל בייַם ייִוואָ־פאָרום, און האָט, ווי געוויינטלעך, שטאַרק אויסגענומען.

בען באָנוס שטאַמט פון האָראָדענקע, אַ שטעטל אין גאַליציע. ער איז געקומען קייַן אַמעריקע מיט דער לעצטער שיף ערב דעם גרויסן יידישן חורבן. זייַן משפחה איז אומגעבראַכט געוואָרן, און די איינציק לעבן־געבליבענע מומע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין דעם לאַנד, האָט אים טאַקע אַהער געבראַכט.

שוין פון די ייִנגסטע יאָרן האָט באָנוסן געצויגן צום טעאַטער, יידיש טעאַטער! אגב, איז די גאַנצע פאַמיליע זייַנע געלויבט געוואָרן אין שטעטל פאַר זייער שיין זינגען. גלייַך ביַי זייַן אָנקום אין דער „גאָלדענער מדינה" האָט ער גענומען לערנען די לאַנד־שפּראַך און קולטיווירן זייַן שטימע. באָנוס איז אויפגעטראָטן אויף דער ראַדיאָ, פאַר דראַמאַטישע קרייַזן. אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט זיך געפונען זייַנער אַ קרוב, דער גרויסער קינסטלער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין באָנוסעס צוקונפט. ער האָט אים געוואָלט העלפן ווערן אַ שוישפּילער, לייַדער איז גראַנאַך קראַנק געוואָרן און איז פריצייַטיק אַוועק פון דער וועלט...

בען באָנוס האָט אין דער „מלאכים־שטאָט" אָנגעפירט מיט דראַמאַטישע קרייַזן און דורכגעפירט קאָנצערטן. ער האָט אַ סך געלערנט פון באַרימטן קינסטלער יעקב בן־עמי. זייַן שטייַגן אויפן קינסטלערישן באַרג־אַרויף דאַרף צוגעשריבן ווערן, דער עיקר צו זייַן אייַנגעבאָרענעם דראַנג און ליבע צום טעאַטער, צו זייַן גוואַלדיקער אינטואיציע און פאַרשטעלונגס־קראַפט און פאַרשטייט זיך, זייַן טאַלאַנט...

אין לויף פון דער צייַט איז באָנוס געוואָרן איינער פון די אָנער־קענטסטע אויסטייַטשער פון יידישן ליד און אויך ווי אַ שוישפּילער און

אונטערנעמער פון בעסערן טעאַטער. אינאיינעם מיט זײַן פרוי, מינאַ בערן, האָט ער זיך באַטייליקט אין טעאַטער־טורן איבער גאַנץ אַמעריקע, אַרגענטינע, מדינת־ישראל און אַנדערע לענדער. באַנוס האָט געבראַכט יידיש טעאַטער אויף בראָדוויי. ספּעציעל דרײַ גרויסע פאַרשטעלונגען, וועלכע זײַנען שטאַרק געלויבט געוואָרן פון דער יידישער און ענגלישער פרעסע. עס דאַרף אויך באַטאָנט ווערן, אַז באַנוס האָט דערמעגלעכט צו ברענגען אין זײַן טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו ס׳רוב יידישע פילמען...

און ווי זײַן פרוי, מינאַ בערן אינטאָנירט: „בען באַנוס איז געווען אַ טרוימער, אַ בויער, אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט מיט האַרץ און נשמה״ . . .

***

מינאַ בערן־(בערנהאָלץ) באַנוס די באַרימטע בינע־קינסטלערין

איז אויפגעטראָטן ביים ייווא־פאָרום, הן מיט איר מאַן, דעם קינסטלער בען באַנוס, הן פערזענלעך און האָט געלאָזן אַ שטאַרקן רושם. זי איז געבאָרן אין ביעלסק־פּאָדלאַסקי, פּוילן, דאָרטן געענדיקט אַ יידישע פאָלקשול און שפּעטער געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע.

מינאַ בערן האָט אָנגעהויבן איר אַרטיסטישע קאַריערע מיטן „אַראַראַט״ אין לאָדזש, אונטער דער לייטונג פון משה בראָדערזאָן. טאַקע ער, בראָדערזאָן, האָט דעמאָלט באַמערקט: „קיין האָלץ״ איז זי ניט, און האָט געקירצט איר נאָמען פון בערנהאָלץ אויף בערן. זי איז געוואָרן אַ מיטגליד אין יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן, וואו מ׳האָט געדאַרפט דורכמאַכן אַ שטרענגן עקזאַמען. נאָכן עקזאַמען האָט יעקב פּאַט געשריבן: עס האָט זיך אויסגעצייכנט אַ יונג, שיין מיידל פון ביעלסק־פּאָדלאַסקי מיט איר פּרעכטיקער שטים און מיט איר סאָלידן יידישן וויסן. גיך איז זי אָנגאַזשירט געווען צו שפּילן אין וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, קוריץ, איבער גאַנץ פּוילן, מיט די אָנגעזעענסטע יידישע קינסטלער...

אין קריגסצײַט האָט זי „גאַסטראָלירט״ מיט דזשיגאַן און שומאַכער אין רוסלאַנד. פאַרוואָגלט געוואָרן אַזש אין — אוגאַנדאַ, אַפריקע. אין 1944 איז זי געקומען קיין ארץ ישראל, וואָס מ׳האָט דעמאָלט גערופן „פּאַלעסטינע״. דאָרטן איז זי געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער, האָט געשפּילט פיר יאָר אין העברעישן טעאַטער. אין 1948 איז זי אויפגעטראָטן פאַר די יידישע זעלנער. דער קריג מיט די אַראַבער האָט געפלאַקערט, און הגם די סכנה איז געווען גרויס, האָט זי מיט איר געזאַנג און מיט איר עצם זײַן מיט זיי געשטאַרקט און געמוטיקט.

אין 1949 האָט מען מינאַ בערן פֿאַרבעטן קיין ניו־יאָרק אָנטייל צו־נעמען אין דער הויפט־ראָלע פון דעם ערשטן ישראל־רעוויו: „שלום תל־אביב!”. דאָרטן האָט זי זיך באַקענט מיט בען באָנוסן און ס׳איז געוואָרן אַ שידוך. אין 51־טן יאָר איז דאָס פּאָרל, ווי „טעאַטער־שטערן” אויסגעפּאָרן אַ שטיק אַמעריקע. אין 1974 זײַנען די צוויי באַערט געוואָרן פון אַרבעטער־רינג פאַר זייער אַרטיסטישער אַרבעט. אין 1984 האָט זיך בײַ בען באָנוסן אָפּגעשטעלט דאָס זינגעוודיקע האַרץ און ס׳איז פאַרשטומט געוואָרן דאָס יידיש ליד...

מינאַ בערן איז ווײַטער ממשיך איר שליחות צו ברענגען דאָס יידישע וואָרט, יידיש ליד און יידיש טעאַטער פאַרן יידישן עולם...

דאָ וואָלט אַוודאי געפּאַסט אַוועקצושטעלן אַ פּינטעלע אויף איר געקירצ־טער ביאָגראַפישער סקיצע, נאָר היות — אינטאָנירט זי — ווי אין מדינת ישראל לעבט איר טאָכטער מיט אירע צוויי אייניקלעך, האָפט זי, אַז די יידישע וועלט וועט אויך האָבן אַרטיסטישן נחת פון איר נאָכוואוקס...

פּראָפ. אַרטור לערמער   הרב דר. העשיל קלעפּפיש

שמעון וועבער
רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס"

הדסה קעסטין

בינם העלער

חיהלע גראַבער יידיש־העברעישע אַרטיסטין און שרײַבערין איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־פאָרום פיל מאָל. זי האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין דער יידישער עיר הבירה און חוץ אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טואונגען האָט זי אָנגעפירט מיטן קינדער־כאָר פון דער דוד פינסקי פאָלקשול.

חיהלע גראַבער שטאַמט פון ביאַליסטאָק. זי האָט געקראָגן אַ יידישע און אַן אַלגעמיינע בילדונג. אין די יאָרן פון דעם ערשטן וועלט־קריג איז זי פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מאָסקווע, און דאָרטן האָט זי אָנגעהויבן איר טעאַטראַלישע קאַריערע, דער עיקר אין דער „הבימה״ אין וועלכער זי איז געווען פון די מיטגרינדערינס. זײַט 1917 איז זי געווען אַקטיוו אויפן געביט פון העברעישן און יידישן טעאַטער און באַרײַזט כמעט אַלע יידישע ישובים איבער דער וועלט.

חיהלע גראַבער איז אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל אין 1928 און אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן איז די שטאָט געוואָרן איר סטאַבילע היים. זי האָט מיטגעאַרבעט אין „קאַנאַדער אָדלער״, געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישן און העברעישן טעאַטער. זי האָט זיך אויך באַטייליקט אין טאָראָנטער „יידישער זשורנאַל״ און אויך אין יידישע צײַטשריפטן איבער דער וועלט. זי האָט מחבר געווען די ביכער: „צו דער גרויסער וועלט״ און „מײַן וועג אַליין״. חיהלע גראַבער איז אויך די פאַרפאַסערין פון דער דראַמאַטישער אויפפירונג „אויף פרעמדער ערד״ (געשפּילט אין מעלבורן, אויסטראַליע).

חיהלע גראַבער האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין תל־אביב און איז דאָרטן נפטר געוואָרן. „איר שרײַבן צייכנט זיך אויס מיט אַ קלאָרן סטיל און מיט אַן אינטערעסאַנטן אופן פון שילדערן איר לעבנס־וועג״ . . . (יעקב זיפּער).

**
*

גוטאַ יופערט איז געבאָרן אין האַוואַנאַ, קובאַ, בײַ עלטערן וועלכע קומען פון וואַרשע. הגם דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער סוחר, האָט ער ניט געשפּאָרט קיין צײַט פאַר טובת־הכלל. אָט די שיינע מידה האָט איבערגענומען זײַן בת־יחידה, גוטאַ. ווען דער קאַסטראָ־אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אינדזל, און די יופערטס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער היים און זיך באַזעצן אין מיאַמי־ביטש, האָט גוטאַ זיך גלײַך אַרײַנגעוואָרפן אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איר הויז איז געוואָרן אַ זאַמל־אָרט

פאַר פאַרשיידענע כלל־אַקטיוויטעטן. אַ חשובן אָרט האָט דאָרטן פאַרנומען דער היגער „ייוואָ" זי האָט פאַררופן בײַ זיך די ערשטע פאַרזאַמלונג פון דער קובאַנער יידישער יוגנט, איר צו באַקאַנען מיט די צילן און פּראָבלעמען פון דער ייוואָ־געזעלשאַפט. ס'איז דעמאָלט אויפגעטראָטן פאַר דער גרופּע דר. אַרטור הערצבערג. בײַ אַ צווייטער געלעגנהײַט, האָט גערעדט בײַ איר דר. אַרטור לערמער.

***

דר. דוד־אליהו פישמאַן איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־פאָרום מיט זײַנע פאָרטראַגן און געלאָזן אַ שטאַרקן אײַנדרוק. ער איז געבוירן אין בראָנקס, ניו־יאָרק. ער איז דער זון פון יידישן געלערנטן, דר. שיקל פישמאַן. קינדווײַז האָט דוד באַזוכט די שלום־עליכם שול 21, שפּעטער אין גימנסיה העברית אין ירושלים. ער האָט באַקומען דעם באַקאַלאַוואָראַט (בי. איי.) אין ישיבה־אוניווערסיטעט, דעם מאַגיסטער און דאָקטאָראַט אין יידישע לימודים אין דער האַרוואַרד הויכשול.

דר. ד. א. פישמאַן האָט זיך געדרוקט אויף יידיש אין: „יידישע שפּראַך", „די צוקונפט", „אידישער קעמפער", פאָרווערטס" און אַנדערע פּובליקאַציעס.

דר. פישמאַן איז בײַם הײַנטיקן טאָג געהילף־פּראָפעסאָר אין בראַנדײַס־אוניווערסיטעט, וואו ער גיט קורסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור (אויף יידיש און אין ענגלישער איבערזעצונג), און וועגן דער געשיכטע און קולטור פון יידן אין מזרח־אייראָפּע.

***

ראַבאַי דר. יהודה מעלבער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די אַקטיוויטעטן פון דער ייוואָ־געזעלשאַפט. אין ווינטער־סעזאָן פון 1982 האָט ער אָנטייל גענומען אין אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: „רעליגיע און וועלטלעכקייט אין קאַמף פאַרן יידישן קיום".

הרב דר. יהודה מעלבער איז געבוירן אין בערלין, דײַטשלאַנד. ער איז אַ מוסמך פון ישיבת חכמי לובלין, פּוילן. ער האָט באַקומען זײַן „מאַסטער דיגרי" אין אַלגעמיינער פילאָסאָפיע פון „טאַפט־אוניווערסיטעט" אין באָסטאָן, מאַס. אַ פּ. ה. ד. טיטול אין יידישער פילאָסאָפיע פון דער ישיבה הויכשול,

ניו־יאָרק. ער איז געווען רעליגיעזער מנהיג אין דער „הגנה״ און האָט גע־קראָגן דעם „בן גוריון מעדאַל״ פאַר מעשים־טובים . . .

הרב דר. מעלבער האָט מחבר געווען צוויי ספרים אין יידישער פילאָסאָפיע: „אוניווערסאַליזם בײַם רמב״ם״ און „הערמאַן קאָהענס פילאָסאָפיע וועגן יודאאיזם״. ער ווערט דערמאָנט מיט כבוד צווישן „די באַוואוסטע אַמעריקאַנער אין דער צוויי־הונדערטיאָריקער ערע — 1976״. ער איז געווען פּרעזידענט פון דער קולטור־קאָמיסיע בײַ דער „מזרחי״, תל־אביב, בײַם רעליגיעזן ציוניזם אין ניו־ענגלאַנד, בײַם „מועדון עברי״, פלאָרידע, אַ וויכטיקער טוער בײַם „יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד״, לאַנג־יאָריקער רב פון טעמפּל ראַפאַעל, מיאַמי־ביטש, אַ מיטגליד פון רבנישער אַסאָסיאַציע אין דרום־פלאָרידע, אַ מיטגליד פון רבנישן קאָנסול אין אַמעריקע.

הרב דר. י. מעלבער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן אויף יידיש, העברעיש און ענגליש . . .

**
*

מרים גינגאָלד — כשמה כן היא! אַ לאַנג־יאָריקע טוערין אין דעם ייוואָ־קאָמיטעט און אַן אָפטע פאָרזיצערין בײַ די יערלעכע ייוואָ־פאָרומס. האָט אַ רײַכע געזעלשאַפטלעכע ביאָגראַפיע.

זי שטאַמט פון שטעטעלע דראָהיטשין, גראָדנער גוב., פון אַ באַלעבאַטישער היים. איר פאָטער — אַ ייד אַ תלמיד־חכם, איז געווען זייער אָנגעזען אין דער סביבה ווי אַ געניטער פעלדשער. יידן און, להבדיל, פּויערים פון אַרומיקן געגנט, פלעגן קומען צו אים זיך קורירן. די מאַמע, אַן אמתע אשת־חיל, איז געווען שטענדיק פאַרטאָן אין כלל־אַרבעט. די קינדער האָט מען געגעבן אַ יידישע דערציונג און מרימען אויך געשיקט אין אַ רוסישער גימנאַזיע.

מרים גינגאָלד איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1927 און זיך באַזעצט אין שיקאַגע. זי און איר מאַן זײַנען געווען סימפּאַטיקער פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג, איז געווען נאַטירלעך, אַז אויך אין נײַעם לאַנד זאָלן זיי זײַן באַאַנט צו דער ריכטונג. ער — אין „פאַרבאַנד״, זי — בײַ די פּרויען־פּיאָנערן. אין 1956 איז מרים גינגאָלד געווען אַ דעלעגאַטין צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים.

נאָך שיקאַגע איז איר היים געווען אַ היפּשע צײַט לאָס־אַנדזשעלעס און פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז עס געוואָרן מיאַמי־ביטש. און אין די אַלע דרײַ שטעט איז איר נאָמען געוואָרן אַ סינאָנים פאַר איבערגעגעבנקייט און טרײַשאַפט צום ציוניסטישן אידעאַל און פאַרן קיום פון יידישן פאָלק בכלל.

ס׳איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז אין משך פון איר לאַנג־יאָריקער טעטיקייט אין דער פּרויען־פּיאָנערן באַוועגונג, האָט זי שטענדיק פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין איר ראַטגעבערישן קאָנסול (אַדווײַזערי־באָרד). אין שיקאַגע, למשל, איז זי געווען די עקזעקוטיוו־סעקרעטאַרין פון דער גרופּע. זי האָט געהאָלפן שאַפן סעמינאַרן פאַר זעלבסטבילדונג. געווען אַ צײַט, ווען די פּרויען־פּיאָנערן האָבן געשפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָליע צווישן די יידישע פרויען אין שטאָט. בײַ פאַרוויילונגען איז געווען אַן אוממעגלעכקייט צו שפּילן קאָרטן. איינמאָל, געדענקט זי, האָט גאָלדע מאיר באַזוכט שיקאַגע צו אַדרעסירן די גרופּע. אַ ביסל פריער איז זי געווען פאַרבעטן אין אַ חברטעס הויז. אַרײַנקומענדיק אין שטוב האָט זי באַמערקט, ווי די לײַט זײַנען פאַרטאָן אין קאָרטן־שפּיל, האָט זי דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דאָס הויז.

מרים גינגאָלד דערמאָנט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד. דאָס איז פאַרגעקומען בעת די „יו־ען" האָט פאַרהאַנדלט און ענדלעך געשטימט וועגן דעם „צעטיילונג־פּלאַן". די שיקאַגע פּרויען־פּיאָנערן זײַנען דעמאָלט געווען פאַרזאַמלט בײַ אַן „עונג־שבת" אין אַ גרויסן האָטעל. אַלע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן באַשלוס. מיט אַמאָל האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און אימיצער האָט באַוויזן דעם „ווי" צייכן. טרערן האָבן זיך באַוויזן בײַ מענטשן. באַלד איז דער גאַנצער זאַל געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ פרײדיקן געוויין . . .

***

דר. בערל פרימער איז אַ גאַנץ אָפטער גאַסט בײַ דעם היגן ייוואָ־פאָרום. אין 1982 האָט ער געהאַלטן אַ לעקציע אויף דער טעמע: „די גייסטיקע בריק צווישן ישראל און דער יידישער וועלט". אין 1984 האָט ער געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם „העברעיש־יידישן דיכטער, אהרן צייטלין", אין 1985 האָט ער רעפערירט וועגן „די יידישע וועלט־פּאַנאָראַמע".

דר. ב. פרימער איז געבוירן אין טאַרנע, וואָלין. ער האָט געענדיקט אַ העברעישע גימנאַזיע פון תרבות אין קאָוועל. ער האָט באַקומען דעם

יוריספרודענץ־דאָקטאָראַט אין ליעזש, בעלגיע (1935). ער האָט אויך גראַדואירט אין פּאָליטישע וויסנשאַפטן פון דער סאָרבאָן, פּאַריז (1939).

דר. ב. פרימער שרייַבט אין פאַרשיידענע צייַטשריפטן אין העברעיש, יידיש, פראַנצויזיש און ענגליש. ער האָט מחבר געווען צוויי ביכער יידישע עסייען: „יידישע האָריזאָנטן" און „אין פייַער פון געשעעניש". דאָס ערשטע בוך איז דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג (1983). ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אונדזער וואָרט" (פּאַריז), „פאָלק און ציון", און די „לעצטע נייעס" (ישראל). ער דרוקט זיך אויך אין („יידישע פּרעסע" אַרגענטינע), אויסטראַליע, מעקסיקע. זייַן הויפּט טעמע: רייַזע־באַשרייַבונגען איבער דער וועלט: דרום־אַפריקע, סאָוועט־רוסלאַנד.

דר. בערל פרימער דרוקט זיך אויך אין „פאָרווערטס", „דער אַלגעמיינער זשורנאַל", „אידישער קעמפער", „די צוקונפט".

***

דר. אַרטור הערצבערג האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט בייַם ייוואָ־פאָרום וועגן „דער מקור פון אַמעריקאַנעם אַנטיסעמיטיזם". ער שטאַמט פון פּוילן און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1926. ער האָט באַקומען זייַן „בי. איי." אין „דזשאָן האָפּקינס" אוניווערסיטעט אין 1940. ער האָט גע־קראָגן סמיכה אויף רבנות אין יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין 1943. אין 1956 איז ער געוואָרן ראַבאַי אין טעמפּל „עמנואל" אין ענגלוואוד נ. דזש.

דר. הערצבערג האָט שטודירט געשיכטע אין די הויכשולן פון קאָלומביע און האַרוואַרד. ער איז געוואָרן געהילפס־פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין קאָלומביע אין 1961, אַ מיט־פּראָפ. פון געשיכטע אין ראַדזשערס־אוניווערסיטעט איז ער געווען אין די יאָרן 1966־1968, רעליגיע־לעקטאָר אין פּרינסטאָן 1968־1969. איז געווען „טשאַפּליין" אין יו. עס. לופט־פלאָט 1951־53. ער האָט מחבר געווען די פאָלגנדע ווערק: „דער אויסבראָך וואָס דערוואַרט די „יו. עס" (1963), „די ציוניסטישע אידעע", „די פראַנצויזישע אויפקלערונג און די יידן" און „יודאיזם" 1959.

***

ל. לאַסאַווין איז איינער פון די ראשונים בײַ דער ייוואָ־געזעלשאַפט. ער האָט זיך גענומען אַקטיוו באַטייליקן אין דער אַרבעט, מחמת געוויסע סיבות, וועלכע זײַנען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, אַ סך שפּעטער. אין 1977 האָט ער רעפערירט בײַם ייוואָ־פאָרום אויף דער טעמע: „דער איבערגאַנג פון שופט צו מלך", אין 78־טן יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ „הזכרה פאַר די אומגעקומענע יידישע שרײַבער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד", מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער גערעדט וועגן „ה. לייוויקס הויפּט־מאָטיוו אין דער יידישער פּאָעזיע". אין 83־טן יאָר איז ער געווען דער מאָדעראַטאָר בײַם סימפּאָזיום וועגן „מדינת ישראל און די תפוצות", אין 1986 האָט ער גערעדט וועגן דעם קינסטלער, חיים פּערשקאָ — צו זײַן ערשטן יאָרצײַט.

ל. לאַסאַווין שטאַמט פון אָדעס. געלערנט אין חדר און אין אַ פּריוואַטער יידיש־רוסישער שול. אויסגעוואַנדערט אַלס ייִנגלינג מיט די עלטערן קיין ביירוט, לבנון. דאָרטן געלערנט אין דער „אַליאַנס־שול" און אין „קאַלעדזש לאַיק". פון ביירוט עמיגרירט קיין אַמעריקע. געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר, אײַנצײַטיק שטודירט אין סיטי־קאַלעדזש. אין 1930 דעביוטירט מיט דער קינדער־דערציילונג „פינף ברידער זײַנען זיי געווען" אין „קינדער־זשורנאַל", אונטער ניגערס רעדאַקציע, געשריבן דערציילונגען, באַוועלן, רײַזע־אײַנדרוקן און רעצענזיעס. מיטגעאַרבעט: אין „צוקונפט", פּ. א. ש., „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", „קולטור און דערציונג", „ניו יאָרקער וואָכנבלאַט", „אויפקום", „גרינע ביימעלעך" און „חבר", ווילנע, דער „וועג" און „פּאָרויס" מעקסיקע, „דער שפּיגל" און „אַרגענטינער ביימעלעך", דער „אָדלער", קאַנאַדע, „היימיש" און „לעבנס־פראַגן" ישראל. „אַלגעמיינער זשורנאַל" ניו־יאָרק. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אָנהייב", מיאַמי.

לאַסאַווין האָט איבערזעצט פון ענגליש: „באַגראָבט די טויטע" פון אירווין שאָו און „לעסי קום אַהיים" פון עריק נאַיטס. אין בוכפאָרעם זײַנען דערשינען: „צו דער זון (1938), „אַ חתונה אויפן באַרג לבנון" (1958), „אויסגעוואָרצלטע מענטשן" (1956), „אין שטענדיקן געראַנגל" (1970) און „אַ נאַכט אויפן ים כנרת" (1980). ל. לאַסאַווין איז געווען דער מיאַמי־קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", שפּעטער פון „אַלגעמיינעם זשורנאַל" און נאָכדעם פון טעגלעכן „פאָרווערטס". ער איז געווען יאָרן־לאַנג לערער אין די אַ. ר. שולן, אין צייט דירעקטאָר פון דער א. ר. מיטל־שול אין שיקאַגע. און אַ יאָר אינסטרוקטאָר פון יידיש אין דעם מיאַמי־אוניווערסיטעט. ער איז דער גרינדער און אָנפירער פון ערשטן יידישן

קולטור־קלוב אין מיאַמי, וואָס עקזיסטירט שוין העכער אַ פערטל יאָר־הונדערט.

ס׳האָבן געשריבן וועגן לאַסאָווינס ביכער: ח. ש. קאַזדאַן „אונדזער שול״ (1936), דר. אַ. מוקדוני „מאָרגן־זשורנאַל״ (1936), ש. ניגער „טאָג״ (1937), י. גלאַנץ „דער וועג״ (1937) מעקסיקע, ש. ראַבינאָוויטש „צוקונפט״ (1937), דער לעבעדיקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ (1958), צודיקער „דער שפּיגל״ אַרגענטינע (1959), פּ. שטיינוואַקס „קאַנאַדער אָדלער״ (1960) און „אַמעריקאַנער״ (1960), מ. קושניר „אמר״ ישראל (תש״י), משה פּריליכאָוו „וואָכנבלאַט״ (1970), מלך עפּשטיין „פרייע אַרבעטער־שטימע״ (1970), גבריאל ווײַסמאַן „לעבנס פּראָגן״ 1967 און 1970, חיים לייב פוקס „טאָג מ. זשורנאַל״ (1970), באַרווין פּרענקל „אונדזער שטימע״ פּאַריז (1970), דר. ב. אָרענשטיין „קאַנאַדער אָדלער״ (1971), דר. יצחק אונטערמאַן „קאַנאַדער אָדלער״ (1971), הערשל ווײַנרויך „טאָג מ. זשורנאַל״ (1971), י. גראָסמאַן „קאַנאַדער אָדלער״ (1975), אברהם ליס „לעצטע נײַעס״ (1982), שמעון גובערעק „אָדלער״ (1984), דר. העשיל קלעפּפיש „אידישער קעמפער״ 1978 און 1980), מרדכי באַומאַן „אַלגעמיינער זשורנאַל״ (1984), יוסף ראָגעל „קאַנאַדער אָדלער״ (1984).

***

לייבל טענצער איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־פאָרום אין 1984 מיט אַ לעקציע אויף דער טעמע: „יעקב זיפּער — דער מענטש, לערער און שרײַבער״, וואָס איז געווען אינטערעסאַנט, אינפאָרמאַטיוו און באַלערנט.

ל. טענצער קומט פון שטעטעלע אָזדוטיטש, וואָס געפינט זיך אויפן וועג צווישן לודמיר און לוצק, אין וואָלין. ער האָט געענדיקט די ווילנער יידישע רעאַל־גימנאַזיע. שפּעטער האָט ער אויסגעקליבן די לערער־פּראָפעסיע. אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען פאַרוואָרפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין 46־טן יאָר, ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פּוילן, איז ער געוואָרן געהילפס־פאַרוואַלטער פון דער וראָצלאַווער יידישער שול און לעקטאָר אויף די זומער־קורסן, וואו מ׳האָט געגרייט לערערס פאַר יידישע שולן.

אין 1948 האָט טענצער עמיגרירט קיין מאָנטרעאָל. ער איז דאָרטן געוואָרן לערער אין די פּרץ־שולן און אין 1953 וויצע־פּרינציפּאַל. ער האָט געאַרבעט מיט יעקב זיפּערן ביז 1970, און פון יענעם יאָר ביז 1981 האָט

ער פֿאַרנומען דעם פּאָסטן אַלס וויצע־פּרינציפּאַל פֿון די פֿאַראייניקטע פּרץ־און־פֿאָלקשולן. אין זעלביקן יאָר ווערט ער באַשטימט אַלס דירעקטאָר פֿון די יידיש־לימודים אין דער ביאַליק מיטלשול. גלײַכצײַטיק איז ער לערער פֿון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין לערער־סעמינאַר. אין 69־טן יאָר הייבט ער אָן אַרבעטן אין באַקאַנטן מעגיל־אוניווערסיטעט אין דער אָפּטיילונג פֿון יידישע לימודים, וואו ער איז ממשיך אויך אַצינד. וואָס ס׳איז שייך צו די פֿריער־דערמאָנטע אַקטיוויטעטן, האָט ער זיך צוריקגעצויגן נאָך אין 1983. אָבער ער טוט וואָלונטיר־אַרבעט פֿאַר געוויסע שולן.

ל. טענצער האָט געדרוקט פֿיל אַביעקטן אויף ליטעראַרישע טעמעס אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן. ער איז אַקטיוו אין דער מאָנטרעאַלער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק. ער איז אַ מיטגליד פֿון קולטור־קאָמיטעט און טרעט אָפּט אַרויס מיט רעפֿעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס. ל. טענצער איז אַצינד דער פֿאָרזיצער פֿון דער „י. י. סיגאַל־פֿונדאַציע״.

***

שמשון גלאַזמאַן האָט אָנטיילגענומען אין אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: „רעליגיע און וועלטלעכקײַט אין קאַמף פֿאַרן יידישן קיום״ בײַם ייוואָ־פֿאָרום אין 1982. ס׳האָבן זיך אויך באַטייליקט הרב דר. יהודה מלבר און אליעזר אַראָנאָווסקי.

ש. גלאַזמאַן איז געבוירן אין שטעטל, באַראַנעווקע, וואָלינער גוב. זײַן דערציונג איז געווען — ווי ער רופֿט עס — אַ רעליגיעז־וועלטלעכע: חדר, „אוראָקן״ און חשבונען בײַ אַ לערער. צו אַכט יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא. ער האָט שוין געקאָנט גאַנץ „ישעיהו״ אויסנווייניק. זײַן טאַטע האָט אים געצאָלט אַ קאָפּיקע פֿאַר יעדן קאַפּיטל.

ש. גלאַזמאַן האָט זייער יונג פֿאַרלאָרן זײַן מאַמע. זײַן פֿאָטער, אַ זון פֿון ר׳ שמשון דעם סופר, איז שוין געווען אַ וועלטלעכער ייד, אַ משכיל, אַ ציוניסט, געלייענט די „הצפירה״ און געווען אַ איבערצײַגטער העברעער און ווי געוויינטלעך אַן „אַנטי־זשאַרגאָניסט״.

צו צען יאָר איז גלאַזמאַן אָנגעקומען לערנען צו אשר דעם שוחט, גמרא. דאָרטן האָט ער איינמאָל אַרײַנגעקראָגן אַ ביכל פֿון בעל־מחשבות. אין דער היים האָט ער באַקומען אַ גאַב פֿון טאַטן פֿאַר לייענען אַזאַ טריף־פּסול.

דאָס איז געווען זײַן ערשטע לעקציע איבער דער „שפּראַך־פּראַגע". זײַן פאָטער האָט געהאַט אַ קראָם פון אײַזנוואַרג און איז געווען שטאַרק פאַר־נומען, פון דעסטוועגן האָט ער אין זינען געהאַט דעם זונס דערציִונג. אַ חודש פאַר זײַן בר־מצוה האָט ער אים אָפּגעפירט אין דער ישיבה „אור־תורה". אין דער ישיבה איז אים ניט געווען שלעכט, געגעסן האָט ער בעסער ווי אין דער היים. אין 1914 האָט ער זיך אומגעקערט אַ היים. די לאַגע אין הויז איז געווען ווײַט פון גוט. די פרוי, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון זײַן מאַמען, איז ניט געווען קיין שלעכטע, נאָר זייער אַ קאַרגע. ס'איז געווען אַ גליק, וואָס ער האָט באַלד געקראָגן עטלעכע העברעישע לעקציעס. זײַן עלטערער ברודער, עליק האָט אים אַרײַנגענומען אין אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, אין „יוגנט־בונד". דער טאַטע האָט דערפון ניט געטאָרט וויסן, אָבער ער האָט זיך יאָ דערוואוסט, אָבער גלאַזמאַנען האָט עס שוין דעמאָלט ניט געאַרט. ער האָט שוין דעמאָלט אָפן געלייענט פּרצן און האָט שטאַרק הנאה געהאַט. אָנהייב 1917 איז ער אַוועק קיין אָדעס, וואו ס'האָט זיך געפונען זײַן ברודער עליק. ער האָט דאָרטן געפונען אַרבעט, און אין אָוונט געלערנט אויף „וועטשערניע" (אָוונט) קורסן, אַרײַן אין 5־טן קלאַס גימנאַזיע, זיך אויס־געצייכנט אין אַלגעברע, געאָמעטריע, היסטאָריע און געאָגראַפיע, אָבער דורכ־געפאַלן אין דער רוסישער שפּראַך.

אין 17־טן יאָר איז ער צוריק אין זײַן היימשטעטל, האָט געגעבן „אוראָקן", געווען לערער אין אַ דאָרף. אין 1919 האָט ער איבערגעלעבט דרײַ פּאָגראָמען, אין איינעם שיעור ניט פאַרלאָרן זײַן לעבן. ער האָט זיך דורכ־געשריבן מיט אַ פעטער אין אַמעריקע. נאָך לאַנגע מאַטערנישן, האָט ער ענדלעך באַקומען פון אים אויף רײַזע־הוצאות פאַר זיך און פאַר זײַן שוועסטער. פאַרן קיין אַמעריקע האָט מען שוין דעמאָלט ניט געקענט, האָט ער פאַרקערעוועט קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. גלאַזמאַן האָט געלעבט דרײַ חדשים אין מאָנטרעאַל. ער האָט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס אין העברעיש, אין דער לײדיקער צײַט פאַרבראַכט אין דער גרויסער יידישער ביבליאָטעק, האָט איבערגעלייענט מענדעלען, פּרצן און גאַנץ שלום־עליכם, און האָט אויך באַוויזן אָנצושרײַבן עטלעכע אַרטיקלען פאַרן „קאַנאַדער אָדלער".

אין 1921 איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. אוודאי האָט אים געצויגן צום פעטער, אָבער נאָך מער אפשר צום „יידישן לערער־סעמינאַר", וועגן וועלכן ער האָט נאָך געהערט אין דער היים, מיט צוויי טעג שפּעטער איז ער שוין געווען אַ תלמיד דאָרטן. אין 1924 האָט ער גראַדואירט.

אויף דער עצה פון באַקאַנטן שרײַבער, קלמן מרמר, האָט ער זיך פאַרשריבן אויפן געשיכטע קורס פון „יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט״. יענער איז טאַקע געווען דער געשיכטע־לערער, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט בײַ אים, זענען ניט אַזוי די געשיכטע פאַקטן, ווי דעם אופן צו זוכן אַליין די פאַקטן. יענער האָט אים טאַקע באַטיטלט מיטן נאָמען „היסטאָריקער״.

אין 1928 איז גלאַזמאַן געוואָרן לערער אין די „אומפּאַרטייאישע שולן״ אין לאָס־אַנדזשעלעס, און פינף יאָר איז ער געווען געשיכטע־לערער אין „יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט״. אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט די אַלטע מאַנוסקריפּטן, וועלכע מ׳האָט גע־פונען אין היילן פון מדבר יהודה, ניט ווײַט פון ים־המלח. ער האָט אײַנגע־קויפט אַלע ביכער וועגן דעם ענין. עס זענען דערשינען ביכער כמעט אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן, אוודאי אין העברעיש. וועגן די „מגילות״ אין יידיש איז אַזוינס ניט געווען בנמצא. האָט ער באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַ בוך וועגן זיי.

אין 1959 האָט ער באַזוכט מיט זײַן פרוי מדינת ישראל. מיט דער הילף פון זײַן קוזין, צבי אפרתי, אַ נאָענטער פרײַנד פון אַרכעאָלאָגיע־פּראָפעסאָר א. ל. סוקעניק, האָט ער אים געבראַכט צו די סוקעניקס, און די פרוי, כאַסיע סוקעניק, האָט אים געגעבן די דערלויבעניש און די שליסלען פון קעלער, וואו די „מגילות״ זײַנען געווען באַהאַלטן, כדי זיך צו באַקענען מיט די אַלטע כתבים. ער האָט פאַרבראַכט אין קעלער אַ גאַנצן טאָג.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק, האָט זיך גלאַזמאַן גענומען שרײַבן וועגן די מגילות. דאָס בוך איז אַרויס אין 1965. ס׳איז, קאָנטיק, געווען אַ גרויס דערפאָלג. ער איז אויסגעפאָרן מיטן בוך אין אַ סך שטעט דאָ־הי און קאַנאַדע, ווי אין פיל לענדער פון דרום־אַמעריקע, און געהאַלטן לעקציעס וועגן די „מגילות״.

אין 1980 האָט גלאַזמאַן אָפּגעדרוקט אַ בוך וועגן דער „געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם״. דאָס בוך האָט מאַקס ראָזענפעלד איבערזעצט אויף ענגליש, און עס איז אַרויס פון דער „בלאָק פּאָבלישינג קאָמ.״ אויך דאָס בוך האָט שטאַרק אויסגענומען.

⁂

דר. סעמיועל פּאָרטנאָי געשיכטע־פּראָפעסאָר פון פלאָרידע אַטלאַנטיק אוניווערסיטעט האָט געהאַלטן רעפעראַטן בײַם ייוואָ־פאָרום איבער פאַרשיידענע יידישע־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ער איז אַ הי־געבאָרענער און איז אַ „לעבנס־לענגלעכער מיטגליד פון אַרבעטער־רינג״ שרײַבט ער מיט ניט קיין פאַרבאָרגענעם שטאָלץ, ער האָט גראַדואירט די אַ. ר. מיטלשול און איז אַן אויסגעשפּראָכענער יידישיסט!

דר. ס. פּאָרטנאָי האָט אַ „מאַסטער אָף אַרט״־טיטל פון שיקאַגע אוני־ווערסיטעט און אַ „פּי אייטש. די״ פון דער הויכשול אין וויסקאָנסין. פריער איז ער געווען אינסטרוקטאָר אין די קאָלעדזשעס פון פּענסילוועניע און ניו־דזשוירזי, אַ סיניאָר מיטגליד פון פאַקולטעט פון פלאָ. אַטלאַנטיק־אוני־ווערסיטעט, אַ טשאַרטער מיטגליד פון דער הויכשולס־סטעף, אָרגאַניזאַטאָר און ערשטער פאָרזיצער פון דעפּאַרטמענט פון געשיכטע, געוועזענער פּרע־זידענט פון דער פלאָרידער קאָנפערענץ פון קאָלעדזש געשיכטע־לערער. „אַרעאַס״ פון ספּעציאַליזאַציע: רוסישע און דײַטשע היסטאָריע; נײַנצענטער און צוואַנציקסטער יאָרהונדערט אייראָפּעישע געשיכטע; מאָדערנע יידישע געשיכטע; יידישע סאָציאַלע געשיכטע.

דר. ס. פּאָרטנאָי איז אַ פּראָמינענטער לעקטאָר אויף טעמעס פון אַק־טועלער און היסטאָרישער וויכטיקייט, אײַנגעשלאָסן; דעם מיטל מזרח; סאָוועטישער און אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניזם; פאַרשידענע טעמעס אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, וואָס נעמען אַרײַן חסידיזם; ציוניזם; יידישע אַרבעטער און סאָציאַלע באַוועגונגען אין אייראָפּע און אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן; פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער קולטור אויף יידיש.

דר. ס. פּאָרטנאָי איז אַ מחבר פון אַרטיקלען אויף ענגליש און יידיש, אַן איבערזעצער און רעדאַקטאָר פון די לעצטנס פּובליקירטע זכרונות פון וולאַדימיר מעדעם: „דאָס לעבן און נשמה פון אַ לעגענדאַרן יידישן סאָציאַליסט״ פאַרערלעכטער פירער פון יידישן אַרבעטער „בונד״.

**
*

חזן שלמה מייזעלס האָט זיך באַטייליקט אין די פראָג־ראַמען פון ייווא־פאָרום און האָט אויסגענומען בײַם עולם. ער שטאַמט פון גאַליציע. זײַן פאָטער איז געווען אַ חסידישער חזן. ער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע אַלס קינד מיט זײַנע עלטערן. ער האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין חזנישע כאָרן. זיבן און דרײַסיק יאָר איז מײַזעלס געווען הויפּט־חזן אין טעמפּל אין קליוולאַנד, וואו ער האָט דורכגעפירט פיל מוזיקאַלישע־דינסטן פאַר דער סינאַגאָגע, אײַנגעשלאָסן „ערבית לשבת" פון י. בראַון און „שבת מציון".

ש. מײַזעלס איז געווען נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון חזנים־פאַרבאַנד דרײַ יאָר צײַט. אין 1964 האָט ער אָרגאַניזירט די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון מוזיקער און חזנים, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מדינת ישראל. אין 1979 האָט אים באַערט דער „קאָלעדזש פון יידישע שטודיעס" אין קליוולאַנד מיטן טיטל „דאָקטאָר פון יידישער מוזיק". ער איז אַ רעקאָרדירטער אַרטיסט פון „אַר. סי. איי." וויקטאָר־און־מקווה־דיסקן, אײַנ־געשלאָסן קאָמפּאָזיציעס פון שלום סעקונדע: „מלכה שבת" און „זמירות".

***

יעקב בלאַנק איז אויפגעטראָטן בײַם ייווא־פאָרום ס'ערשטע מאָל אין 1983 מיט אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע: „די ירושה פון חיים־נחמן ביאַליק", און אין 85־טן יאָר האָט ער גערעדט וועגן: „חיים גראַדע, מײַסטער פון פּראָזע און פּאָעזיע אין יידיש". יעקב בלאַנק שטאַמט פון מעזריטש, פּוילן. ער האָט געלערנט אין חדר און אין העברעישע שולן. ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע דערציונג. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1930 האָט גראַדויִרט פון „פּראַט־אינסטיטוט", און אין 1938 פון יידישן לערער־סעמינאַר. ער איז געווען 35 יאָר לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן און אין מיטלשול, יידיש־אינסטרוקטאָר אין יידיש־געזעלשאַפטלעכע צענטערן, קולטור־דירעקטאָר אין קעמפּ „בויבעריק" בײַם שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט.

יעקב בלאַנק האָט באַקומען אין 1971 אַן אויסצייכנונג פון אַ. ר. בילדונגס־קאָמיטעט, און אין 1973 אַן ערן־דיפּלאָם פון יידישן לערער־סעמינאַר

ווי, אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זײַנע דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער דערציונג. אין 1974 איז אין ניו־יאָרק „טײַמס" געווען אָפּגעדרוקט אַן אינטערוויו מיט י. בלאַנקן וועגן „יידיש אין אונדזערע שולן" וואָס ישראל שענקער האָט געהאַט מיט אים.

בײַם יערלעכן א. ר. שול־באַנקעט (1985) איז יעקב בלאַנק באַערט געוואָרן אַלס „לאַנג־יאָריקער דערציער פון פיל־צאָליקע תלמידים און זיי דערנענטערט צו אונדזער פאָלק.

בײַם פּײַערלעכן באַנקעט פון בר־אילן אוניווערסיטעט צו באַערן יידישע דערציער און קולטור־טוער, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24־טן יאַנואַר, 1986, אין קאָנאָווער־האָטעל האָט יעקב בלאַנק אויך געקראָגן אַן אויסצייכענונג פאַר זײַנע מעשים־טובים אין דער ספערע פון יידישער דערציונג.

זאָל שוין דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז י. בלאַנק איז אַ פּאָפּולערער לעקטאָר און רעציטאַטאָר פון דער יידישער ליטעראַטור.

***

דינה האַלפּערין באַרימטע בינע־און־קאָנצערט קינסטלערין איז אויפגעטראָטן בײַם ייִוואָ־פאָרום אין די ווינטער־סעזאָנען פון 1984 און 1985 און האָט געמאַכט אַ גרויסן פוראָר. דער טעמפּל „בית שלום" איז געווען איבערפילט. ס'איז געווען אַ קאָנצערט פון יידיש־קינסטלערישן וואָרט אין גייסט פון אונדזערע שענסטע טראַדיציעס. זי האָט אינטערפּרעטירט שאַפונגען פון פּרץ, לייוויק, גראַדע, איציק מאַנגער און אַ צאָל אַנדערע גרויסע מײַסטערס. ס'האָבן קוואַליק געשטראָמט אירע רייד ווי פון אַ כישוף־פאָנטאַן, אַלץ בעל־פּה, אָן אַ געשריבענעם טעקסט.

דינה האַלפּערין שטאַמט פון וואַרשע. זי איז אַ קרובה פון אסתר רחל קאַמינסקאַ. זי האָט אָנגעהויבן איר אַרטיסטישע קאַריערע זייער יונג ווי אַ באַלעט־טענצערין, טאַקע אין באַרימטן וואַרשעווער קאַמינסקאַ טעאַטער. פאַר איר קומען קיין אַמעריקע אין 1938 האָט זי אָנטיילגענומען אין אַ גרויסער צאָל פאַרשיידענע דראַמעס און מוזיקאַלן, ווי אויך אין פילמען,

ווי „דער נדר", „דער דיבוק". זי איז באַקאַנט פאַר איר פאָרטרעטירן אַזוינע פיל־זײַטיקע כאַראַקטערן ווי עסמערעלדאַ אין וויקטאָר יוגאָס „הויקער פון נאָטרדאַם", פּראַזינאַ אין מאָליערס „דער קאַרגער" און עליזאַ אין בערנאַרד שאָ'ס „פּיגמעליאָן".

דינה האַלפּערין איז פון יאָר 1938 ביז 1948 אַרויסגעטראָטן אין די וויכטיקסטע שטעט פון אונדזער לאַנד, אין קאַנאַדע, דרום אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרײַך. אין משך פון דעם יאָרצענדליק האָט זי געשפּילט מיט מאָריס שוואַרצן, אין „יידישן קונסט־טעאַטער", מיט בן־עמי, און איז אויפגעטראָטן אויף קאָנצערטן. נאָך דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע, וואָס האָט פאַרפּלייצט פּוילן אין די זעכציקער יאָרן, איז זי פאַרבעטן געוואָרן פון פּוילישן קונסט־מיניסטעריום צו באַזוכן איר אַמאָליק היימלאַנד. זי האָט דאָרטן גאַסטירט זיבן טעג, בײַ איר ערשטן אויפטריט אין וואַרשע, האָט מען בײַם ביסל־לעבן־געבליבענע יידן געמערקט טרערן אין די אויגן פון גרויס חידוש און געריטקייט צו זען אַ יידישע אַרטיסטן אויף אַ פּוילישער בינע מיטן יידישן לשון אין מויל . . .

דינה האַלפּערין האָט גראַדואירט דעם ספּערטום קאַלעדזש אין שיקאַגע אין 1962. זי האָט דאָרטן שטודירט העברעיש און די העברעישע ליטעראַטור. ווען דער ערשט־דערמאָנטער קאַלעדזש האָט געפּײַערט זײַן זעכציקסטן יובילײ, האָט מען בײַם געהויבענעם באַנקעט באַערט די אַרטיסטין מיט אַן אויס־צייכענונג פאַר איר לאַנג־יאָריקער שעפערישקייט.

פּראָפ. גרשון ווײַנער, וואָס פאַרטרעט „די רענאַ קאָסטאַ" שול פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור פון בר־אילן אוניווערסיטעט, אין ישראל, האָט אַנאָנסירט, אַז בײַ דער דערעפענונג פון אַפּיליאירטן „דינה האַלפּערין אינסטיטוט פאַר יידישע קונסטן" וועט מען פאַרלייגן אַ פּראָגראַם, וואָס וועט אַריינגעמען דראַמאַטישע, מוזיקאַלישע און אַנדערע טעאַטראַלישע קאָמפּאָנענטן. דאָס וועט פאַרקומען אויפן קעמפּוס פון רמת־גן. בײַ דער יום־טובדיקער געשעעניש וועלן אַנוועזנד זײַן פיל חשובים פון מדינת ישראל און פון די תפוצות מיטן ראש־הממשלה, חיים הערצאָג, אין דער שפּיץ, וועלכער וועט אַדרעסירן די פאַרזאַמלונג.

ווען מען רעדט וועגן מדינת ישראל, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דינה האַלפּערין איז שוין עטלעכע מאָל געווען אויף גאַסטראָלן אין לאַנד. זי האָט געגעבן וואָרט־קאָנצערטן אין ירושלים, תל אביב און באר־שבע. זי, וואָס האָט

פאַרלאָרן איר גאַנצע משפחה בעת די גרויליקע חורבן־יאָרן און זיך אָפּט געפילט אינערליך עלנט, איינזאַם און פאַרלאָרן, האָט אין יידישן לאַנד איבערגעלעבט טעג פון עלית־נשמה, פון נייַעם גלויבן און בטחון.

דינה האַלפערן

שבע צוקערס ערשטער און (דערווײַל) איינציקער אופטריט בײַם ייוואָ־פאָרום (1983) האָט געלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויפֿן גרויסן עולם. איר טעמע: „די פּרוּוו אין דער יידישער ליטעראַטור" איז ניט געווען נײַ. נײַ איז געווען די רעפערענטין! יונג, שיין, אַ פּרוּוו פון אונטער די אַמעריקאַנער הימלען (געבאָרן אין וויניפּעג, מערב־קאַנאַדע) מיט אַ קערנדיקן יידיש, וואָס האָט דערפרייט די אויערן און די הערצער בײַ עלטערן מיט אַ יידישן קולטור־באַגאַזש. שבע האָט געענדיקט די י. ל. פּרץ שול און האָט שפּעטער שטודירט אין די הויכשולן פון וויניפּעג, קווינס און קאָלומביע און באַקומען איר „מאַסטערס־דיגרי". אין 1937 האָט זי געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר (ניו־יאָרק) און געקראָגן אַן אויסצייכענונג פאַר איר אַרבעט אויפֿן געביט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

שבע צוקער צייכנט זיך אויס ווי אַ לעקטאָרין און אַ שרײַבערין. זי איז געווען פאָרזיצערין בײַ דער „בני־ברית"־מיידל־גרופּע אין וויניפּעג (1966), דערנאָך בײַ דער „יוגנטרוף" אָרגאַניזאַציע. אין 75־טן יאָר איז זי געשיקט געוואָרן אין יידישע ישובים אין די אינטערעסן פון דער יידישער שפּראַך, מיט אַ יאָר שפּעטער איז זי געווען אַ דעלעגאַטין צו דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים און זי איז אין נאָמען פון אַלע יוגנט־דעלעגאַטן אַרויסגעטראָטן מיט אַן איינדרוקספולער באַגריסונג.

שבע צוקער האָט געשריבן לידער אין „דאָס יידיש וואָרט" (וויניפּעג), „קינדער־צײַטונג" (נ. י.), פאַרעפנטלעכט אין „יוגנטרוף" רעפּאָרטאַזשן, הומאָרעסקעס, סאַטירישע איינאַקטערס. זיך אויך געדרוקט אין „אויפֿן שוועל", „יידישע קולטור", „דאָס נײַע יידישע וואָרט", „קאַנאַדער אָדלער", „לעצטע נייעס" (ישראל), „אונדזער שטימע" (פּאַריז), „דאָס פרייע וואָרט" (דרום אַפריקע).

עס האָבן געשריבן וועגן שבע צוקער: פּערל וויסנבערג, דר. מ. שעכטער, דר. י. פּעלץ, ריווע יאָניש, דוד באָטווינניק, אברהם שולמאַן, יוסף גאָלדקאָרן, עני סטאָן „הדסה־מאַגאַזין" (ענגליש).

***

ראָזאַ לוסקי האָט זיך באַרימט געמאַכט אין שטאָט ווי אַ פײַנע פאַר־לייענערין און רעציטאַטאָרין. ווען זי טרעט אויף בײַ אַ מסיבה דערפילט זיך אין זאַל אַ יום־טובדיקע שטימונג. אוודאי איז זי אָפט דער גאַסט בײַ די ייוואָ־פאָרומס.

פרוי לוסקי קומט פון סלאָנים, פוילן, פון אַ טראַדיציאָנעל־באַלעבאַטישער משפחה. איר ערשטע בילדונג האָט זי געקראָגן גראָד אין אַ בונדישער פאָלק־שול, נאָכן פאַרענדיקן די עלעמענטאַר־שול איז זי אַנגעקומען אין אַ פּריוואַטער יידישער גימנאַזיע. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע בײַ אירע עלטערן, האָט זי די מיטלשול ניט געענדיקט.

אין 1934, ווען אין פוילן האָבן גענומען שטאַרקער בלאָזן די דײַטש־נאַצישע ווינטן, האָט ראָזאַ לוסקי עמיגרירט קיין קובאַ. ס׳איז איר, פאַר־שטייט זיך, ניט געווען גרינג צו פאַרלאָזן די היים, עלטערן, שוועסטער, ברידער, חברטעס, און זיך אַרויסלאָזן אין אַ נײַ־לאַנד, נײַעם קלימאַט און נײַע שפּראַך. דאָס איז דאָך דער גורל פון דאָס רוב יידן . . .

ראָזאַ לוסקיס גאַנצע משפחה האָט געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן. אין קובאַ האָט זי געפונען בלויז אַ פּאָר קרובים צו וועלכע זי איז געקומען. און צוזאַמען האָט מען זיך דעמאָלט געמיט — אין 1939 — אַריבערצוברענגען אויך די פאַמיליע קיין קובאַ. צום גרויסן אומגליק האָט מען זיי, ווי פיל אַנדערע יידן, ניט אַרײַנגעלאָזן. און דער גרויסער רוזוועלט האָט די וואַנדערנדיקע נײַן הונדערט פּליטים אויך ניט דערלויבט אַרײַנצוקומען אין דער פרײַער אַמעריקע. און די שיפן מיט די האָפנונגסלאָזע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געמוזט אומקערן קיין איראָפּע, דאָס־הייסט, צום אומברענג, צו פאַרניכטונג . . . ניט אומזיסט פּילט זיך בײַ ראָזאַ לוסקי — ווען זי רעציטירט אַפילו ניט פון די חורבן־יאָרן — טענער פון יאוש און טרויער! . . .

**\
*

מאַניאַ געגדל איז אויפגעטראָטן פאַרן ייוואָ־פאָרום און האָט אויס־גענומען, הן מיט איר זינגען, הן מיטן אויסוואַל פון אירע לידער. זי שטאַמט פון קיעוו. איר פאָטער איז געווען אַ מוזיקאַלישער מענטש און האָט אַפילו געחלומט וועגן דער אָפּערע, אָבער די אומשטענדן אין צאַרישן רוסלאַנד

האָבן געשטערט. ער האָט פון דעסטוועגן געגעבן קאָנצערטן אין געוויסע שטעט און דער עולם האָט אים אָפּגעשאַצט.

מאַניאַ איז געקומען קיין אַמעריקע גאָר יונג. זי האָט געהאַט ס׳מזל זיך צו טרעפן מיטן באַקאַנטן מוזיקאָלאָג, מיכל געלבאַרט. ער האָט איר אַ סך געהאָלפן ניט נאָר אין איר מוזיקאַלישער אויסבילדונג, נײַערט אין איר יידיש לשון. נאָך מער איז איר יידיש־ווּעלטל ברייטער און טיפער געוואָרן ווען זי האָט געהייראָט מיטן וואָרט־קינסטלער, הערשל גענדל. זיי זײַנען אויפגעטראָטן אין פראַנקרײַך, דענמאַרק, שוועדן און אין מדינת ישראל און, פאַרשטייט זיך, דאָ, אין לאַנד. מאַניאַ זינגט אין פיר שפּראַכן: יידיש, רוסיש, העברעיש און ענגליש.

***

מאַעסטראָ שמואל פּערשקאָ איז אויפגעטראָטן פיל מאָל בײַ היגע ייוואָ־אונטערנעמונגען הן ווי אַ פּיאַנאָ־באַגלייטער, הן אַלס סאָליסט. ער איז געבאָרן אין לוצק, פּוילן. ער האָט גראַדואירט די מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע אין וואַרשע און די מוזיק־אַקאַדעמיע אין ירושלים, האָט אָנגעפירט, ווי אַ מוזיק־דירעקטאָר מיט ישראלס אוידיציע־סיסטעם „קול־ישראל״ אין משך און נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל.

שמואל פּערשקאָ איז אַ פּראָמינענטער דיריגענט, קאָנצערט־פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר. אַ סך פון זײַנע שאַפונגען זײַנען געזונגען געוואָרן פון די ישראל־זעלנער בעתן באַפרײַאונגס־קריג. ער האָט אַרויסגעוויזן מוזיקאַלישן טאַלאַנט נאָך אַלס קינד. ער איז אַ מחבר פון אַן אָפּערע און פון פיל קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זײַנען פּאָפּולער אין ישראל, איטאַליע, פראַנקרײַך, שפּאַניע. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אויף אַ סטיפּענדיע, געגעבן פון דייוויד סאַרנאָף, הויפּט פון דער „נעשאַנאַל בראָדקעסטינג קאָמפּאַני״. זײַנע אַ פאַרשטעלונג: „ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט פאַר גליק״ האָט באַקומען אָנערקענונג פון ניו־יאָרקער „טיימס״, „פּאָסט״ און פון אונדזער „פאָרווערטס״. אַ צאָל גרויסע אַרטיסטן האָבן זיך באַטייליקט אין פּערשקאָס ספּעקטאַקלען. ניט אומזיסט ווערט ער באַצייכנט ווי דער „דזשאָרדזש גוירשווין פון ישראל!״

דער „יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד״ האָט זײַן יובילײ־פײַערונג אין 1981 געווידמעט דעם קאָמפּאָזיטאָר שמואל פּערשקאָ. עס האָט אים דעמאָלט באַגריסט דר. אירווינג לערמאַן, ראַבאַי פון „טעמפּל עמנואל״, וואו פּערשקאָ דיריגירט

דעם טעמפּל־כאָר, און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן. אין פּראָגראַם האָט זיך באַטייליקט מישאַ רייצין, באַרימטער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע טענאָר. שמואל פּערשקאָ איז אַ ייִנגערער ברודער פון חיים פּערשקאָ ע״ה.

***

אַבי האָפמאַן איז אויפגעטראָטן בײַם ייִוואָ־פאָרום, און געלאָזן האָט ער אַ שטאַרקן רושם אויפן עולם, ניט נאָר האָט ער אויסגענומען מיט זײַן יוגנטלעכקייט און חן, נאָר דער עיקר מיט זײַן טאַלאַנט! די פּרעזענטאַציע: „אַ ראַנדעוואו מיט איציק מאַנגער״, געשריבן און צונויפגעשטעלט פון מרים האָפמאַן, איז געווען אַ געלונגענער ספּעקטאַקל. אַגב, האָט ער באַגייסטערט ניט איין ייִדישן ישוב אין לאַנד.

אַבי האָפמאַן איז געבאָרן אין ניו־יאָרק. ער קומט אַרויס פון אַ באַגאַבטער משפּחה. זײַן זיידע, חיים שמולעוויטש, איז אַ ייִדישער שרײַבער, זײַן בוך „פון יענער וועלט״ אַ פּרטימדיקע באַשרײַבונג פון זײַנע איבער־לעבענישן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַאײַנדרוקט שטאַרק דעם לייענער. זײַן מוטער, מרים האָפמאַן, איז אַ פּאָפּולערע שרײַבערין אין „פאָרווערטס״. זי האָט איר בכור דערצויגן אין אַ ייִדיש־וועלטלעכן גײַסט. ער האָט געלערנט אַלס קינד זיבן יאָר אין דער שלום־עליכם שול נומער 21, באַוואוסט ווי אַ מוסטער־שול!

***

שמעון גובערעק האָט זיך באַוויזן אין דער עיר הבירה אין די אָנהייב 80־קער יאָרן. אין משך פון אָט דער קורצער צײַט האָט ער זיך דערוואָרבן אַ שלל מיט פרײַנד און אַן אָנגעזעענעם אָרט אין אַ טייל ייִדיש־ייִדישע מוסדות. צווישן זיי — אין דער היגער ייִוואָ־געזעלשאַפט, וואו ער איז געווען גאַנץ אָפט פאָרזיצער בײַ אירע „פאָרומס״. דאָס זעלביקע און אפשר מער קאָן געזאָגט ווערן וועגן זײַן אָנטייל אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון די קולטור־קלובן. ער איז געווען אַ מיטגרינדער פון זשורנאַל „אָנהייב״, וואָס די גרופּע גיט אַרויס. (די אַנדערע זײַנען די שרײַבער: אַ. שטשוטשינסקי, ל. לאַסאָווין, א. אַראָנאָווסקי, ח. שמולעוויטש און י. דובעלמאַן).

שמעון גובערעק שטאַמט פון זשעלעכאָוו, פוילן, אַ שטעטל וואו דער עקאָנאָמישער חלום און די רוחניותדיקע עשירות האָבן זיך בייַנאַנד געריסן עד לב השמים. דער לעגענדאַרער רבי יצחק פון באַרדיטשעוו איז דאָרטן, מיט אַן ערך צוויי הונדערט יאָר צוריק — געווען דער מרא־דאתרא. זייַנע ווערטלעך, זייַן לערע און זייַנע „שמועסן מיטן אַלמעכטיקן" זייַנען, כידוע, אַ באַשטאַנד־טייל פון יידישן פאָלקלאָר (מאַרק טורקאָוו). אויך איטשע מאיר ווייַסענבערג און דער דיכטער יחיאל לערער קומען פון זשעלעכאָוו.

בעת דער „גראַבסקי־עליה" איז גובערעק אַוועק קיין ארץ־ישראל מיט זייַן יוגנט־חבר, שלמה ברייַנסקי. און פון דאָרטן האָט זיי דער גורל אויפסנייַ צונויפגעפירט אין קאָלאָמביאַ, דרום אַמעריקע. שלמה ברייַנסקי האָט געהאַט אַ השפעה אויף דער שרייַבערישער טעטיקייט פון זייַן חבר. און גובערעק האָט עס ניט פאַרגעסן. ער האָט שפּעטער געהאָלפן אַרויסגעבן, אַ באַנד דערציילונגען פון ברייַנסקין מיט אַ הקדמה, געשריבן טאַקע פון גובערעקן אַליין.

אַליין אַ פּיאָנער פון אָרגאַניזירטן יידישן קולטור־לעבן אין קאָלאָמביאַ, פאַרגעסט ער אָבער ניט די אַנדערע, וועלכע האָבן מיטגעווירקט פאַרן וואוקס פון יידישן ישוב. נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט איז כדאַי צו דערמאָנען: ער האָט זיך געמיט צו שאַפן אַ בריק צו דער קאָלאָמביאַנער אינטעליגענץ. אין צאָלפילע אַרטיקלען און זכרונות וועגן זייַנע באַגעגענישן מיט קאָלאָמביאַנער שרייַבער און פּאָליטיקער, וועלכע זייַנען אַרויס אין שפּאַנישער איבערזעצונג, אין בוכפאָרעם אונטערן טיטל: „איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד". דאָס בוך האָט שטאַרק אויסגענומען אויף אַזוי ווייַט, אַז דער באַרימטער פּאָליטיקער און שרייַבער, דר. אַלבערטאָ ליאָרעס קאַמאַרגאָ, האָט עס שטאַרק געלויבט.

שמעון גובערעק האָט מחבר געווען ביז הייַנט דרייַ ביכער: אַ ייד אין קאָלאָמביע", „אַ יידיש אינדזעלע אויפן דרום אַמעריקאַנער קאָנטינענט" און „ווענעזועלאַ". ער האָט אייַנגעשטעלט אַ ליטעראַרישע פּרעמיע אויפן נאָמען פון איטשע מאיר ווייַסענבערג.

**
*

אָשר שטשוטשינסקי — דיכטער — דערציילער איז געבאָרן אין שטעטל גאַניאָנדז, פּוילן. געלערנט אין חדר, האָט געענדיקט די תרבות־שול. זײַן ערשטער לערער איז געווען יונתן ניימאַן דעם רבס אַן אייניקל, וואָס איז נפטר געוואָרן פון שווינדזוכט. אַ סברא־אַז ער האָט געדינט ווי אַ גרונט־מאָטיוו פאַר לייוויקס „באַלאַדע פון דענווער סאַניטאַריום״ שטשוטשינסקי האָט אין 34־טן יאָר עמיגרירט קיין קובאַ. דאָרט שטאַרק געליטן, מחמת ער האָט ניט געהאַט קיין פּאַך, און קיין פּעדלער האָט זיך אים ניט געוואָלט ווערן. ער האָט דעבוטירט אין „האַוואַנער לעבן״. אין 1961 איז ער אַריבערגעפּאָרן קיין ניו־יאָרק, איז דאָרטן געוואָרן אַקטיוו אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער סביבה און געזוכט אויסדרוק פאַר זײַנע איבערלעבונגען אין לידער און דערציי־לונגען ווי אויך אין זכרונות. אין בוכפאָרעם זײַנען דערשינען: „אַ לעבן אויף הפקר״, „פון לאַנד צו לאַנד״ (1979), „צווישן ערד און ים״ אַ זאַמלונג לידער (1980), „האַרבסטיקער שניט״ (1983).

אָ. שטשוטשינסקי האָט זיך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש אין 1980. ער איז גיך געוואָרן אַקטיוו אין די יידישע קולטור־קלובן פון גרויס־מיאַמי, פאַר די לעצטע יאָרן איז ער פאַרזיצער פון קאָאָרדינירקאָמיטעט, אין וועלכן עס זײַנען אַנגעשלאָסן אַרום צוואַנציק קלובן. ער איז אויך אַ מיטגליד פון דער היגער ייוואָ־געזעלשאַפט, וואו ער איז פיל מאָל געווען פאַרזיצער בײַ די ייוואָ פאָרומס. אין 1982 האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ סימפּאָזיום וועגן „רעליגיע און וועלטלעכקײַט אין קאַמף פאַרן יידישן קיום״.

אָשר שטוטשינסקיס גרעסטער אויפטו אין דער שטאָט פון זון־און פאַלמעס, וואָס ער האָט געהאָלפן פאַרווירקלעכן אַן אַלטן חלום, מיט וועלכן ס׳האָבן זיך אַרומגעטראָגן היגע יידישע שרײַבער, נעמלעך, אַרוסצוגעבן אַ שריפט אויף יידיש, וואו עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען די היגע יידישע געזעל־שאַפטלעכקײַט און אוודאי די שאַפונגען פון די היגע פען־מענטשן און זייערע קאָלעגן אין דער יידיש־וועלט...

נאָך פיל מי, ענערגיע און פינאַנציעלע אָנשטרענגונג איז אים און די פאָר שרײַבער געלונגען צו דערגרייכן דעם ציל. ביז הײַנט זײַנען אַרויס זיבן (7) נומערן פון זשורנאַל, „דער אַנהייב״ אונטער דער רעדאַקציע פון אשר שטשוטשינסקי און משה בעקער (סעקרעטאַר), ס׳האָט זיך געעפנט אַ נײַ און ליכטיק קאַפּיטל בײַ דער יידיש־געזעלשאַפטלעכקײַט אין דער יידישער עיר הבירה... הלוואַי אויף לאַנגע יאָרן!...

שטשוטשינסקי דרוקט זײַנע לידער און דערציילונגען אין „אידישן קעמפער", אין „יידישע קולטור" און אין אַנדערע צײַטשריפטן. שמואל ראָזשאַנסקי האָט אַרײַנגענומען אין זײַנע „מוסטער־ווערק" געוויסע אַרבעטן פון דערמאָנטן שרײַבער. אין זײַן אַנטאָלאָגיע „מעקסיקאַניש, אורוגוואַיש, קובאַניש" געפינען זיך שטשוטשינסקיס לידער, דערציילונגען און אַן אַרטיקל וועגן „יידישע ליטעראַרישע שאַפונגען אויפן אינדזל קובאַ". ער האָט אויך איינגעשטעלט אַ ליטעראַרישע פרעמיע בײַם ייד. קולטור־קאָנגרעס.

***

אָשר שטשוטשינסקי

מײַן שפּראַך

מײַן שפּראַך איז פּראָסט, ווי שוואַרץ־ברויט אויף הונגעריקן מעסער.
מײַנע שורות צעשאָטענע, ווי אויף זאַמדיקן פעלד דער פּאַרזיי.
מײַן דמיון — ווי אַ פאַלנדיקער שטיין, וואָס פון באַרג איז גרעסער.
און מײַן האַרץ זיך צאַפּלט, ווי אַ קינד אין קאַיאַרס זוניקן אויפגיי.

נאָך שוואַרצן ברויט דאַרשטן הונגעריקע מיליאָנען.
פאַרזייטע פעלדער זײַנען דער חלום פון אַ וועלט.
נאָך אַ פּראָסט וואָרט — ווער ווייסט צי עמעצער וועט מאָנען,
שורות צעשאָטענע — צי זיי עמעצן פעלט . . .

***

ווען איך

ווען איך וואָלט קענען מײַנע לידער
איבערשרײַבן נאָך אַ מאָל און ווידער,
וויפל נײַע לעבעדיקע גלידער
כ'וואָלט אַרײַנפּאַסן אין די אַלטע לידער

ווען איך זאָל קענען מיט מײַן פלאַקער
אָנצינדן די טינט אויף פּאַפּיר,
וואָלט איך וועלטן דעמאָלט צעאַקערט
און ניט פאַרברענט דאָס פײַער אין מיר.

קען איך ניט מײַן ליד איבערשרײַבן.
כ'האָב מורא פּאַפּיר מיט פײַער צו צינדן,
וועלן זיי מוזן אַזוי שוין פאַרבלײַבן,
אין שורות ניט צײַטיקע ווען איך זיי קלײַבן.

(פון בוך: „צווישן ערד און ים")

***

אליעזר אַראָנאָווסקי ווי אַ געוועזענער פּאַרזיצער פון דער ייוואָ־גרופּע אין האַוואַנאַ, קובאַ, איז געווען נאַטירלעך ער זאָל ווערן נאָענט צו די אַקטיוויטעטן בײַ אונדז אין שטאַט. אין ווינטער־סעזאָן פון 1982 האָט ער אָנטייל גענומען אין אַ סימפּאָזיום וועגן „רעליגיע און וועלטלעכקייט אין קאַמף פאַרן יידישן קיום". און אין 83־טן יאָר אין אַ סימפּאָזיום וועגן „מדינת ישראל און די תפוצות".

זײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין זײַן היים־שטעטל, יאַניסטאָוועֶ, פּוילן. אין קובאַ האָט ער פאַרטראָטן אין 1937 דעם „יידישן צענטער" בײַם „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס". געווען איינער פון די דעלעגאַטן פון „צענטער" בײַם פּאַן־אַמעריקאַנעם יידישן קאָנגרעס אין באַלטימאָר (1941). און אין 1953 פאַרטראָטן דעם קובאַנער יידישן ישוב אין דער 3־טער אַסמעבלי פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין זשענעווע, שווייץ.

אַראָנאָווסקי האָט געקראָגן זײַן יידישע דערציִונג אין חדר, תלמוד־תורה און ישיבה. ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַרום 1919־1920. אין קובאַ איז ער אָנגעקומען דעם 14־טן מערץ, 1924. זײַנע ערשטע לידער האָט ער געדרוקט אין „קובאַנער יידישע יום־טוב בלעטער". ער האָט מיטגעאַרבעט אין כמעט אַלע יידישע אויסגאַבעס אין לאַנד. ער איז געווען לאַנגע יאָרן דער

קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג״ אין ניו־יאָרק, און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין פיל אויסגאַבעס אין אויסלאַנד.

אין 1928 איז אַרויס זײַן ערשטער בוך „קובאַנער לידער״. דער ערשטער געדדרוקטער יידישער חיבור אין קובאַ! דער קליינער ישוב האָט אויפגענומען מיט אמתער פרייד. אין 30־טן יאָר איז דערשינען דאָס צווייטע בוך „טראָפּישע ליכט״, אין 34־טן יאָר — „אויף צעגליטער ערד״, אין 1939 „קאָנצעטראַציע־לאַגער בוכנוואַלד״, 1951 „געזאַנג פון קאָנטינענטן״ און אין 53־טן יאָר — די היסטאָרישע פּאָעמע „מאַרטי״ (איבערזעצט פון שפּאַניש). פאַר זײַן ליד „די קובאַנער פאָן״ וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אויף שפּאַניש, לכבוד איר 100 יאָריקן יובל, האָט דער מחבר געקראָגן אַ מעדאַל.

אליעזר אַראָנאָווסקי האָט אַרויגעגעבן אין 83־טן יאָר אַ באַנד לידער „קובאַ״ אין פאַרלאַג „ניילעבן״, ישראל. ער האָט געקראָגן די „פּערנאַנדאָ בענאַ־פּרעמיע פאַרן בוך.

עס האָבן געשריבן וועגן מחבר: פּרץ ווערניק „מאָרגן זשורנאַל״ 1929, קלמן מרמר „פרייהייט״ 1929, יעקב באַטאַשאַנסקי „די פּרעסע״ 1929, ישראל שטערן „פאָלקס־שטימע״ 1935 (פּוילן), יעקב מעסטל „יידישע קולטור״ 1954. יעקב גלאַנץ „האַוואַנער לעבן״ 1951, יעקב גלאַטשטיין „אין וועג״ 1954, דר. גראָבאַרד „צוקונפט״ 1955, יעקב מעסטל „יידישע קולטור״ 1954, ש. ניגער „טאָג״ 1954, מלך ראַוויטש „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור״ 1932, י. א. ראַנטש „מאָרגן־פרייהייט״ 1978, ש. ל. שניידערמאַן „פאָרווערטס״ 1977.

אַראָנאָווסקי איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אַנהייב״ מיאַמי־ביטש. ער איז פּלוצעם נפטר געוואָרן פרייטיק, דעם 20־טן דעצעמבער, 1985.

**
*

אליעזר אַראַנאָווסקי

די כנור של דוד

דוד המלך, דערציילט די לעגענדע,
געהאַט האָט אַ פידל, וואָס איז געהאַנגען צוקאָפּנס,
ווען אומעטיק, פינצטער איז געווען אויפן הארצן
פלעגט זי דאַן אויפשפּילן, אויפשפּילן אַליין;
און אַלע די טענער, די קלאַנגען, די שטילע,
וואָס וועקן און רופן און בעטן צו תפילה
האָט קיינער פאַרשטאַנען, האָט קיינער געפילט.
נאָר ער נאָר אַליין! נאָר ער נאָר אַליין!

האָט ער דאַן געשאַפן זיינע מזמורים —
די שענסטע געזאַנגען פון מענטשלעכן מין.
פון קדושה, יראה, יסורים און רחמים,
פון אייביקע ליידן און פריידן דעם זין,
פון גלויבן און האָפן, פון קיינמאָל ניט צווייפלען —
פון פינצטערער נאַכט — קומט אַרויס אַ באַגין!
דער עיקר — בטחון, אויפן ראַנד פון אָפּגרונט —
גאָט וועט דיר העלפן — אין האַרץ אים געפין.

סטרונעס וואָס שפּילן מיט רוח-הקודש,
פון מענטשלעכע פינגער ניט באַוועגט, ניט באַרירט.
שטראָמען מיט טענער פון געטלעכע קוואַלן
ניגונים אַזוינע פון סודות פאַרהילט.
דאָס איז די ירושה פון כנור של דוד,
וואָס ער האָט געלאָזן אויף אייביק זיין פאָלק,
וואו נאָר זיי ווערן פאַרפּייניקט, פאַרפאָלגט,
הערט איר — די כנור של דוד זי שפּילט!

(פון בוך: „קובאַ")

⁂

שושנה ראָן איז אויפגעטראָטן בײַם ייווא־פּאָרום אין 1985 אין אַ פּראָגראַם געווידמעט דעם גרויסן מוזיקאַלישן קינסטלער בען באָנוס און האָט געלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויפן עולם.

שושנה ראָן איז געבוירן אין פּוילן און איז אויפגעצויגן אין רוסלאַנד און אין ישראל. איר טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט אין אירע פֿריע יאָרן. זי האָט זיך באַוויזן אויף דער קאָנצערט־בינע אַלס גאָר אַ יונג מיידל. זי האָט אויך געדינט אין דער ישראל אַרמיי.

שושנה ראָן האָט שטאַרק אויסגענומען אין אַמעריקע. זי איז אויסגעפֿאָרן מיט דער „בען באָנוס טרופּע" איבער פֿופֿציק שטעט דאָ, אין לאַנד און אין קאַנאַדע. זי איז אויפגעטראָטן מיט דזשען פּירס, קעראָל טשענינג, סעם לעווענסאָן, אַלאַן קינג און אַנדערע. זי האָט געשפּילט און געזונגען אין יידישן טעאַטער און אין לינקאָלן צענטער.

אָט וואָס די קריטיק זאָגט וועגן שושנה ראָן: „זי האָט באַגײַסטערט און דערהויבן אונדזערע אַרבעטער־רינג מיטגלידער מיט איר שפּילן און זינגען" (י. מלאָטעק). „דער עולם איז געווען אַנטציקט פֿון שושנהס יידיש־העברעישן רעפּערטואַר. זי איז באמת אַ שטערן אויף דער יידישער בינע . . ." (פּערלאָוו — „פֿאָרווערטס"). „אײַער שפּילן און זינגען האָבן אַרויסגערופֿן טרערן פֿון פֿרייד און דאַנקשאַפֿט . . ." (מלכּה איסעראָף — ישיבה־אוניווערסיטעט, פּראָווינץ־דיוויזיע).

„שונה ראָן באַזיצט אַ הויך קוואַליפֿיצירטע שטימע . . . זי טײַטשט אויס אַ ליד מיט אַ סך פֿאַרשטענדעניש . . ." (וואָלטער אײַזעק — טעאַטער קריטיק „אָפּבאַו").

**
*

פראָפ. אַרטור לערמער

אַ געזעגן־וואָרט צו הרב דר. העשיל קלעפפיש

(צו זײַן עליה קיין ישראל)

מיר דערנענטערן זיך מיט שנעלע טריט צום פערציק יאָריקן יובל פון פאָפולערן ייוואָ־פאָרום אין גרויס־מיאַמי. די לעצטע צען יאָר זײַנען די דאָזיקע פאָרומס געעשטאַנען אונטערן צייכן פון יאָר־יערלעכע וויזיטן פון דר. קלעפפיש, וואָס איז ביז לעצטנס געווען רב הכולל אין פּאַנאַמאַ. ער איז אויך געווען לעקטאָר פון דאָרטיקן אוניווערסיטעט, ווי אויך אַ בעל־יועץ פון פּאַנאַמער פּרעזידענטן, האָט אָנטייל גענומען אַלס מיטגליד פון דער פּאַנאַמער דעלעגאַציע צו פאַרהאַנדלען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן אַ נײַעם אָפּמאַך פאַרן פּאַנאַמער קאַנאַל.

דר. קלעפפיש האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן פון גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע און איז מיט אַ צײַט צוריק אויסגעצייכנט געוואָרן דורכן יידישן וועלט־קאָנגרעס ווי דער פירנדיקער אינטעלעקטואַל פון גאַנצן קאָנטינענט. אַ רייע ווערק זײַנע האָבן באַרײַכערט די שפּאַנישע ליטעראַטור אויפן געביט פון יידישן וויסן און יידישער געשיכטע. כדאי אַגב צו דערמאָנען, אַז ער האָט נאָר וואָס זיך אומגעקערט פון אַ רײַזע אין רוים וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ דעלעגאַציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן.

זײַנע גײַסטרײַכע רעפעראַטן זײַנען בלי ספק בײַ אונדז געווען הויכ־פּונקטן אין פאָרום־פּראָגראַם. זעלטן ווען קאָנצענטרירן זיך אַזויפיל מעלות אין איין מענטשן: אַ תלמיד־חכם מיט אַן אײַזערנעם זכרון און וואונדערלעכן כוח־הדיבור, פאַרמאָגט ער אויך גרויסע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן מסביר־צו־זײַן די שווערסטע סוגיות און פּראָבלעמען.

פון אַלעם שטראַלט שטענדיק אַרויס זײַן אַהבת ישראל, פאַרבונדן מיט ביז גאָר טיפע און געוואַגטע מחשבות, וואָס ברעכן דורך גרענעצן פון צײַט.

ס׳וואָלט זיך איצט שטאַרק וועלן אָפּשטעלן אויף אַ רייע ביאָגראַפישע פּרטים, לײַדער קען דאָס ניט געטאָן ווערן דאָ. דערלויבט מיר בלויז, גאָר בקיצור, צו דערמאָנען דרײַ ספרים, וועלכע דר. קלעפפיש האָט די לעצטע יאָרן אַרויסגעגעבן, דהיינו: „עכאָס פון אַ פאַרשוואונדענער צײַט", „צווישן

צוויי וועלט־מלחמות" און לסוף: „דאָס וואונדער פון מזרח־איראָפּעישן יידנטום". די ערשטע צוויי בענד באַשטייען פון אַרטיקלען וועלכע שטאַמען פון די צוואַנציקער און דרייַסיקער יאָרן אין פּוילן. זעלטן ווען עסייען פון פאַר 50 און 60 יאָר צוריק זאָלן אָטעמען מיט אַזאַ הייַנטצייַטיקער פרישקייט און אַקטועלקייט.

דאָס דריטע בוך איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן וועלטראַט פאַר יידיש און יידישע קולטור אין ישראל. אין דער הקדמה שרייַבט דער רעדאַקטאָר: „דאָס דאָזיקע בוך איז אָן שום ספק אַ באַדייַטנדיקער צושטייַער צו דעם אוצר פון דער הייַנטצייַטיקער יידישער מחשבה. דאָס אַרויסגעבן די פרישע עסייען־זאַמלונג פון דר. קלעפּפיש ווערט דורך אונדז באַטראַכט ווי אַ קולטור־געשעעניש".

אַוודאי, וואָלט געווען כדאַי זיך ברייטער אָפּצושטעלן כאָטש אויף אייניקע אַספּעקטן פון דעם דאָזיקן וואָגיקן ווערק. פאַראַיאָרן האָב איך עס געטאָן ווי אַ טייל פון דער לעקציע: דער איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה — אויפן ראַנד פון דר. קלעפּפישעס „דאָס וואונדער פון מזרח־איראָפּעישן יידנטום". די דאָזיקע עסיי וועט מסתמא אינגיכן דערשייַנען אין דרוק.

אין צענטער פון דעם ספר איז, פאַרשטייט זיך, די גייַסטיקע ירושה פון מזרח־איראָפּע. הרב אַברהם יהושע העשל האָט, בשעתו פאַרויסגעזאָגט אַז „סוועט קומען אַ טאָג אין וועלכן מ'וועט דערזען דאָס פאַרגאַנגענע ליכט פון דער מזרח־איראָפּעישער תקופה, ווייַל די דאָזיקע עפּאָכע איז געווען דער שיר־השירים אין דער יידישער געשיכטע". אַזוי קלינגט אויך ווירדיק דר. קלעפּפישעס באַגייַסטערטע אָדע צו יענער אַכזריותדיק־פאַרשניטענער גאָלדענער תקופה.

דר. קלעפּפיש אייַלט צו מיט זייַן שליחות דאָס אָנקומען פון דאָזיקן ליכטיקן טאָג. ער אַליין פערזאָניפיצירט ממש ווי אַ פּראָטאָטיפּ דאָס דער־הויבענע אין יענער וואונדערלעכער תקופה. ס'וואָלט בפירוש געווען אַ גרויסע עוולה ווען מיר וואָלטן חוץ אונדזערע וואַרעמע ברכות, כאָטש על רגל אחת, ניט דערמאָנען ראשי־פּרקים פון זייַן פילאָסאָפיע און זייַן אייגנאַרטיקן אָרט אין הייַנטצייַטיקן יידישן לעבן.

1. דער ערשטער קאַפּיטל טראָגט דעם נאָמען: „פרייד, די פּסיכאָלאָגישע

רעטעניש פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום" דעם דאָזיקן אָפּטימיזם, וואָס געפינט שוין אין עצם נאָמען, און דינט ווי אַ מין קאָמערטאָן צום גאַנצן ווערק. ער דריקט זיך, למשל, אַזוי אויס: „אויך אין תהום פון אויפשווידערנדיקער פּיַין אין פּויליש־יידישע שטעט און שטעטלעך ערב דעם חורבן האָבן אין יידישן מענטש געשפּרודלט די קוואַלן פון פרייד". שרייַבט דער מחבר, דאָס איז דר. קלעפּפּישעס ענטפער אויף דעם פּעסימיזם, וואָס האָט גענומען אַלץ מער באַהערשן דאָס שווער געפּרואוווטע יידישע לעבן, זייַט די פינצטערע יאָרן פון חורבן.

2. דאָס זוכן דורך דעם מחבר אַ סינטעז אין יידישן לעבן אָן צו פאַר־וואַסערן זייַן אייגענעם גייַסטיקן מהות.

3. מיר באַוואונדערן דר. קלעפּפּישעס אויסערגעוויינטלעכע טאָלעראַנץ ניט נאָר לגבי פאַרשיידענע נוסחאות פון חסידות, אָדער מתנגדות, נאָר אויך ניט ווייניקער בנוגע וועלטלעכע יידן. אין זייַן עסיי וועגן זייַן פאָטער שרייַבט דר. קלעפּפּיש: „אין זייַן נשמה האָט געלעבט אַ וואונדערלעכער סינטעז פון אַלע שטרעמונגען פון יידישן גייַסט".

4. מיר לעבן אין אַ צייַט ווען דער דראַנג נאָך מאַטעריעלער רחבות וואַקסט כסדר. ווי רירנד זייַנען אין אַנבליק דערפון זייַנע שילדערונגען פון נעמיראָווער צדיק, פון דער אָרעמקייט פון קאָצקער, פון מעזריטשער מגיד, ווער שמועסט נאָך פון בעל־שם־טוב, רבי לוי יצחק בערדיטשעווער א. אַ. וו. „אָרום יענע עניוותדיקע טישן האָבן מיר זיך אויפגעהויבן איבערן טרויער, וואָס האָט געיאָגט פון די ווינקעלעך". דאָס איז ניט געווען קיין טאַנץ פון בעטלער נאָר פון בני־מלכים, וואָס זייַנען פאַרטריבן געוואָרן פון היכל פון זייער פאָטער. אָבער וואָס בענקען זיך אומצוקערן צו אים און זייַנען טאַקע זיכער זיך אומקערן צום קעניגלעכן פּאַלאַץ — וועלן זיך אומקערן! . . .

5. פאַרוואָרצלט אין די הייליקע ספרים איז ער אויך באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור. ווי אויך אין אונדזער יידישער און העברעישער יצירה. נאָכן גראַדואירן פון באַרימטן „תחכמוני" סעמינאַר און באַקומען היתר הוראה פאַרענדיקט ער אויך דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט און אַרבעט אַ צייַטלאַנג ווי אַ ספּעציאַליסט אויף פּוילישער און וועלט־ליטעראַטור אין מלוכהשן פּוילישן פאַרלאַג.

6. עכטע יידישקייט און אַלמענטשלעכער אוניווערסאַליזם האַרמאָניזירן אַזוי אידעאַל אין זײַן פּערזענלעכקייט און אין זײַן שאַפן. ווי פּאַסיק איז דאָ צו דערמאָנען זשאַן פּאָול סאַרטערס מיינונג אַרויסגעזאָגט אין זײַן „יידן און אַנטיסעמיטיזם", אַז יידן האָבן אַן אייביקע פּאַסיע פאַר אוניווערסאַליזם.

7. זעלטן ווער ביי אונדז איז אַזוי אַבסאָלוט גאַנץ אין באַנעמען און פּאַרטיפן דעם באַגריף פון עם ישראל, וואָס איז כולל מדינת און תפוצות ישראל; ווי דר. קלעפּפיש. אין דעם פּרט, איז פאַראַן אַ גרויסע ענלעכקייט מיט פּראָפ. שמעון ראַווידאָוויטשעס נאַציאָנאַלער פילאָסאָפיע.

8. און לסוף על אחת כמה וכמה, דר. העשיל קלעפּפישעס נשמהדיקע באַציונג צו אונדזער מאַמע־לשון. אין ישראל געפינט זיך היינט דער קרעפּטיקער יידישער ליטעראַרישער צענטער. דער „וועלט־ראַט" האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שטאַרקן די פאַרבינדונגען מיט דעם רעליגיעזן סעקטאָר. ווער נאָך, קאָן אַזוי ווי אונדזער דר. קלעפּפיש מחדש זײַן צו דער־גרייכן די דאָזיקע אויפגאַבע?

זאָל אים אין זײַן נײַעם לעבנס עטאַפּ בײַשטיין פּרצעס פּאָעטישע אינספּיראַציע, וועלכע איז ציטירט אין דער „גאָלדענער קייט" אין דעם פריער דערמאָנטן ערשטן קאַפּיטל:

„פאַר אונדז וואָס וואָלקנס שפּאַלטן זיך
הימלען פּראַלן די טויערן אויף
שיר־השירים זינגען מיר,
זינגנדיק, טאַנצנדיק גייען מיר".

פּאָרט געזונטערהייט און זײַט מצליח. מיר וועלן בענקען נאָך אײַך און מיטפיבערן מיט אײַך אין אײַערע איידעלע נסיונות און נאָבעלע גאולה־טרוימען . . . („יידיש וועלט" נומער 24).

***

דר. העשיל קלעפּפיש

יידיש טיילט דעם גורל פון יידן

יידיש איז אַ טייל פון יידישער געשיכטע ניט בלויז דערפאַר, ווײַל זי איז צונויפגעוואַקסן מיט יידישער דערפאַרונג פון דורות, מיט יידישער טראַדיציע, מיט יידישן לעבנס־שטייגער, מיט יידיש געמיט, נאָר ווײַל זי טיילט בפירוש דעם יידישן גורל.

וואָסער איז געווען אונדזער גורל אין די לעצטע יאָרטויזנטער? מען האָט זיך מיט יידן באַנוצט, ווען מען האָט זיי געדאַרפט האָבן. מען האָט זיך באַנוצט מיט יידישער מחשבה, מיט יידישן מוח, מיט יידישע קענטענישן און אויפטוען, בעת ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען נייטיק צו פאַרווירקלעכן אַ געוויסן ציל. אָבער קוים איז מען געקומען צום אויספיר, אַז יידן האָבן זייערס אָפּגעטאָן, האָט מען זיי דערוויַיטערט, אָפּגעוואָרפן, באַליידיקט, און אין אַ סך פאַלן אפילו געפירט צום מזבח . . .

בײַשפילן האָבן זיך אָנגעקליבן אַ סך אין לויף פון די תקופות. אָט איז דער פאַל מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די ים־עקספּעדיציע, וואָס האָט געפירט צו דער דאָזיקער אַנטדעקונג, איז געווען אַן אָנהייב ביזן סוף אַ יידיש־ווערק. אין צוזאַמענהאַנג מיטן פינף הונדערטסטן יאָרטאָג פון דער אונטערנעמונג פון קאָלאָמבוס, וואָס פאַלט אויס אין עטלעכע יאָר אַרום, ווערן אַרויסגעבראַכט פרישע מאַטעריאַלן, וואָס מאַכן אַלץ קלאָרער די יידישע באַטייליקונג אין געוואַגטן פּלאַן. יידן האָבן דעמאָלט אין דער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיי באַהערשט אין דער צײַט פון גירוש־שפּאַניע, געזוכט נײַע טעריטאָריעס און וועגן, וואו עס זאָל פאַר זיי דערמעגלעכט ווערן אויפצובויען פונדאַסנײַ זייערע פאַרלוירענע היימען. ניט בלויז וואָס ער אַליין, קאָלאָמבוס, האָט געשטאַמט פון אַ מאַראַנען־משפחה און זײַן יידישער אָפּשטאַם איז אַ טעמע, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן נאָך בײַ זײַן לעבן, נאָר ער וואָלט גאָרניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו לאָזן אין אומבאַקאַנטן און ריזיקאַלישן וועג, ווען יידן וואָלטן אים ניט געהאָלפן מיט געלט, מיט עצות, מיט וויסנשאַפטלעכער און טעכנישער באַהאַוונטקייט. יידישע מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען — די לעצטע אוניווערסאַלע פיגורן, וואָס דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן — האָבן צוגעשטעלט די אַסטראָנאָמישע טאַבעלעס, וואָס אַ דאַנק זיי איז מעגלעך געווען צו האָבן וועלכע עס איז אָריענטאַציע אין דער ים־

נסיעה, יידישע באַנקירן האָבן פינאַנסירט די גוואַלטיק גרויסע הוצאות. יידישע מאַפּע־צייכענערס האָבן געליפערט די געאָגראַפישע פּרטים. פון יידישע מאַטראָסן און דאָקטוירים איז באַשטאַנען די מאַנשאַפט. אַ יידישער איבערזעצער האָט דער ערשטער באַטראָטן די ניי־אַנטדעקטע ערד. און דאָך, בעת עס איז געקומען דער טאָג, און די פרישע אינדזלען זיינען אַריבער אין די הענט פון דער שפּאַנישער מלוכה, און אוצרות, וועגן וועלכע מען האָט קוים געחלומט, האָבן רייך געמאַכט די שפּאַנישע קרוין, איז ניט בלויז קאָלאָמבוס גופא אַריינגעשליידערט געוואָרן אין תפיסה, נאָר אויטאָדאַפעס, אינקוויזיציע־אינסטיטוציעס זיינען אויפגעקומען אין דער „נייער וועלט" טאַקע קעגן די, וועלכע האָבן די אַנטדעקונג פון אומבאַקאַנטע קאָנטינענטן בכלל מעגלעך געמאַכט.

אָדער: די יידישע פאַרגאַנגענהייט אין פוילן. יידן זיינען געוואָרן פאַר־בעטן צו קומען קיין פוילן, בעת די פוילישע מדינה איז געווען פרימיטיוו אין אירווירטשאַפט. דער יידישער בירגערלעכער עלעמענט איז דעמאָלט, אין מיטלאַלטער, געווען נוצלעך פאַרן אויפבוי פון די שטעט און בכדי אַריינ־צוברענגען באַוועגלעכקייט, אָרגאַניזאַציע, דינאַמיזם אין אָפּגעשטאַנענעם פויערישן ישוב. אָבער קוים האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט, אַז דער פוילישער עלעמענט וועט קאָנען אַליין זיין שטעטל באַשטיין, און יידישע ענערגיע און איניציאַטיוו קאָנען פאַרטרעטן ווערן דורך אייגענע מענטשן, איז — אויס! האָט זיך אָפּגעשלאָסן ברוטאַל די פאַרברידערונג, און די ראָמאַנטיש־באַזינגטע יידיש־פוילישע ליבשאַפט איז פאַרשוואונדן ווי דער רויך. פאַר פוילישע יידן איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ אין לאַנד, וואָס איז אַ דאַנק זיי אויסגעוואַקסן. קעגן זיי איז אַרויס די פאַראָרדנונג אַרומצובלאָנקען איבער די וועלט־שליאַכן.

צי גאָר אַ שטאַרק אַקטועלער ביישפּיל. אַזוי פיל אָנשטרענגונגען זיינען אָנגעוואָנדן געוואָרן מצד די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגן ענדע פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט און אין היינטיקן שווער געפּרוּווטן יאָרהונדערט, אַריינצוציען יידישע יוגנטלעכע אין קרייז פון זייערע אידעען. גאָלדענע גליקן זיינען צוגעזאָגט געוואָרן. משיחס צייטן פאַר זיי און פאַר אַלע יידן וועלן אויפשיינען. עס וועלן מער ניט הערשן ראַסן־פאַראורטיילן. עס וועט מער ניט פאַרבלייבן די מינדסטע שנאה צו יידן. יידישער ענטוזיאַזם, יידישער טאַלאַנט, יידישע קרבנות־גרייטקייט־און־נאַאיווקייט זיינען געווען נייטיק כדי צו לאָזן די רעדער פון דער רעוואָלוציע אין באַוועגונג. אָבער אין טאָג, ווען די רעדער האָבן זיך באַוועגט און געקאָנט אָפּרוימען די מכשולים פון

פון זייַן וועג, ווייסן מיר שוין צו גוט, וואָסער ווערט עס האָבן געהאַט אַלע שיינע צוזאָגן. און ווי עס האָבן פאַרענדיקט די, וועלכע האָבן זיך געלאָזן פאַרפירן פון די אילוזיעס, אָן אַ שטיקל בושה און איינזען איז אַרויסגעריסן געוואָרן דער יידישער בלאָט צוזאַמען מיט זייַנע פראָטאַגאָניסטן פון דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע, און פאַרטיק.

קערן מיר זיך אום צו יידיש, בעת די לערער און טעאָרעטיקער פון דער השכלה־באַוועגונג אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן גערעכנט, אַז מיט דער הילף פון דער יידישער שפּראַך וועט זיי געלינגען אַרייַנברענגען די אויפקלערונג אין דער יידישער גאַס, האָבן זיי זיך געוואָנדן צו די פאָלקס־מאַסן און צו מאַמע־לשון. די מיטבאַגלייטער און תלמידים פון משה מענדעלסאָן, דער פאָטער פון די אויפקלערונג־אידעען, זייַנען אַפילו גרייט געווען זיך „אַראָפּצונידערן" און שרייַבן „זשאַרגאָן" — ווי זיי האָבן גערופן יידיש — כדי די המונים זאָלן זיך איבערנעמען מיט דער נייַער לערע. יצחק אייכל, באַהערשט פון ווילן צו דערגרייכן זייַן ציל, האָט אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע אין יידיש, די קאָמעדיע „וואָס טוט מען דערמיט". אהרן וואָלפסאָן האַללע, אַן אַנדערער הייסער אָנהענגער פון דער השכלה, האָט געשטרעבט אַרייַנצודרינגען צו די פאָלקס־מאַסן מיט זייַן סאַטירע אין יידיש „לייַכטזין אונד פרעממעליי". אָבער בעת זיי, און זייערס גלייַכן זייַנען געווען איבערצייַגט, אַז שוין, די אַרבעט האָט געבראַכט רעזולטאַטן, און קיין אויסטערלישע מיטלען דאַרפן מער ניט אָנגעווענדט ווערן אין דער אַגיטאַציע לטובת דער אידעע, האָט זיך געעפנט אַ העצע קעגן יעדן אויסדרוק פון פאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז גאַרניט מעגלעך געווען איינצוהאַלטן. מען האָט אין די משכילים־קרייַזן איבערגעחזרט מענדעלסאָנס אַרגומענט, אַז צוליב יידיש איז דער יידישער מענטש „אומזיטלעך", און אַז צוליב דעם, וואָס יידן רעדן דעם „לעכערלעכן" דיאַלעקט, איז פאַר זיי פאַרמאַכט דער וועג צו גלייַכבאַרעכטיקונג. און זיי זייַנען דאָס וואָס זיי זייַנען: אָפּגעשטאַנענע געטאָ־מענטשן.

נאָך אַ פאַל, וואָס אָטעמט מיט דער אַקטועלקייט פון אונדזער צייט. אין טריאומף פון ציוניסטישן אידעאַל אין דער יידישער גאַס האָט יידיש געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָל. אַפילו יידיש־קעגנער קאָנען דאָס ניט פאַרלייקענען. אין יענע בראשית צייַטן פון חיבת ציון, ווען מזרח־אייראָפּע איז געווען דער געדיכטער יידישער צענטער, און אויך שפּעטער, אין דער אויסשפּראָץ־תקופה פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט אַפילו הערצל, דער מערב־אייראָפּעער, פאַרשטאַנען, אַז ערשט וועט דער ציוניסטישער אידעאַל ציען נאָך זיך די פאָלקסמאַסן,

וועלכע זײַנען קאָנצענטרירט אין מזרח־אייראָפּע, וועט די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן אַ צוקונפט. האָט טאַקע דעמאָלט יידיש געדינט ווי אַן אינסטרומענט צו געווינען דעם פאָלקסמענטשן. אויסגאַבעס און צײַטונגען האָבן געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע אין יידיש. מטיפים, ווי מ׳האָט אין יענע יאָרן גערופן די דאָזיקע רבנים־רעדנער, האָבן געהאַלטן אויף יידיש דרשות אין די שולן. מאָדערנע רעדנער האָבן אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיך געוואָנדן צום עולם אין יידיש. און פאַר די אויערן פון די, וואָס האָבן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט אין פוילן, קלינגען נאָך זיכער אָפּ די פּאַטעטישע רעדעס, וואָס דוד בן־גוריון אָדער זאב זשאַבאָטינסקי פלעגן האַלטן, יעדער איינער אין זײַן ספּעציפישער יידישער אויסשפּראַך. אָבער קוים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער יידישער המון איז שוין אָנגעגליט געוואָרן מיטן ציון־אידעאַל, און די באַוועגונג האָט אין איר „אונטערוועגנס״ אָנגענומען מער קאָנקרעטע פאָרמען, האָט מען ניט בלויז זיך אָפּגעקערט פון יידיש לשון, נאָר אַפילו אויף יידיש־קלינגנדיקע נעמען איז געפאַלן דער ביטערער גזר־דין פאַרשניטן צו ווערן. כנענישע נעמען, וואָס האָבן צוטאָן מיט עשון און זײַנע לײַט, אויב זיי געפינען זיך נאָר אין תנ״ך, זײַנען געוואָרן כשרער, ווי יידישע נעמען, אויסגעטראָטענע אין יידישן לעבן און אויסגעווייקטע אין יידישן לעבנסשטייגער. די יידישע שפּראַך איז ניט בלויז יידישע טראַדיציע און יידיש געמיט, זי איז — יידישער גורל! . . . („יידיש וועלט״ נומער 26).

***

פּראָפ. אַברהם קאַהאַן איז אויפגעטראָטן איין־און־איינציק מאָל בײַם ייוואָ־פאָרום. זײַן טעמע איז געווען „די יידישע לטעראַטור און ליטעראַטור בײַ יידן״.

פּראָפ. א. קאַהאַן שטאַמט פון ווילנע. ער איז געווען פון באַרוף אַ לערער, אַ דערציער. זײַנער אַ קאָלעגע שילדערט אים ווי אַן אינטערעסאַנטע און אַפילו עקזאָטישע פערזענלעכקייט. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אים אויף אַ לערער־קאָנפערענץ אין וואַרשע אין די צוואַנציקער יאָרן. ניט נאָר האָט זײַן נאָמען געקלונגען עקזאָטיש — וויר גילי קאַהאַן, אויך זײַן הדרת־פּנים מיט דער בכבודיקער ברייטער באָרד פון האָניק־קאָליר, האָט אויסגעזען אַנדערש, אויסנעמלעך! . . . אויך זײַנע מיינונגען וועגן ליטעראַטור האָבן

אין זיך געהאַט אויסטערלישע שפּיציקייט, אַזוי, למשל רעדנדיק וועגן קינדער־ליטעראַטור, האָט ער זיך איינמאָל אַ זאָג געטאָן: „ . . . מיטן צוגעבן אַ „לע" צו קינדערשע נעמען — חיהלע, שיינדעלע, מענדעלע, בערעלע — איז עס אַפילו ניט קיין ליטעראַטור פאַר דערוואַקסענע און אַוודאי ניט פאַר קינדער".

אַ. קאַהאַן האָט אָבער דעמאָלט, ווי שפּעטער, געהאַט אַ נטיה צו פאַר־אינטריגירן מענטשן, און דער אויבנדערמאָנטער קאָלעגע האָט זיך שטאַרק פאַרחברט מיט אים. אָבער מלחמה און די היטלער־בהלה האָט זיי צעשיידט אויף אַ לאַנגער צײַט. און אָט אַרום פעברואַר 1947 איז דער חבר (מאיר גוטמאַן) צוריקגעקומען פון אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות פון דער אַמעריקאַנער זאָנע קיין בערגן־בעלזן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין „דזשאָינט" אַרבעט זײַן אַמאָליקער קאָלעגע. זײַן פרייד איז געווען אין־לשער. ער איז פאַרבעטן געוואָרן אין קאַהאַנס וואוינאָרט. די שטוב איז געווען פאַרהוילן פון אַ רויכל, וואָס איז געקומען פון דער קיך. זײַן פרוי, פּערעלע, איז געזעסן פאַראַבלט, טוליענדיק צו זיך איר פּיצל קינד. מאיר גוטמאַן איז געווען טיף גערירט. היות ווי ער האָט פאַרנומען אַ געוויסן סטאַטוס אין „מלכות בערגן־בעלזן", האָט ער געקראָגן אַ ליכטיקע, זוניקע דירה פון אַ געוועזענעם נאַצישן אָפיציר, פאַר זײַן פרײַנד.

יאָרן זײַנען אַוועק. די דריטע באַגעגעניש פון די צוויי איז פאָרגעקומען אין שיקאַגע. מאיר גוטמאַן איז דעמאָלט געווען לערער אין איינער פון די דאָרטיקע אַרבעטער־רינג שולן, און ווען אַברהם קאַהאַן איז אָנגעקומען אַהין מיט זײַן משפּחה, און האָט פאַרנומען אַ חשובע פּראָפעסאָר־שטעלע אין אַ דאָרטיקן אוניווערסיטעט, איז זייער פרײַנדשאַפט און חברשאַפט באַנײַט און פאַרשטאַרקט געוואָרן . . .

***

יוסף און מוניאַ בערנהויט זײַנען בדרך־כלל נײַע מענטשן בײַ אונדז אין שטאָט. אָבער לפי זייערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז זיי זײַנען לאַנג־יאָריקע תושבים. יוסף בערנהויט איז מיט לײַב־און־לעבן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד און אין אַ האַלב צענדליק אַנדערע אינסטיטוציעס. אָבער גאָר נאָענט איז אים און זײַן פרוי, מוניאַ, די אינטערעסן פון „ייוואָ". מוניאַ איז די פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַרין און פעלט קיינמאָל ניט אויס בײַ די זיצונגען, און

אַז מען שמועסט פון זיצונגען איז כדאי צו דערמאָנען, אַז זיי קומען טאַקע פאַר אין בערנהויטס אָפיס, וואָס ער דערמעגלעכט מיט אַ סך פריינדלעכקייט.

די בערנהויטס שטאַמען פון שטעטל סקאַלאַט, גאַליציע. הגם ס׳איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ פרום־חסידישן מקום, זיינען פיל פון יונגן דור אַוועק אויף וועלטלעכע וועגן . . . אָבער שפּעטער האָבן סיי די פרומע, סיי די ניט־פרומע געטיילט, כידוע, דעם זעלביקן גורל. יוסף האָט צו זעקס יאָר צוגעזען ווי אוקראַינער מערדער האָבן, ביי אַ רויב־אָנפאַל, קאַלטבלוטיק אומגעבראַכט זיין יונגן פאָטער פאַר די אויגן פון דער גאַנצער משפחה. מען קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן, ווי די טראַגעדיע האָט זיך אויסגעווירקט אויף די קליינע קינדער און אויף דער מוטער! ער און זיין עלטערער ברודער האָבן געדאַרפט אַרויסהעלפן מפרנס־זיין די פאַמיליע.

צו זיבעצן יאָר האָט ער זיך באַקאַנט מיט מוניאַן, און ס׳איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג צום בעסערן אין זיין לעבן. זי איז שפּעטער אים געוואָרן ניט נאָר אַ פרוי — נייערט אַ מאַמע און אַ שוועסטער, ווי עס זינגט זיך אין ביאַליקס באַרימט ליד . . .

ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, און דער היטלעריזם האָט גענומען ווילדעווען איבער פוילן, האָט מען גאָר גיך צעשיידט דאָס פּאָרל. יוספן האָט מען פאַרשיקט אין אַ לאַגער און זיין פרוי מיט די צוויי קינדער האָט מען פאַרשפּאַרט אין דער געטאָ. די אמתע העלדין, דערציילט בערנהויט, איז געווען זיין פרוי, וועלכע האָט אַ דאַנק איר ענערגיע, שכל און מסירת־נפש, געראַטעוועט, אין יענע יאָרן, זיך און די קינדער . . .

אין 1947 האָבן די בערנהויטס זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אומגליקלעכן לאַנד און האָבן דערגרייכט קובאַ. אָבער נאָך איידער מ׳האָט זיך רעכט איינגעאָרדנט דאָרטן, איז געקומען קאַסטראָ, און ז׳האָט ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן און זיך אַוועקגעלאָזן קיין ניו־יאָרק. יוסף בערנהויט איז דאָרטן געוואָרן דער פאָרזיצער פון „דוד בליס צווייג פון פאַרבאַנד" און אין אַ צאָל אַנדערע אָפּטיילונגען און דיוויזיעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אַרבעט פאַר מדינת ישראל. און דאָ, אין מיאַמי, ווי שוין אויבן דערציילט, זיינען די בערנהויטס פאַרטאָן אין געזעלשאַפטלעכע מעשים־טובים, דאַכט זיך, אַלע טעג פון דער וואָך. יוסף פילט, אַז ער האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען זיין פרוי אין אַלע זיינע טעטיקייטן און דערגרייכונגען.

**
*

מ. יוועליר איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־באַנקעט אין 1952. ער האָט רעפערירט וועגן „די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון ייוואָ אין דער איצטיקער צײַט". בײַ יענער געלעגנהײַט האָבן אויך גענומען דאָס וואָרט דר. מוקדוני און משה האַניקבוים. דער פאָרזיצער איז דעמאָלט געווען ב. מאָריסאָן.

מ. יוועליר שטאַמט פון פּוילן. ער האָט שטודירט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן לערער־פאַרבאַנד אין וואַרשע, גענעראַל־סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַלן יוניאָן פון לעדער־אַרבעטער, יידישע דרוקערס יוניאָן 1926־1928, יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן, אַ מיטגליד אין פאַראיין פון „פרײַנד פון ייוואָ".

מ. יוועליר איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1941. ער איז געוואָרן דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון ייוואָ אין ניו־יאָרק אין 1944.

**
*

דאָראַ מייזעל האָט זיך באַטייליקט אין יאָרצײַט־צערעמאָניאַל פאַרן קינסטלער־פּיאַניסט, חיים פערשקאָ, וואָס דער ייוואָ־פאָרום האָט דורכגעפירט אין 1986.

דאָראַ מײַזעל איז אַן אָפּשטאַמיקע פון שטעטל מאַלעוו, אוקראַינע. אירע עלטערן זײַנען געווען פאַרמעגלעך און זי געשיקט לערנען אין אַ גימנאַזיע. אַ העברעישער לערער פלעגט איר געבן אין דער היים פּריוואַטע לעקציעס. אין שטוב האָט מען דווקא גערעדט רוסיש. זי האָט באַזונדערס ליב געהאַט איר פאָטער פאַר זײַן געטרײַשאַפט צו דער מוטער, פאַר זײַן איבערגעגעבנקייט צו דער משפּחה. ער האָט פאַרלאָרן יונג זײַן לעבן אין אַן אומגליקספאַל. ס'איז דענסטמאָל פאַרגעקומען די רעוואָלוציע און אירע בלוטיקע נאָכווייענישן. די מוטער און זי האָבן זיך באַזעצט בײַ קרובים אין בעסאַראַביע.

ד. מײַזעל האָט ממשיך געווען איר לערנען. זי האָט זיך דאָרטן באַקאַנט מיטן דיכטער יאָסל לערנער. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף איר. זי האָט דערלערנט בײַ אים ס'יידיש לשון. אין 1929 איז זי געקומען קיין אַמעריקע, און זיך איינגעאָרדנט אין לאָס־אַנדזשעלעס. איז דאָרטן געוואָרן טעטיק אין די לייען קרײַזן. אויך אין מיאַמי האָט זי צוזאַמען מיט מרדכי מײַזעל געשאַפן דאָס „יידיש ווינקל" און עס אָנגעפירט לאַנגע יאָרן.

**
*

קלאַראַ ווייסמאַן באַטראַכט עס פאַר אַ גרויסן כבוד צו זײַן די סעקרעטאַרין פון ייוואָ־קאָמיטעט. הגם זי איז בלויז אַ קורצע צײַט אין מיאַמי, האָט זי זיך זייער וואויל אײַנגעלעבט אין שטאָט און זיך געשאַפן אַ סך פרײַנד. זי שטאַמט פון אַ שטעטל אין רומעניע. איר פאָטער איז געווען אַ פאַרמער און ציוניסטיש־געניינט. ער האָט געחלומט זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, לײַדער האָט ער עס ניט דערלעבט . . .

אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי פאַרלאָרן אירע עלטערן. דאָס לאַנד איז געוואָרן קאָמוניסטיש. זי האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו אַ ציוניסטישן קרײַזל, וואָס האָט פונקציאָנירט אין היגטערגרונט. ווען מ׳האָט אַנטדעקט דאָס קרײַזל, זײַנען פאַרגעקומען אַרעסטן, און בלויז אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס איר פעטער איז געווען דער ערשטער ישראל־אַבאַסאַדאָר קיין רומעניע, איז זי אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק . . .

אין 1950 האָט זי און איר מאַן פאַרלאָזן רומעניע און עולה געווען קיין מדינת ישראל און זיך באַזעצט אין אַ מושב לעבן אַשדוד, שפּעטער איז זי אַריבער קיין ירושלים און דאָרטן געאַרבעט פאַר דער הדסה. אין 1982 איז זי געקומען קיין אַמעריקע. זי האָט זיך דאָ געטראָפן מיט איר איצטיקן מאַן, ישראל ווײַסמאַן. געלעבט אַ געוויסע צײַט אין רוזוועלט, ניו־דזשוירזי, און אין 84־טן יאָר זיך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש.

***

ישראל ווייסמאַן געהערט צום מין מענטש, וואָס לעבט ניט פאַר זיך אַליין. וואו עס פאָדערט זיך הילף, דאָרט וואַקסט ער אויס. איר וועט אים געפינען אין אַ שפּיטאָל, אין אַ קלוב, אין פאַרשיידענע יידישע אָרגאַ־ניזאַציעס און אוודאי אינעם ייוואָ־קאָמיטעט. ער קומט פון זשעלעכאָוו, פוילן. ווען ער איז נאָך געווען אַ פינף יאָריק קינד איז זײַן פאָטער אַוועק קיין אַמעריקע, געטראַכט אָפּצושפּאָרן אַ פּאָר דאָלאַר און זיך אומקערן אַ היים. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען נאָך געהערט פון אים. ווען דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָט מען גענומען קריגן בריוו פון אים. אין 1921 האָט די פאַמיליע באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן פוילן און זיך פאַר־אייניקן מיטן פאָטער, אין זײַן וואוינאָרט נאָרוויטש, קאָנעטיקוט. דאָס יונג בחורל האָט זיך ניט געקענט אײַנלעבן אין פאָטערס שטרענג־פרומען הויז,

און ער איז אַוועק קיין ניו־יאָרק. דאָרטן זיך שטאַרק געמאַטערט זוכנדיק אַרבעט, אָפּט געהונגערט, ביז ער האָט געפונען אַ פּרײַנד, וואָס האָט אים אַרײַנגעפירט צווישן וועלטלעכע יידן. דורך אים האָט ער אַנטדעקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר, וואו ער האָט גענומען קורסן. דורכן זעלביקן פרײַנד האָט ער אויך געקראָגן אַרבעט און אַ נײַ לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים. ער האָט אַפילו דעמאָלט געחלומט צו ווערן אַ יידישער לערער. נאָר די געשעענישן אין חברון אין 1929 האָבן געביטן די פּלענער. ער האָט זיך פּלוצעם אויפגעהויבן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן מצד די עלטערן, און איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

אין פעברואַר 1939 איז ער מיט 25 בחורים אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל מיט סערטיפיקאַטן, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דער יידישער אַגענטור. אין חיפה האָבן זיי אָפּגעוואַרט צוויי פאַרשטייער פון סוכנות: גאָלדע מעיערסאָן (מאיר) און ישראל מערעמינסקי (מרין). זיי האָבן באַגריסט די יונגע חברה, אויסדריקנדיק די האָפענונג, אַז זיי וועלן ניט זײַן די „ערשטע פייגל" פון אַמעריקע. גאָלדע מאיר האָט געעצהט, מ'זאָל ניט בלײַבן אין שטאָט, נײַערט זיך אָנצושליסן אין אַ קיבוץ. זי אַליין איז טאַקע אומגעפאָרן מיט די יונגע בחורים אין די קיבוצים. בלויז אַכט האָבן אָנגענומען איר עצה. ישראל ווײַסמאַן איז געווען צווישן זיי. ער איז אָבער לאַנג ניט פאַרבליבן אַ קיבוצניק. סיבות זײַנען געווען אַ סך. ער איז אַוועק קיין תל־אביב צו אַ באַקאַנטער משפּחה. מ'האָט אים זייער פרײַנדלעך אויפגענומען. ער האָט דאָרטן געפונען זײַן זיווג און האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין אַמעריקע. די „שטראָף" פאַר אויסבײַטן ארץ ישראל אויף אָנקל־סעמס מדינה איז געווען — די דעפּרעסיע, וואָס ער האָט געטראָפן. צו יענער צײַט האָט ער זיך דערוואוסט פון בנימין־בראַונס פּראָיעקט וועגן בויען אַ יידישן „האָמסטעד" (אַ מין מושב) לעבן דעם שטעטל הײַטסטאָן. אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון זײַן פרײַנד סעם צוקערמאַן (רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער־אָפּטיילונג אין „טאָג"), האָט מען אים אײַנגעשלאָסן אין דער חברותא. מען האָט אויך געדאַרפט דורכגיין די „עקזאַמענעס" פון צוויי קאָמיסיעס. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט גע־פאָרשט צי ער איז אַ געטרײַער און לאָיאַלער בירגער, און די מעדיצינישע — צי ער איז בקו־הבריאות. ענדלעך האָט ער און זײַן פרוי מיטן טעכטערל, אביבה, זיך באַזעצט אויפן „האָמסטעד", וואָס מ'האָט שפּעטער משנה־שם געווען אויף „רוזוועלט". דאָרטן האָט ישראל ווײַסמאַן אָפּגעלעבט איבער 47 יאָר, דערצויגן צוויי קינדער, דאָרטן איז נפטר געוואָרן זײַן פרוי. אין 1984

איז ער געקומען מיט זײַן צווייטער פרוי, קלאַראַ, קיין מיאַמי־ביטש, וואו ער האָט געטראָפן זײַן לאַנדסמאַן, שמעון גובערעק, וואָס האָט אים אַרײַנגעפירט אין די יידיש־יידישע קרײַזן. ער מיינט, אַז זײַן לעבן איז אַצינד רײַכער אין אינהאַלט און ער איז מער צופרידן געזעלשאַפטלעך.

***

מאַלע לובעלסקי איז אַ מיטגליד אין דער ייווא־פּאַרוואַלטונג און ווײַזט אַרויס גרויס אינטערעס אין דער אַרבעט. זי האָט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע. זי איז געבוירן אין לאָדזש, פּוילן. זי האָט דאָרטן געענדיקט די „באָראָכאָוו צישאָ־שול״. זי איז געווען אַקטיוו אין ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן״ און אין דער יוגנט אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״. בײַם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז זי אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד, געשפּילט טעאַטער אין מיטל־אַזיע, געזונגען אין כאָר אונטער דער לייטונג פון ישׂשכר פאַטער. נאָכן קריג האָט זי געשפּילט טעאַטער אין בערלין, לײַפּהײַם, דײַטשלאַנד, אין די. פּי. לאַגערן אונטער דער רעזשי פון יוסף לובעלסקי.

מאַלע לובעלסקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1950. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זי געהאָלפן גרינדן אַן אַרבעטער רינג „קינדער־גאָרטן״ און איז געוואָרן דאָרטן די לערערין (ניו־יאָרק). איז אויך געווען אַ מיטגרינדערין פון „קלעפּפּיש אַ. ר. צווײַג״ (בראָנקס). זי איז געווען אַ מיטגליד כמעט אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער אַ. ר. אָרגאַניזאַציע, און אַזוי אויך בײַם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. זי איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „צוקונפט״ „פאָרווערטס״, ווי אויך וויצע־פּאָרזיצערין פון „אָרט״.

פרוי לובעלסקי געפינט זיך אין מיאַמי זײַט דעם 81־טן יאָר. זי איז אַקטיוו אין די קולטור־קלובן פון נאָרט מיאַמי ביטש. מיטגרינדערין און וויצע־פּאָרזיצערין פון אַ. ר. צווײַג 679.

***

אַברהם האַרטשיק געהערט צו די נײַסטע טוער פון יזוואַ־קאָמיטעט. ער שטאַמט פון שטעטל טולישקאָוו, פּוילן. זײַן פאָטער, דערציילט ער, האָט געענדיקט אַ ישיבה און באַקומען היתר רב, אָבער ער האָט ניט געוואָלט ווערן קיין רב. אים האָט זיך געוואָלט בעסער שרײַבן שירים אין דער „הצפירה״ . . .

אַברהם איז געווען דער עלטסטער זון, ער האָט געהאַט ברידער און שוועסטער. זיי זײַנען אַלע אומגעקומען אין די חורבן־יאָרן. ער האָט געלערנט אין אַ חדר און צו דרײַצן איז ער געוואָרן אַ שנײַדער, און ער באַמערקט ניט אָן שטאָלץ, אַז ער האַלט נאָך אָן דעם פאַך ביז הײַנט. ער האָט אַ סך געלערנט דורך „זעלבסט־בילדונג״, באַזוכט אָוונט־קורסן און פיל געלייענט. ער איז געוואָרן אַקטיוו אַלס יונגער בחור אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״ און „בונד״. בײַם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי. ער האָט דורכגעמאַכט געפאַנגשאַפט אין דײַטשלאַנד. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ היים, האָט ער אָרגאַניזירט אַ געהיימע בונדישע הילפס־גרופּע, וועלכע האָט אַרויסגעהאָלפן חברים אין נויט מיט פעקלעך שפּײַז און קליידער.

אַברהם האַרטשיק איז געווען אין די נאַצישע לאַגערן אוישוויץ און דאַכאַו און איז באַפרײַט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין 1945.

אין יוני 1941 האָט מען אַלע יידן פון זײַן שטעטל אַרויסגעשיקט אויף צוואַנג־אַרבעט אין אַ לאַגער אין פויזן. שווערע פּראַצע, הונגער און קלעפּ האָבן פאַרקירצט דאָס לעבן. און דאָך איז דאָרטן געפירט געוואָרן אַ געהיימע קולטור און הילפס־טעטיקייט. ער האָט זיך באַטייליקט אין העלפן צוגרייטן די אומלעגאַלע פײַערונג צום 45־טן יאָריקן יובילײ פון „בונד״ . . .

נאָכן אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ איז דער לאַגער ליקווידירט געוואָרן, און מ׳האָט די יידן באַשטימט פאַר אוישוויץ. דער לאַגער איז געווען 40 קילאָמעטער די לענג און די ברייט. אַברהם האַרטשיק האָט מען געשיקט אין דער אָפּטיילונג פון שנײַדערײַ. דאָרטן האָט מען סאָרטירט די קליידער פון די פאַרגאַזטע, זיי פאַרריכט און זיי טראַנספּאָרטירט קיין דײַטשלאַנד. ווען די רוסישע אַרמיי האָט זיך דערנעענטערט צו אוישוויץ, האָט מען די יידן געטריבן אין אַ טויטן־מאַרש ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטן געגנט . . .

אַברהם אַרטשיקן און אַנדערע לעבן־געבליבענע יידן האָט די אַמעריקאַנער

אַרמיי באַפרײַט דעם 30־טן אַפּריל, 1945. הגם העכער פערציק יאָר זײַנען אַריבער זײַט יענער צײַט, גלייבט זיך אים ניט, אַז ער האָט עס טאַקע אַליין אַלץ דורכגעמאַכט. אָפט אין די נעכט מאַטערן אים שווערע חלומות, און ער האָט ס׳געפיל, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט באַפרײַען פון זיי . . .

אָט אין יענער צײַט האָט האַרטשיק גענומען שרײַבן לידער. זעקס יאָר איז ער געווען אין בעלגיע, איז געווען טעטיק אין דער „מיכאַלעוויטש ביבליאָטעק״ אין בריסל און אַקטיוו אין דער בונדישער גרופּע. אין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין 1951. ער איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַרבעטער־רינג און אַלע זײַנע אָפּטיילונגען און אַזוי אויך בײַם „בונד״. און ניט ווינציקער בײַם „קאַצעטלער פאַרבאַנד״. ער איז אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס־אַסאָסיאַציע״. אין מיאַמי געפינט זיך האַרטשיק זײַט 1981. ער איז דער גרינדער און סעקרעטאַר פון נײַעם אַר. רינג־צווײַג 679. חוץ באַריכטן אין „פאָרווערטס״ שרײַבט ער פּאָעמעס און לידער אין דער „אָנהייב״.

*****

אסתר באַרעט פּיאַניסטין האָט אָנטיילגענומען אין אָנדענק־יאָרצײַט נאָכן קינסטלער חיים פּערשקאָ, וואָס דער ייוואָ־פאָרום האָט דורכגעפירט אין 1986.

אסתר באַרעט איז געבאָרן אין ניו־יאָרק. זי האָט געקראָגן איר מוזיקאַלישע אויסבילדונג אין איר היימשטאָט און אין באָסטאָן. זי האָט אַקאָמפּאַנירט אַ צאָל באַקאַנטע אַרטיסטן, און ווי אַ פּיאַניסטן אַרויסגעטראָטן אין דעם „סטראַבערידזש באַלעט״, אין דער „האָוואַרד ראַדיאָ״ און מיטן חזן פינטשיק. זי איז אויסגעווען אין אַ סך שטעט דאָ, אין לאַנד, אין קאַנאַדע און אין מעקסיקע, ווי אויך אין פראַנקרײַך און האָלאַנד, און זי האָט זיך ענדלעך באַזעצט אין דער שטאָט פון „זון־און־פּאַלמעס״, וואו זי געניסט ניט בלויז פון רו, נײַערט פון געזעלשאַפטלעכער אָנערקענונג . . .

*****

חיים גראַדע

חיים גראַדע

דער בלינדער פידלער

אַ בלינדער פידלער איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט
פון ווילנער שול-הויף, בײַ דעם שטומען שקיעה-זייגער.
און אויף זײַן פידעלע געגרימפּלט נאָכאַנאַנד
אַ וויינענדיקן ניגון אויפן זעלבן שטייגער.

און די, אין וועמען ס׳צאַפּלט נאָך אַ ווילנער גליד,
פאַרגעסן קענען ניט דעם פידלער ביז אַצינדער;
און נאָך פיל טרויעריקער וויינט ער פון מײַן ליד,
ווײַל אַרום מיר בײַם שפּילן שטייען ניט קיין קינדער.

און אויך די אַלטע לײַט וואָס האָרכן מיט אַ קרעכץ,
פאַרשווינדן נאָך אַ ווײַל אין זייערע געוועלבער.
און איך אַליין רייד אויס אויף זיך דאָס גאַנצע שלעכטס
הלמאַי מײַן וויסטער ניגון תמיד איז דער זעלבער.

און דאָך איך גרימפּל ווײַטער: העלפֿט! מיר שטאַרבן אויס!
מיר כּלי־זמר אַ קאַפּעליע אויף צעפּליקטע סטרונעס
אין בראָכוואַרג ביי דער לעצטער וואַנט פֿון אונדזער קלויז,
פֿאַרהילכט מיט האַרפֿנשפּיל פֿון אַנדערע אמונות.

אַז איך וועל מער ניט שפּילן בײַ דער לעצטער וואַנט,
וועט אויך דער שקיעה־זייגער מיט די טויטע ווײַזערס
ניט קענען אויסבאַהאַלטן מער פֿון גאָט זײַן שאַנד,
אַז יידן זײַנען שוין מער ניטאָ אין ווילנער הײַזער.

און דאַרפֿן מער ניט וויסן ווען צו בענטשן ליכט.
אָ, לאָזט מיך, אַלטע שולגייער, לכּבֿוד שבת
נאָך שפּילן, איידער שאָטנס פֿאַלן צו געדיכט
און אַלץ ווערט צוגעמאַכט אויף זשאַווערדיקע שטאַבעס.

(אויסצוג — „גאָלדענע קייט" נומער 106)

**
*

מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש באַוואוסטער עמוד־קינסטלער איז אויפֿגעטראָטן בײַם ייוואָ־פֿאָרום צוויי מאָל אין 1986: — פֿעברואַר דעם 26־טן מיט אַ רעפּערטואַר וועגן „די יידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד", און דעם 5־טן מערץ אין אַ פּראָגראַם צום ערשטן יאָרצייט פֿון באַגאַבטן פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר, חיים פּערשקאָ.

מ. אַלעקסאַנדראָוויטש שטאַמט פֿון ריגע, לאַטוויע. ער איז 25 יאָר געווען באַקאַנט ווי איינער פֿון די פּאָפּולערסטע קינסטלער־זינגער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. זײַן טענאָר־שטימע האָט שטאַרק אויסגענומען בײַ דעם דרײַליגנ־הערשער: סטאַלין, כרושטשעוו און ברעזשנעוו, און ער האָט געקראָגן דעם „סטאַלין־מעדאַל". ער איז בשעתו אויפֿגעטראָטן אין זעקס טויזנט קאָנצערטן, און עס זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן העכער צוואַנציק מיליאָן פּלאַסטינקעס פֿון זײַנע לידער. נאָך שווערער מי איז אים געלונגען צו קריגן אַן אַרויספֿאָר־דערלויבעניש, און זײַן ערשטע סטאַנציע איז געווען מדינת ישראל. ער איז דאָרטן אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרויס כּבֿוד, און האָט גיך געקראָגן אַן

אָנגעזעענע פּאָזיציע אַלס חזן און קאָנצערט־זינגער. אָט וואָס עס שרײַבט וועגן אים די העברעישע פּרעסע:

„זײַן ליריש־סאַמעטענע שטימע דרינגט אַרײַן אין האַרצן. ס׳איז שוין אַ לענגערע צײַט ווי מיר האָבן ניט געהאַט אַזאַ אָנגענעמענע איבערלעבונג בײַם הערן אַלעקסאַנדראָוויטשעס אויסטײַטש פון מאָצאַרטן, סטראַטעלאַן, טשײַ־קאָווסקי, און שאָסטאַקאָוויטשן. ער איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעצייכנט אין זײַנע יידישע פאָלקסלידער, און אַוודאי און אַוודאי אויפן חזנישן פעלד. מיר האָבן געוואַרט אויף אַזאַ לירישן טענאָר אין מדינת ישראל״! ... (מעריב).

„פון אָנהייב ביזן סוף האָט אַלעקסאַנדראָוויטש געהאַלטן געפאַנגען זײַנע צוהערערס מיט זײַן אַרטיסטישן טאַלאַנט. . . זײַן שטים איז זאַפטיק און מעלאָדיש... יעדעס וואָרט זײַנס איז קלאַנגרײַך ווי זײַן ליד״... (ידיעות אחרונות).

***

חזן משה פרידלער איז אויפגעטראָטן בײַם ייוואָ־פאָרום אין מיאַמי־ביטש, און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, באַזונדערס האָט זיך אײַנגע־קריצט אין זכרון זײַן דערשײַנען בײַם „שמואל ראָזשאַנסקי באַנקעט״, וואָס די היגע ייוואָ־געזעלשאַפט האָט דורכגעפירט זונטיק, דעם 26־טן יאַנואַר, 1986.

חזן פרידלער איז געבאָרן אין אַרגענטינע. ער האָט געקראָגן זײַן יורי־דיפּלאָם אין אוניווערסיטעט אין בוענאָס־אײַרעס, און אַן אויסצייכענונג אין דער דאָרטיקער מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע. זײַן אויסשולונג איז פאָרגעזעצט גע־וואָרן אין חזנים־סעמינאַר.

חזן משה פרידלער איז אויך אַ בינע־קינסטלער און אַ גוט־באַוואוסטער אָפּערע־זינגער. ער האָט געגעבן קאָנצערטן אין פיל לענדער פון דרום־אַמעריקע, אין מדינת ישראל, אין אייראָפּע און אַוודאי דאָ, בײַ אונדז אין לאַנד. ער איז פיל יאָרן געווען חזן אין דער בית־אל־סינאַגאָגע אין מעקסיקע־סיטי. פאַר די לעצטע נײַן יאָר איז ער חזן אין טעמפּל בית־משה אין מיאַמי. ער גרייט אויך צו דאָס יונגוואַרג פאַר בר־און־בת מצווה.

חזן פרידלער האָט אויך געשריבן שפּילן אין יידיש.

***

בען קאַרטש קומט פון וואַרשע. ער האָט דאָרטן געלערנט אין דער „בערמאַן־שול" וואו ער האָט געקראָגן אַ רעליגיעז־וועלטלעכע דערציונג. צו פערצן יאָר איז ער געגאַנגען זיך לערנען אייַנבינדעריי. שפּעטער האָט ער באַלאַנגט צום דרוקער־פאַריין, זייַענדיק אַקטיוו אין דער יוגנט־סעקציע. אין 1926 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם בונדישן יוגנט־קלוב „צוקונפט" און פאַרנומען דאָרטן פאַרשיידענע אַמטן. נאָכדעם איז ער אַרייַנגעטראָטן אין אַלגעמיינעם „בונד".

בייַם אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג האָט ער זיך געלאָזן מיט זייַן משפחה קיין ראָוונע. דאָרטן פאַרכאַפּט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס און מ׳האָט אַלעמען פאַרשיקט אין ווייַטן רוסלאַנד. אין קאַלוגאַ, ניט ווייַט פון מאָסקווע, האָט ער געאַרבעט מיט זייַן פרוי אין אַ פאַבריק. אין 41־טן יאָר, ווען ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אויף ס׳ניי אַ מלחמה צווישן נאַצי־דייַטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז בען קאַרטש מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. ווען די נאַציס האָבן פאַרנומען קאַלוגאַ האָט מען אַ סך פאַמיליעס עוואַקואירט קיין סיביר. צווישן זיי האָבן זיך געפונען זייַן פרוי, קינד און מאַמע. ער האָט ניט געוואוסט וואו זיי זייַנען אַהינגעקומען, און עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן ניט געהערט פון אים. קורץ נאָך זייַן באַפרייַונג פון דער אַרמיי, האָט ער זיך אומגעקערט קייַן פוילן, דאָרטן געפונען זייַן פאַמיליע. אין 1946 געפינען מיר אים מיט זייַנע בני־בית אין אַ לאַגער פאַר פּליטים אין שטוטגאַרט, דייַטשלאַנד.

אין לאַגער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, געהאָלפן גרינדן אַ יידישע ביבליאָטעק. אין 51־טן יאָר איז ער געקומען קיין פילאַדעלפיע, וואו ער איז געוואָרן טעטיק אַרום די אַ. ר. שולן, געהאָלפן שאַפן אַ צווייַג פון אַ. ר. און די אָרגאַניזאַציע „די נייַע אַמעריקאַנער", ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע פון אויפשטעלן אַן אָנדענק־מאָנומענט פאַר די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן.

אין 81־טן יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין מיאַמי־ביטש, וואו ער איז אַ פּאָר יאָר געווען דער סעקרעטאַר פון ייווא־קאָמיטעט.

***

סענדער ווייסמאַן שטאַמט פֿון ווילנע. האָט מיטגעמאַכט געטאָ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ס׳איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן קיין פּאַריז, וואו ער איז געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר אין אַ דראַמאַטישער שול. ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1947 און האָט פֿאַרנומען אַ לערער־שטעלע אין די אַרבעטער־רינג שולן.

סענדער ווײַסמאַן איז דאָס רוב יאָרן געווען דער פּרינציפּאַל פֿון די א. ר. שולן אין קליוולאַנד, און איז אויך געווען דירעקטאָר פֿון קליוולאַנדער אַ. ר. קינדער־קעמפּ, און אויך אין די אַ. ר. קינדער־קעמפּס אין באָסטאָן און אין טאָראָנטאָ. ער האָט געגעבן יידיש־קורסן פֿאַר דערוואַקסענע אין „קייס וועסטערן רעזערוו אוניווערסיטעט״, אין „פּערמאַנענט־טעמפּל״, אין פּאַרק־סינאַגאָג; אין יידישן געמיינדע צענטער, און אין קאָלעדזש פֿאַר „יידישע שטודיעס״.

ס. ווײַסמאַן איז געווען דער יידיש־קולטור־קאָנסולטאַנט 25 יאָר בײַם יידישן געמיינדע צענטער, וואו ער האָט געהאָלפֿן צוגרייטן יערלעכע פּראָגראַמען פֿאַר לעקציעס, קאָנצערטן און אַנדערע ענינים. ס׳האָט אויך אײַנגעשלאָסן דעם אָנדענק פֿון „אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״. ער איז געווען אויסגעקליבן אַלס דער „אַלומנוס פֿון יאָר״ פֿון יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, און איז געווען אָפֿיציעל באַשטימט ווי אַ פּראָפֿעסאָר פֿון יידיש אין פֿאַרבאַנד פֿון יידיש־פּראָפֿעסאָרן, אַ פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין פֿון געלערנטע און יידיש־לערער אין די הויכשולן.

ס. ווײַסמאַן און זײַן פֿרוי, מינדעלע, זײַנען אויפֿגעטראָטן אין דער פֿאָרשטעלונג „אַ בינטל בריוו״ אין קליוולאַנד און אין אַטלאַנטאַ, מיט גרויס דערפֿאָלג. זינט 1979 וואוינען די ווײַסמאַנס אין נאָרטה מיאַמי־ביטש. זיי האָבן אָנטיילגענומען אין דעם „האָלאָקאָסט״־פּראָגראַם פֿון דער היגער יידישער פֿעדעראַציע, אין יערלעכן „עונג־שבת״ פֿון „עדת ישורון סינאַגאָגע״ און אין אַנדערע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

דעם 9־טן פֿעברואַר האָט דער בר־אילן אוניווערסיטעט דורכגעפֿירט אַ גרויסאַרטיקע פּראָגראַם לטובת דער יידיש־קאַטעדרע, וואָס מ׳האָט דאָרטן אײַנגעשטעלט. בײַ יענער געלעגנהייט האָט מען באַערט געוויסע כלל־טוער און לערער, צווישן די לעצטע זײַנען געווען סענדער און מינדעלע ווײַסמאַן! . . .

***

מינדעלע גורנער ווײַסמאַן און איר מאַן סענדער, זײַנען אויפ־געטראָטן אין 1986 בײַם ייווא־פֿאָרום אין אַ רעוויו: „פֿון די ווילנער געטאָ־געסלעך ביז צו דער „גאָלדענער קייט" אין תּל־אָביב" און האָבן אויסגענומען.

מינדעלע ווײַסמאַן איז געבאָרן אין ניו־יאָרק. זי האָט גראַדויִרט פֿון האָנטער קאָלעדזש מיט אַ „בי־איי" און פֿון דעם יידישן לערער־סעמינאַר מיט אַ „בי. אייטש על.". זי האָט געשפּילט מיט דער „פֿאָלקסבינע". זי האָט אָנגעפֿירט מיט קלאַסן אין „קייס וועסטערן רעזערוו" אין קליוולאַנד, און אין „קאָלעדזש פֿון יידישע שטודיעס", ווי אויך אין די אַ. ר. שולן אין ניו־יאָרק און קליוולאַנד.

די יונגע פֿרוי איז אָפֿיציעל געווען באַשטימט אַלס יידיש־פּראָפֿעסאָרין, אין פֿאַרבאַנד פֿון יידיש־פּראָפֿעסאָרן, אַ פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַריין פֿון געלערנטע און יידיש־לערער אין די הויכשולן. זי האָט געשפּילט מיט אידאַ קאַמינסקאַ אין אַ וויכטיקער ראָל אין „מירעלע אפֿרת" און אין „די זאַמדן פֿון נגבֿ"; האָט אָנטיילגענומען אין „גאָלדפֿאַדנס חלום" מיט דער ניו־יאָרקער „פֿאָלקס־בינע", אין פּרצעס „פֿאַליש אויף דער קייט" און אין דעם „גרויסן געווינס" פֿון שלום עליכם. מינדעלע ווײַסמאַן האָט זיך באַטייליקט אין פֿיל אַנדענק־פּראָגראַמען פֿון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד אויף דער בינע, ראַדיאָ־און־טעלעוויזיע, ווי אַ פֿאַרלייענערין און אַרטיסטין. סענדער און מינדעלע ווײַסמאַן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ זעלטענע שותּפֿות פֿון וויכטיקע אויפֿטואונגען, אין משך פֿון 25 יאָר, פֿאַר דער יידישער געמיינדע אין קליוולאַנד. דאָס פּאָרל איז אויפֿגעטראָטן אין „בינטל בריוו" אין קליוולאַנד און אין אַטלאַנטאַ.

אין פֿעברואַר 1986 האָט דער בר־אילן אוניווערסיטעט בײַ אַ גרויס־אַרטיקן באַנקעט באַערט אַ צאָל יידיש־לערער. צווישן זיי זײַנען געווען סענדער און מינדעלע ווײַסמאַן.

***

ליאַ קעניג איז אויפֿגעטראָטן אין 1986 בײַם ייווא־פֿאָרום אין אַ מוזיקאַלישן פּראָגראַם, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען מיטן הומאָריסטיש־פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער.

ליאַ קעניג איז געבאָרן אין לאָדזש, פּוילן. זי איז די טאָכטער פֿונעם שוישפּילער, יוסף קאַמען פֿון דער „ווילנער טרופּע", און פֿון דינה קעניג. די טאָכטער האָט, קאָנטיק, באַקומען בירושה איר טאַלאַנט פֿון ביידן.

ליאַ קעניגס אַרטיסטישע טעטיקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 61־טן יאָר האָט זי עולה־געווען קיין מדינת ישראל מיט איר מאַן צבי שטאָלפּער. זי האָט ביז היינט אַנטייל גענומען אין העכער פערציק פאַרשטעלונגען. ס'איז כדאי צו דערמאָנען עטלעכע פון זיי: — „דאָס טאָג־בוך פון אַנאַ פראַנק", „טביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם, „דער איינגערעדטער חולה" פון מאָליער, „מלחמה און שלום", „שמו הולך לפניו" פון א. קישון, „דאָס שפּייז־געוועלב" פון ה. מיטלפּונקט, „מוטער קוראַזש" פון ב. ברעכט, „העלען קעלער" פון גיבסאָן, „די כישופמאַכערין" פון אַ. גאָלדפאַדען, „כאַסיע די יתומה" און אין אַ צאָל מוזיקאַלישע קליינקונסט־פאַרשטעלונגען פון צבי שטאָלפּער, ווי צ. ב.: „שאַך־מאַט", „פעפער און זאַלץ", „דאָס גן־עדן אויף דער ערד", „אַ פּאַרל פון גאָט", „חכמה ליגט אין קעשענע", „אַ משוגענע וועלט".

פאַר דער מייסטערשאַפט אין „אַנאַ פראַנק" ווערט זי באַלוינט מיטן טיטול „לאַורעט", אַלס די בעסטע שוישפּילערין פון איר זשאַנער. פאַר איר שאַפונג אין אַ. מגדס „בראשית" קריגט זי דעם „קלויזנער־פּריז" און דעם „טאַנע־פּריז". פאַר אירע קרעאַציעס אין „מוטער קוראַזש" פון בערטאָלד ברעכט און פאַר „קדיש" פון אַלען גינסבערג, באַקומט זי צוויי „כינורות־דוד" (דודס פידעלע) — דעם ישראל אָסקאַר. דער שטאָט־ראַט פון תל אביב האָט זי באַשאַנקען מיטן „אמנות הבימה־פּריז" (בינע קונסט), אין 85־טן יאָר באַלוינט זי דער „קרייז פון די הבימה־פריינד" מיטן פּריז „שחקנית השנה" (די בעסטע הבימה שוישפּילערין). אָט זיינען אַ פּאָר פראַגמענטן פון רעצענזיעס, וואָס זיינען דערשינען אין דער פּרעסע.

„ליאַ קעניג האָט באַשאָנקען דעם ישראל־טעאַטער אַ נייעם און גוטן שפּיל־כוח" — יורם קאַניוק. די פּיעסע, „די שטולן" פון יאָנעסקאָ, איז ליאַ קעניגס אַ פערזענלעכער טריומף (דזשערוסאַלעם פּאָסט). „די פרוי קעניג שפּילט מיט אַ ווירטואָזישער קראַפט. אַלע גענאַגטע ווערטער אין דער רעצענזיע זיינען ניט מער ווי אַ הקדמה — אויסצודריקן די התפעלות פאַר איר שפּילן" — בועז עברון — (ידיעות אחרונות). „מוטער קוראַזש" פון ברעכט — איז די בעסטע ראָליע, אין וועלכער די יונגע פרוי האָט אונדז געגעבן. זי האָט באמת פאַרדינט די רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן" — (דר. חיים גמזו — הארץ). „עס זעט אויס, ווי דער גאָט פון טעאַטער וואָלט זי באַשאָנקען מיט אַלע צען מאָס אַרטיסטישע טאַלאַנטן" — (שמעון קאַנץ. „לעצטע נייעס").

***

צבי שטאָלפּער איז אויפגעטראָטן ביים ייוואָ־פאָרום אין 1896 אין אַ קינסטלערישן פּראָגראַם פון רעציטאַציעס, אימפּראָוויזאַציעס און געזאַנג. צ. שטאָלפּער איז געבאָרן אין טשערנאָוויץ, רומעניע, היינט סאָוועט־רוסלאַנד. דער פאָטער איז געווען אַ סוחר, די מוטער פלעגט אין איר פרייער צייט „מאַכן" לידלעך מיט אייגענע ווערטער מיט אייגענע מעלאָדיעס.

צבי שטאָלפּער האָט פאַרענדיקט אַ הויכשול פאַר ליטעראַטור און קונסט. זיינע ערשטע טעאַטער־פּרואוון האָט ער געמאַכט אין פאַרניכטונגס־לאַגער, וואַפּניאַרקאַ. דאָרטן האָט ער, אונטער דער נאָז, אַזוי־צו־זאָגן, פון די היטלעריסטישע תליונים געשריבן און אינסצענירט טראַגי־קאָמישע מאָמענטן פון לאַגער־לעבן. נאָך דער באַפרייונג, פירט ער אָן מיטן דראַמקרייז פון קימפּאַלונג. אין 48־טן יאָר ווערט ער אַ מיטגליד פון בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער. אין 1961 איז ער עולה קיין מדינת ישראל מיט זיין פרוי, ליאַ קעניג. נאָך אַ זעקס־חדשימדיקן פאַרטיפן זיך אין עברית, ווערט ער אויפגענומען פון דער הבימה. וואו ער איז נאָך היינט אַ מיטגליד. אין משך פון די יאָרן האָט ער געשפּילט אין: — „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" פון גערשענזאָן, „כאַשע די יתומה" פון יעקב גאָרדין, „טביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם, „דער שטעל־פאַרטרעטער" פון האָכהוט; „מלחמה און שלום" פון א. מגד. און אַ צאָל אַנדערע...

צבי שטאָלפּער האָט געשריבן און רעזשיסירט אומצייליקע מוזיקאַלישע קליינקונסט פּראָגראַמען; די באַקאַנטע פון זיי זיינען: — „מיט פעפער און זאַלץ", „שאַך־מאַט", „דער גן־עדן אויף דער ערד", „חכמה ליגט אין קעשענע", „אַ גוט יאָר אייך יידן", „אַ משוגענע וועלט". אָט די פאַרשטעלונגען האָט מען געשפּילט, מיט דער קינסטלערין, ליאַ קעניג, אין דער הויפּט־ראָלע, אין אַרגענטינע, אורוגוואַי, טשילע, פּערו, בראַזיל, פראַנקרייך, בעלגיע און קאַנאַדע, און, פאַרשטייט זיך, דאָ אין לאַנד.

צ. שטאָלפּער האָט רעזשיסירט מיט גרויס הצלחה: „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום עליכם, „די כישופמאַכערין" פון א. גאָלדפאַדן, און אַנדערע פּיעסן. פאַר זיינע קינסטלערישע שאַפונגען האָט ער געקראָגן אויסצייכענונגען. אָט זיינען אייניקע טעאַטער־אויסצוגן וועגן צ. שטאָלפּער: „צ. שטאָלפּער איז אַן איבערראַשונג! ס'מוז באַמערקט ווערן זיין פיינער געשמאַק. ער רופט אַרויס ביים פּובליקום אַ געזונטן ענטוזיאַזם" (אילוסטרירטע וועלט־וואָך). צ. שטאָלפּער איז אַ קינסטלער פון אַ הויכער מדרגה... (יוריס „לעצטע נייעס" ישראל).

***

דער ייוואָ אויפֿן ווייטן אינדזל גואַם

(אַן אויסצוג פֿון אַן אַרטיקל, געשריבן פֿון מאיר ראַק — „פֿאָרווערטס" יוני 6, 1986)

. . . עס איז שוין אָבער צײַט צו דערציילן אין וואָס עס באַשטייט שעלבי שאַפּיראָס געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אויפֿן אינדזל גואַם. ערשטנס האָט ער דאָרטן געגרינדעט אַן אַרבעטער־רינג גרופּע, און אויב די גרופּע איז ניט זייער גרויס אין ציפֿערן, איז זי אָבער רעלאַטיוו, וואָס דאָס מיינט אין פֿאַרגלײַך מיט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין גואַם, אַ גאַנץ באַדײַטנדיקע, ווײַל סך הכל זײַנען דאָרטן פֿאַראַן פֿופֿציק ייִדן און צום אַ. ר. געהערן — 9. די גרופּע האַלט אָפּ אירע באַגעגענישן איין מאָל אין חודש און עס ווערן דאָרטן פֿאַרהאַנדלט פֿראַגן פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אינטערעס. די גרופּע האָט געקאָנט האָבן נאָך דרײַ מיטגלידער, אָבער זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי סטרײַק־ברעכער בעת אַ לערער־סטרײַק, און דאָס האָט זיי דיסקוואַליפֿיצירט. . .

. . . פֿון זייער מאַנאַטלעכן בולעטין, וואָס די גרופּע גיט אַרויס, דער־וויסט מען זיך, אַז דער גאָווערנער פֿון גואַם האָט וועגן יום־השואה אַרויס־געגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע, און די לעגיסלאַטור פֿון גואַם (דער אינדזל באַלאַנגט צו אַמעריקע). האָט וועגן דעם „געדענק־טאָג" אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָ־לוציע, און אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט איז פֿאָרגעקומען אַ ספּעציעלער צו־נויפֿקום געווידמעט דעם „אומקום און ווידערשטאַנד" פֿון די ייִדן אין די געטאָס. די איניציאַטיוו פֿאַר די אַלע אַקטיוויטעטן איז געקומען פֿון דער קליינער גרופּע.

אויף איר ווענדונג זײַנען אויך אויף דער טעלעוויזיע פֿון גואַם, אין דער יזכור־וואָך, געוויזן געוואָרן אַ גאַנצע ריי פֿילמען אין שײַכות מיטן חורבן. . .

. . . די גרופּע פֿאַרנעמט זיך אויך מיט אַקטועלע פּאָליטישע און געזעל־שאַפֿטלעכע פֿראַגן. ווען דער ייוואָ האָט ניט לאַנג צוריק געפֿײַערט זײַן זעכציק־יאָריקן יובילײ, איז אויף דער ווענדונג פֿון דער גרופּע, דער פֿילם „דאָס בילד פֿאַר מײַנע אויגן" וועגן פּוילישן ייִדנטום, געוויזן געוואָרן אויף דער דאָרטיקער טעלעוויזיע. אַרטיקלען וועגן ייוואָ זײַנען געדרוקט געווען אין דער דאָרטיקער צײַטונג. דער ערשט־דערמאָנטער פֿילם איז אויך געוויזן

געוואָרן אין אַ מואווי־טעאַטער און דערבײַ האָט מען דורכגעפירט אַ געלט־זאַמלונג פאַרן ייוואָ, מיט גאַנץ גוטע רעזולטאַטן...

... ווי מיר זעען האָט די גרופּע, אויך אונדז אָוועקגעשטעלט אויפן ווײַטן אינדזל ג ו אַ ם אויף דער יידישער מאַפּע...

רשימה פון לעקטאָרן

שלום אַש
ה. לייוויק
ש. ניגער
י. ב. זינגער
חיים גראַדע
שמעון וועבער
יהודה עלבערג
דר. שלמה סײַמאַן
דר. יעקב שאַצקי
דר. פיליפּ פרידמאַן
יעקב לעשטשינסקי
איציק מאַנגער
רחל קאָרן
דר. שלמה ביקל
יעקב זיפּער
דר. אַ. מוקדוני
לייבוש לעהרער
יודל מאַרק
ראובן אײַזלאַנד
י. י. שוואַרץ
שאול ראַסקין
מענדל עלקין
מ. יוועליר
שמואל נאַריד

מרדכי שטריגלער
הירש אָשעראָוויטש
יוסף מלאָטעק
חנה מלאָטעק
דר. ע. נאַקס
שמשון דונסקי
י. זילבערבערג
שמואל לאַפּין
בצלאל שערמאַן
מרדכי חסיד
דר. י. אונטערמאַן
אַ. גאָלאָמב
שלמה ווײַסמאַן
ברוך שעפנער
דר. מ. שולוואַס
אַברהם ליס
דר. יצחק פײַן
ישראל שטיינבוים
דר. א. שולמאַן
א. שולמאַן
ש. בוגאַטש
ב. רודמאַן
אַברהם קאַהאַן
שמעון גובערעק

דר. העשיל קלעפּפיש
ש. ל. שנײַדערמאַן
דר. מרדכי שעכטער
דר. שיקל פישמאַן
בינם העלער
מרדכי חלמיש
ישראל עמיאָט
דר. ה. הערצבערג
פּראָפ. אַרטור לערמער
פּראָפ. ג. ווײַנער
דר. י. אָרנשטיין
דר. ש. פּאַרטנוי
פּראָפ. ש. גוטמאַן
דר. ב. פרימער
דר. אוירווינג האַו
לייבל טענצער
שבע צוקער
ל. לאַסאָווין
יעקב בלאַנק
הרב יהודה מלבר
שמואל ראַזשאַנסקי
אליעזר אַראָנאָווסקי
אשר שטשוטשינסקי
ש. גלאַזמאַן
דאָראַ מײַזעל

***

רשימה פון די ייוואָ־טוערס

משה האַניקבוים
יחיאל ליסאָוואָדער
בערל מאָריסאָן
גיטל קאָהן
שיע יחסן
יצחק וואָלק
רבקה וואָלק
מאָלי רובינשטיין
איזידאָר רובינשטיין
מרדכי גלייבערמאַן
שרה גלייבערמאַן
אַברהם ראָווינסקי
חנה ראָווינסקי
ש. בערקאָוויטש
שמעון דײַטש
משה פרידמאַן
שרה פרידמאַן
אַרטור שעכטער
יוסף דונטאָוו
דר. א. אונטערמאַן

נחמן אַרליוק
יעקב פישמאַן
לעאָן מינדלין
דר. ג. סאַראָף
ישראל שטיינבוים
בען יאָמען
דר. א. גליק
יוסף (דזשאָו) גאָלדבערג
מנשה פעלדשטיין
מרים גינגאָלד
יצחק נאַטורמאַן
חיים קעס
מענדל חמץ
בען צווייַער
משה פישער
פ. סאָלאָמאָן
לעאָן סיגאַל
מאַקס אַסטאָר
ל. לאַסאָווין

מיכל קויפמאַן
גאָדל דזשייקאָבסאָן
יוסף בערנהויט
מוניאַ בערנהויט
שמעון גובערעק
בען קאַרטש
אַברהם האַרטשיק
מאָלי לובעלסקי
איסאַק הורוויטש
אשר שטשוטשינסקי
ישראל ווײַסמאַן
קלאַראַ ווײַסמאַן
אידיט ווײַס
בלומע שאַפּיראָ
סענדער קאַפּלאַן
לעאָן יאַרמוס
דר. יוסף דײַמאָנד

פּראָפ. אַרטור לערמער
ערן־מיטגליד

***

אָנטיילנעמער אין קינסטלערישע פּראָגראַמען

שרה פערשקאָ
חיים פערשקאָ
הדסה קעסטין
חיהלע גראָבער
בען יאָמען
בען באַנוס
מינאַ בערן
אַבי האָפמאַן

ראָזאַ לוסקי
שמואל פערשקאָ
שושנה ראָן
דינה האַלפערין
ל. קאָסיני
משה בורין
שלמה מײַזעלס
משה פרידלער

סענדער ווײַסמאַן
מינדעלע ווײַסמאַן
צבי שטאָלפער
לאה קעניג
מישאַ אַלעק־סאַנדראָוויטש
מלכה גאָטליב
אסתר באַרעט

מיאַמי ייוואָ־קאָמיטעט 1986

עס זיצן רעכטס צו לינקס: יוסף בערנהויט, מוניאַ בערנהויט, קלאַראַ ווייסמאַן, מרדכי גלייבערמאַן, גיטל קאַהן, מנשה פעלדשטיין, מרים גינגאָלד.
ס'שטייען רעכטס צו לינקס: שרה גלייבערמאַן, לעאָן יאַרמוס, מאַלי רובינשטיין, ל. לאַסאַווין, מאַלי לובעלסקי, אברהם האַרטשיק, יצחק וואָלק, רבקה וואָלק, אידיט ווייס, אשר שטשוטשינסקי, בלומע שאַפּיראָ.